ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משלי חכמה

## מאבי ממשלי משלים

## המגיד מדובנא

דברים

אידיש

**893**

הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשס"א לפ"ק

ספר המשל

# משלי חכמה

להבין על ידם באורי

## חמשה חומשי תורה והפטרות

ולאלף דעת מוסר ומדות ויראת אלהים.

נלקטו מספר

## אהל יעקב, וקול יעקב

להרב המאה"ג, גאון הדרשנים, אבי ממשלי משלים בחכמה ומוסר, צדיק מושל בי"א

מוהר"ר **יעקב מ"מ מדובנא** זצ"ל.

---

אין דיזען ספר זיינען מלוקט זעהר וואונדערליכע פירושים אונ באורים אויף חמשה חומשי תורה אונ אויף אלע הפטרות, מיט זעהר קלוגע אונ וויטציגע משלים, וועלכע עס לערנען אונז מדות טובות, מוסר אונ דרך ארץ. אלעס הערויס גענומען פון דיא הייליגע ספרים **אהל יעקב** אונ **קול יעקב** פון דעם בעריהמטען דובנער מגיד זכר צדיק לברכה, אונ איבער זעטצט אין יידיש־דייטש.

נלקט ונעתק בשפת יהודית־אשכנזית במצות והוצאת המדפיסים.

---

נאכדרוק פערבאטען

---

# ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנת תר"נ לפ"ק

---

ГАМЕШОЛИМЪ.

Притчи.

Съ Виленскаго изданія 1883 г. безъ измѣненій.

1890.

# אלה

הדברים אשר דבר משה. דער מדרש שרייבט אין פסוק שטייט מרפא לשון עץ חיים דאס גייט אויף משה רבינו ע"ה. דען וויא ער האט זוכה געוועזין צו די תורה איז געהיילט געווארן זיין לשון אונ האט אן גיפאנגן גוט צו ריידין אזו וויא עס שטייט דא געשריבן אלה הדברים אשר דבר משה דיא רייד האט משה גירעט. דיזען מאמר ווערט ערקלערט מיט דאס וואס איך האב איין מאל גיהערט פון מיין הייליגן רבי הגאון החסיד רבינו אליהו ז"ל. דר חילוק פון די ערשטע פיר ספרים צו משנה תורה דאס הייסט ספר דברים באשטייט דריין. דאס יענע האט די שכינה ממש גירעט פון משה'ס האלדז. אונ דרום איז משה גיוועזן אכבד פה. אום צו ווייזן דאס ניט ער רעט דאס נייערט הקב"ה רעט אין אים. אבער משנה תורה וואס דר הויפט איינהאלט איז נור צו ווידער האלן די מצות פון די פריערדיגע פיר ספרים דא האט הקב"ה פריער אים גיזאגט אונ משה זעלבסט פלעגט פאר זייא איבר זאגין גלייך וויא אלע נביאים פלעגן נאכהער איבר זאגין פאר די ישראל דאס וואס הקב"ה האט פר זייא מגלה גיוועזן. אונ דאס איז די כוונה פון אביי אין מסכת מגילה הללו מפי הקב"ה נאמרו והללו משה מפי עצמו אמרן עס טייטש די ערשטע פיר חומשים זיינן גיזאגט גיווארן פון גאטס מויל אונ ספר דברים האט משה גיזאגט פון זיין אייגענע מויל. ווייל מען האט שוין גינוג גיוואוסט אז דאס איז די הייליגע ווערטר פון גאט ב"ה. אם כן האט שוין משה ע"ה גימוזט איצטער ווערין איין גוטער רעדנער אונ ניט זיין מער אכבד פה. דאס מיינט דער מדרש מרפא לשון עץ חיים צו ליב דיא תורה הקדושה וואס זיא ווערט גירופין איין לעבינס בוים איז משה געהיילט גיווארן אויף זיין לשון כדי ער זאל עס איצונד קענן גוט איבר זאגין אונ ארויס געבין פר דיא ישראל. אזו וויא דא שטייט גישריבין אלה הדברים אשר דבר משה דעם. דאזיגען ספר דברים האט שוין משה אליין גירעט:

אשר נשאך יי' וגו' בכל הדרך אשר הלכתם וגו'. היינו משה רבינו ע"ה ווידר האלט אלס דינג וואס עס האט זיך פאסירט מיט דיא ישראל אין דר מדבר. ער זאגט אין די גאנצע וועג וואו איר זייט גיגאנגען האט אייך הקב"ה גיטראגן וויא א פאטער טראגט זיין קינד. דר מדרש איכה שרייבט אלו זכיתם ווען איר וואלט ווערט גיוועזן דאן וואלט איר גילייענט בכל הדרך אשר הלכתם אונ איצונד אז איר זייט ניט ווערט לייענט איר אין די מגילת איכה לא אליכם כל עוברי דרך וגו' דאס טייטש ניט פאר אייך גידאכט איר אלע בייזענדער זעהט אויב עס ליידעט ווער עס איז אזו איין ווייטאג וויא מיין ווייטאג וועלכער עס איז צו מיר גיטאן גיווארן. דיזער מדרש ווערט ערקלערט מיט דאס וואס עס איז ידוע. דאס וואס מער דיא זאך איז וויכטיגער אין צורה דאס הייסט אין קונסט אונ מייסטערשאפט דאן איז די זאך אימער שוואכער אין חומר דאס הייסט די מאטעריאל דר פון. אונ דרום וויא עס ווערט צו בראכין אונ די קינסטליכע ארבייט וואס איז גיוועזין דריין איז שוין מער ניטא האט די זאך שוין קיין ווערדע ניט. ווייל דאן איז דר עיקר נור דיא הוילע מאטעריאל דר פון אונ די מאטעריאל איז דאך גאנץ ווייניג. מיט די הקדמה איז מפורש דר בעל עקידה דעם מאמר פון מסכת כתובות בשעת רבי יוחנן בן זכאי האט דער זעהען דאס דעם גרעסטין עושרס טאכטער פון ירושלים היינו נקדימון בן גוריונס קלייבט מחמת הונגער גערשטין צווישין די מיסט פון די אראבישע בהמות האט ער אזו גיזאגט אשריכם וואול צו אייך ישראל בעת איר זייט פרום דאן שטייט

אִיר הֶעכֶער פוּן אַלֶעמֶן. וֶוען נִיט וֶוערְט אִיר דִּי נִידֶערִיגְסְטֶע אוּנְטֶער אַלֶעם. נוּן אִיז קָשֶׁה וָואס פַאר אַוואוֹלְקַייט אִיז דָאס פַר זַייא וֶוען זַייא שְׁטֵייֶען נִידֶערִיגֶער חָלִילָה אַז אַלְם דִּינְג. נָאר דָאס מֵיינְט רַבִּי יוֹחָנָן. סַייא אִיר שְׁטֵייט בְּמַעֲלָה עֶלְיוֹנָה סַייא בְּמַעֲלָה תַּחְתּוֹנָה אִיז אִימֶער אוֹיף אַייךְ צוּ דֶר קֶענֶען וִויא וואוֹל חָשׁוּב אִיר זַייט. הַיְינוּ אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין פַאל צוּ לִיבּ אַייעֶרֶע בַּארִימְטֶע גְרוֹיסְקַייט. אוּנ אִין אַנְדֶערִין פַאל דוּרְךְ אַייעֶרֶע שִׁפְלוּת אוּנ צוּבְּרָאכֶענְהַייט דָאס אִיר הָאט אַייעֶר גַאנְצִן וֶוערְט פַר לָארִן דוּרְךְ אַייעֶר צוּ בְּרָאכֶענְהַייט. דָאס אִיז אַבֶּעוַויז דָאס אַייעֶר וֶוערְט אִיז נִיט בֶּעשְׁטַאנֶען אִין חוֹמֶר נָאר אִין צוּרָה דָאס הַייסְט אִין דִּי גְרוֹיסֶע קִינְסְטְלִיכְקַייט וָואס אִין אַייךְ אִיז גִילֶעגְן. דָאס דַארוּם הָאט אִיר דוּרְךְ דִּי צוּבְּרָאכִינְהַייט פַר לָארִין דֶעם וֶוערְט אַזוֹ וִויא דִּיא קִינְסְטְלִיכֶע כֵּלִי. אוּנ נָאךְ אַמַעֲלָה אִיז דָא אִין זֵייעֶר גְרוֹיסְן עוֹנֶשׁ דֶען דוּרְךְ דִּי שְׁוֶוערֶע פּוּרְעָנִיּוֹת וֶוערְט דָאס פָאלְק דֶער וֶועקְט צוּ תְּשׁוּבָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס דֶער פוּן וַואקְסְט אַרוֹיס פַאר זַייא אַיין גְלִיק לְעוֹלָם הַבָּא אוּנ וֶוען נִיט תְּשׁוּבָה לַיידֶעט מֶען חָלִילָה אִין צְוַוייֶען אִי דִּיא צָרוֹת בָּעוֹלָם הַזֶּה אִי דֶעם עוֹנֶשׁ בָּעוֹלָם הַבָּא. לְמָשָׁל אַדָאקְטֶער וָואס גִיט דֶעם חוֹלֶה בִּיטֶערֶע רְפוּאוֹת אוּנ דֶר צוּ זָאגְט עֶר אִים אָן עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין פוּן שֶׁעדְלִיכֶע מַאֲכָלִים. נוּן וֶוען עֶר פָאלְגְט אִים חָאטְשֶׁע עֶר לַיידֶעט פוּן דִּיא בִּיטֶערֶע רְפוּאוֹת. דָאךְ אָבֶּר וֶוערְט עֶר גְלִיקְלִיךְ אִין גִיזוּנְד. אָבֶּער וֶוען עֶר הֶערְט נִיט דֶעם דָאקְטֶער אוּנ עֶסְט דִּי שֶׁעדְלִיכֶע זַאכִין דַאן לַיידֶעט עֶר אִין צְוַוייֶען אִי פוּן דִּי בִּיטֶערֶע רְפוּאוֹת אִי פוּן דִּי קְרַאנְקְהַייט. אַז עֶס אִיז גִישְׁרִיבִּין אִין יִרְמְיָה אֲשֶׁר לַחֶרֶב לַחֶרֶב וַאֲשֶׁר לָרָעָב לָרָעָב דִּי וֶועלְכֶע צוּם שְׁוֶוערְד זַיינֶן צוּ שְׁוֶוערְד אוּנ וֶועלְכֶע צוּם הוּנְגֶער זַיינֶען צוּם הוּנְגֶער. עֶס אִיז גִימֵיינְט זַייא קוּמֶן נִיט צוּ דֶעם תַּכְלִית פוּן תְּשׁוּבָה דֶען זַייא בַּאשֶׁערִין זִיךְ נָאר נִיט דוּרְךְ דִּי עוֹנְשִׁים מֶער נִיט וָואס זַייא בְּלַייבִּן בַּייא דִּי צָרוֹת. דָאס גְלַייבִּין רֶעט זִיךְ פַאר נַאנְדֶער דֶר הֵיילִיגֶער מְשׁוֹרֵר אִין תְּהִלִּים מַה תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וגו׳ כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ וגו׳ דָאס טַייטְשׁ דוּ נֶפֶשׁ וָוארוּם בַּאקְלָאגְסְטוּ זִיךְ אוֹיף דָאס וָואס דִּיר גֵייט נִיט גוּט. דוּא דַארְפְסְט דָאךְ אַדְרַבָּה דַאנְקֶען אוּנ לוֹיבִּין צוּ הַשִּׁי״ת דֶער פַאר וַוייל דֶער פוּן וֶועט דִּיר אַרוֹיס וַואקְסִין אַיין יְשׁוּעָה אוֹיבּ דוּא וֶועסְט גוּט אוּנ פְרוּם וֶוערְן. עֶנְטְפֶערְט דֶר נֶפֶשׁ אֱלֹהַי עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח כְּלוֹמַר וִויא זָאל אִיךְ נִיט וַויינֶען אַז לאֹ דַי וָואס פוּן דִּי צָרוֹת וֶוערְט מֶען נִיט בֶּעסֶער. אַדְרַבָּה דִּי נְשָׁמָה וֶוערְט נָאךְ מֶער פַר שְׁמוּצְט אוּנ אַיין גֶעבֵּייגֶען אִין חֲטָאִים דוּרְךְ דִּי צָרוֹת אוּנ גְזֵירוֹת וֶועלְכֶע מֶען הָאט גִילִיטִן פוּן דִּי הַיידִין. אִיצוּנְד וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶערְן צוּ דֶעם מֶדְרָשׁ וָואס מִיר הָאבִּן אָן גִיפַאנְגֶען אִלּוּ זְכִיתֶם וכו׳ בְּעֵת מִ״ר זַיינֶען וֶוערְט גִיוֶועזִין זַיינֶען מִיר גִישְׁטַאנֶען אִין אַזוֹ אַיין הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה דָאס הקב״ה כַּבְיָכוֹל הָאט אוּנְז מַמָּשׁ אוֹיף דִּיא הֶענְט גִיטְרָאגִין וִויא עֶס אִיז גִישְׁרִיבִּין אֲשֶׁר נְשָׂאֲךָ יְיָ אֱלֹהֶיךָ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא אִישׁ אֶת בְּנוֹ בְּכָל הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הֲלַכְתֶּם אוּנ וִויא אִיר זַייט נִיט פְרוּם גִיוָוארִין דָא זַייט אִיר דָאס גֶעגֶענְטַייל אַזוֹ אוּנְגְלִיקְלִיךְ גִיוָוארִן אַז עֶס גִיפִינְט זִיךְ נִיט אַייעֶר גְלַייכִן. אַז דֶר מְקוֹנֵן קְלָאגְט לאֹ אֲלֵיכֶם כָּל עוֹבְרֵי דֶרֶךְ הַבִּיטוּ וּרְאוּ אִם יֵשׁ מַכְאוֹב כְּמַכְאוֹבִי דֶר פוּן אִיז אַרוֹיס צוּ זֶעהֶן וִויא זֵייעֶר חָשׁוּב אִיר זַייט גִיוֶוען. וִויא פְרִיעֶר-אִיז עֶרְקְלֶערְט גִיוָוארִין:

## הפטרת דברים

שִׁמְעוּ שָׁמַיִם וְהַאֲזִינִי אֶרֶץ דָאס טַייטְשׁ יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא זָאגְט אִיר הִימְלֶען הֶערְט צוּ אוּנ דִּי עֶרְד פַאר נֶעם וָואס גָאט הָאט גִירֶעט. וָוארוּם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִיזָאגְט פַר קֶערְט הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ זַיינֶען דִּי חֲכָמִים אַזוֹ מְפוֹרָשׁ. מֹשֶׁה אִיז גִיוֶועזִין נָאהֶענְט צוּם הִימִיל אוּנ וַוייט פוּן דֶער עֶרְד הָאט עֶר גִיזָאגְט הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם דֶען מִיט דֶעם לָשׁוֹן הַאֲזִין וֶוערְט גִירֶעט צוּ דֶעם וָואס שְׁטֵייט נָאהֶענְט אוֹיךְ וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ וָוארוּם מִיט דֶעם לָשׁוֹן שְׁמַע וֶוערְט גִירֶעט צוּא דֶעם וָואס שְׁטֵייט פוּן וַוייטִן. יְשַׁעְיָה אִיז אָבֶּר גִיוֶוען וַוייט פוּן הִימִיל

אוּנ

און נאהענט צו די ערד דרום האט ער גיזאגט פר קערט שמעו שמים והאזיני ארץ . עס איז נייטיג צו פאר שטיין בשעת זייא האבין גיזאגט דיא דאזיגע ווערטער זיינען זייא דאך ביידע גיווים גיוועזין אויף דער ערד . נון איז קשה ווארום האבן ניט גיזאגט ביידע מיט איין גלייכן לשון. נאר דריין ליגט גאר אטיפע כונה . עס איז ידוע דאס מיט צוויא ערלייא אופנים קען מען דער גיין דעם ענין פון יראת שמים . ענטווערער דורך הימילשע זאכן היינו דר גרויסר מענטש דר זעהט אין די תורה הקדושה דרכים און גוטע תחבולות וויא צו צו קומען צו עבודת הבורא יתברך . אדר דורך וועלט זאכין . דאס הייסט דר וואס האנדילט מיט דער וועלט קען ער זיך דר פון גופא לערנען וויא פרום צו זיין ווייל ער זעהט דעם וואס פירט זיך אין זיינע עסקים ארענטליך נייט אים דאס רוב גוט און דער וועלכער ער שווינדילט און לייגט זיך אפ אויף פאלשקייט עולות גניבה גזילה וכדומה ווערט ער לסוף אונגליקליך . דאס אליין איז גינוג אלמוד מען זאל זיין ארענטליך און פרום . דאהער אין משה'ס צייטין וואס זיינען גיוועזין דיא גרעסטע טייל וויכטיגע מענער . דר דור המדבר איין דור דעה אלע זיינען גילעגין אין הימעלשע ענינים . און פון דיא עניני גשמיות פון וועלט זאכין זייער וייט גיוועזין דרום האט משה גיזאגט האזינו השמים וגו' ותשמע הארץ כלומר איר קענט נעהענטער און גיכער פאר שטיין יראת שמים פון די הייליגע תורה וואס זיא איז גינעבין גיווארין פון הימילשע ענינים מער אז פון וועלט ענינים ווייל איר זייט וייט דר פון . אבער אין ישעיה'ס צייטין אז דר דור איז שוין גיוועזין הערונטר וייט פון תורה און צו הבלי עולם הזה זייער נאהענט אויך האבן זייא גינוג שוין גיזעהן גלותין פון די עשרת השבטים און דעם ביטערין פסק פון רשעים מדה כנגד מדה . דרום האט ער גיזאגט שמעו שמים והאזיני ארץ כלומר פון די הימילשע ענינים זייט איר וייט קענט איר זיך ניט אזו גיך דר פון לערנען עבודת הבורא יתברך . דרום נעמט זיך אראפ איין מוסר פון דאס וואס איר זעהט מיט אייערע אויגין וויא עס פאסירט זיך דא אין דער וועלט און דאס איז דאך נאהענט צו אייך . דען דר הויפט ליגט איר דאך אין וועלטליכע ענינים :

אם תאבו ושמעתם טוב הארץ תאכלו עס טייטש אויב איר וועט וועלין און צו הערין וועט איר עסין די גוטש פון דיא לאנד . דר ווארט תאבו איז אין פלוג איבעריג . גינוג עס זאל שטיין אם תשמעו טוב הארץ תאכלו . עס וועט דאס אבער גוט רעכט ווערין מיט אמשל . איינעם אגביר איז גיפעליג גיווארן איינער אוואוילער ארעם בחור פאר אחתן פאר זיין טאכטער . דר בחור האט גיהאט אפאטער אין אווייטע שטאט האט דר גביר גישיקט נאך אים אום ער זאל אויך מסכים זיין אויף דעם שידוך . דר פאטר איז אבר ניט צו פרידין גיוועזן דר פון און וואסרע השתדלות מען האט גילייגט אויך מתנות האט אים דער מחותן צו גיזאגט און דאך האט מען ניט גיפועלט ביי אים . ביז דער גביר האט זיך מישב גיוועזן און האט גיענדיגט דעם תנאים מיט דעם חתן אליין אן דעם פאטערס ידיעה . דאן האט שוין דר פאטער ניט ווילענדיג אויך מסכים גיוועזין . נאכהער איז ער גיקומן בעטין די מתנות וואס מען האט אים פר שפראכין צו געבין . ענטפערט דר מחותן ניין . ווען דו האסט ניט איין געשטימט צום שידוך און דר תנאים איז גישריבן גיווארן אן דיין ידיעה . נון ווארום זאל איך דיר געבין . על כן די נדן פר דעם זון גיב איך וויא איך האב אפ גירעט מיטין חתן אבער דיר גאר נישט . דער נמשל איז . הקב"ה האט גיטאן אשידוך מיט דאס פאלק ישראל . דאס הייסט דר עיקר מיט די נשמות און דער נדן איז דיא עולם הבא ווארום אלע תענוגי עולם הזה איז ביי דיא נשמה גירעכינט נאר גיכט נור דיא נשמה האט אפאטער עס איז גימיינט דעם גוף זיא דארף האבין אין אלע מצות זיין הסכמה . בדמיון גיין טאן איין מצוה פאדערט דר צו די פיס די הענט וכדומה . עס גיט אבר צווייערלייא גופים . ערשטין דר וואס עס איז גיבארין פון נאטור מיט ג טע מדות און דר חומר איז תיכף מסכים צו דעם רצון פון די נשמה צו טאן גוטעס . נון אזעלכין קומט דעם גוף אויך שכר בעולם הזה . צווייטינס אזעלכר וואס ער איז גיבארן מיט שלעכטע תאוות נאר ער מאטערט זיך גינוג ביז ער ברעכט זיין יצר הרע און ניט ווילענדיג איז לסוף דר גוף אויך מסכים צו טאן די מצוה נוא אין דעם אופן פר וואס זאל דעם גוף קומען שכר אויף דר וועלט

(וויא דר רמב"ם ז"ל איז מאריך אין דעם ענין אין זיינע שמונה פרקים) אונ דאס איז דר מיין פון די גמרא אין מסכת ברכות צדיק וטוב לו צדיק גמור. צדיק ורע לו צדיק שאינו גמור היינו איין רעכטער צדיק דאס זיין חומר שטימט אויך איין צוא גוטעס האט ער אויף דר וועלט אויך גוטש. אבר ניט איין רעכטער צדיק דאס הייסט וואס זיין גוף איז ניט מסכים צו מצות אזעלכן גייט שלעכט אויף דער וועלט נייערט ער באקומט זיינע גדן לעולם הבא. איצונד פר שטייט זיך פון זיך זעלבסט דיא רייד פון ישעיה אם תאבו ושמעתם טוב הארץ תאכלו כלומר ווען איר וועט וועלין באמת טאן מצות בגוף ובנפש דאן וועט איר דיא גוטעס פון דיא לאנד אויך גיניסין אויסער דעם חלק לעולם הבא. וויא פריער איז ערקלערט גיוואריו:

## פרשת ואתחנן

ואתחנן אל יי. דער מדרש שרייבט דאס מיינט דר פסוק אין תהלים בתוכחות על עון יסרת איש ותמס כעש חמודו דעם מאן משה רבינו ע"ה האסטו גישטראפט איבער איין זינד אונ פון זיינע גילוסטיגע תפלות דאס ער זאל אריין קומן אין ארץ ישראל איז גאר נישט גיווארן. נון ווען אזו האט זיך פאסירט מיט דעם צדיק משה רבינו ע"ה מכל שכן אפראסטן מענטשן אך הבל כל אדם נור אלע מענטשין זיינען גאר נישט גיאכטעט. כדי דעם מאמר פשוט צו פר שטיין וועלן מיר ברייגגן א משל. איינעם אגביר האבן אים פיל לייטין אן גיזעצט זייער פיל געלט. נאטירליך האט ער זייא יעדערן נאך זיין פאר מעגינם נאך גינוג נוגש גיוועזן וויא נייט מעגליך זייא זאלין אים באצאלין דעם חוב. דר אונטער האט זיך אבר גיפונגן איין ארעמער לוה איין עני מדוכה. אים האט ער קיין ווארט ניט גירעט. דער דאזיגער ארימאן האט זיך דר מיט באריממט דאס נאר אים איז דר מלוה נושא פנים אונ קיינעם ניט. האט זיך אפ גירופן איינער פון די איבעריגע לוים. דו דארפסט וויסין אז דו ביסט נאר דר גידעריגסטער אנטקעגין אונז אלעמען אונ ניט דיינע חשיבות אדרבה דיין דלות ושפלות רחמנא לצלן איז דיא סבה וואס דער גביר לאזט נור דיר איינעם צו רוהע. דר ענין דר פון איז איין טיפין מוסר פר אונזערע לייטן. מען זאל זיך ניט רעכינן דאס מיר זיינען עפים חשובים אנטקעגן די אלטע דורות ווייל מיר זעהן אפט וואסרע זינדיגר מיר זיינען אנטקעגן דעם בורא יתברך אונ דאך איז השי"ת איין ארך אפים אונ שטראפט אונז ניט אונ אונזערע עלטערין בשעת חורבן האבין זוא גיליטין אזעלכע צרות וגזרות. זאגט דער מדרש גיין בתוכחות על עון וגו' דער צדיק משה רבינו ע"ה האט פיל מאל מתפלל גיוועזין צו הקב"ה אונ האט גיבעטין ער זאל קענן אריין קומען אין ארץ ישראל. וויא עס שטייט דא גישריבין ואתחנן אל יי וגו' אעברה נא וגו' אונ איבר איין קליינע עבירה האט שוין הקב"ה אים גישטראפט אונ משה איז ניט אריין אין ארץ ישראל. אפשיטא שוין מיר זינדיגע לייטין וויא זייער קומט אונז צו שטראפין. נאר דר תירוץ איז אך הבל כל אדם כלומר דאס ווייזט ניט וויא חשוב מיר זיינען אדרבה דאס איז איין סימן וויא נייט שפל אונ ארעם מיר זיינען אין תורה ומעשים טובים דען וואס איז דא צו ריידין מיט איין קבצין. אונ דער פון גופא דארפן מיר זיך דער וועקין צו תשובה וויא מיר זאגין אין סליחות כדלים וכרשים דפקנו דלתיך מיר קלאפין אן אויף דייניע טירין פון תשובה מחמת מיר פיהלען וואסערע ארימע לייט מיר זיינען אין תורה אונ עבודה:

דער מדרש שרייבט דא. דוד המלך ע"ה האט גיזאגט יענך יי ביום צרה ישגבך שם אלהי יעקב. א משל איין אשה איז גיגאנגן שווער צו קינד האט מען צו איר גיזאגט דר גאט וואס האט גיענטפערט דיין מוטער וועט דיר אויך ענטפערן. דאס גלייכן טרייסט דוד המלך די ישראל דר גאט וועלכר ער האט גיענטפערט פון צרות אונזער פאטר יעקב ע"ה אין די צייט אז ער האט מתפלל גיוועזין וויא דער פסוק זאגט לאל העונה אותי ביום צרתי דר זעלביגר וועט אייך אויך ענטפערין. דער עיקר כונה פון מדרש

ווערט ערקלערט מיט איין משל. איין עושר גדול האט גיהאט איין בן יחיד אגרויסער שוטה אונ איין טויגעניכץ. ויהי היום עס איז גיקומן די צייט פון פאטערס טויט האט ער גישיקט אריין רופין דעם זון אונ זאגט אזו צו אים. מיין קינד איך לאז דיר איבר אין יענעם אונ יענעם אייזערנם קאסטין איין גרויסין פר מעגינס. פר איין אנדערין וואלט דאס גיוויס גינוג גיוועזין צו צערין דער פון אויפן גאנצין לעבין מיט רחבה. נאר אבער מחמת איך ווייס ווער דו ביסט דאס עס וועט ניט אויף לאנג בייא דיר דויערין עס וועט דר פון גאר נישט ווערן דאהער האב איך דיר פר זארגט פון אן פאנג אויף שפעטער. זעה אונטער אלע חפצים אויף דעם דעק פון קאסטין וועסטו גיפינען, אזו אמין חפץ וואס דר פון וועסטו קענען ציהען אייביגע חיות. דאס איז גיוועזין אבקשה בריף אפ גישריבן אויף זיין נאמן מיט דעם נוסח וויא מען גיט ארוים. איין ארימען יורד פון איין גבירעשע משפחה אום ארום צו פארן איבר דר וועלט קלייבין נדבות. דר כלל איז אזו וויא מיר האבין שוין כמה מאל גישריבין דאס אלע מעשים פון די אבות זיינען נור גיוועזין כדי אונז צו פאר זארגין אויף שפעטער. דאס גלייכין יעקב אבינו ע"ה האט גוט אכטונג גיגעבין אז דר גוטער אוצר פון בהמ"ק מיט די גאנצע עבודה פון די קרבנות וועט אמאל אונטער גיין. דרום האט ער אפריער מכין גיוועזין פאר אונז דעם ענין פון תפלה וואס דאס גייט קיין מאל ניט אויס אונ האט כמה מאל מתפלל גיוועזן אזעלכע תפלות וואס פר אים אליין האט דאס גאר ניט גינוצט. ווייל דער עיקר האט ער נור גימיינט פון אונזערט וועגן. דען אונזערע תפלות דר וועקן יענע תפלות אונ מיר ווערין אויך גיענטפערט בזכות זייא. איצונד פר שטייט זיך דר מדרש פון זיך זעלבסט יענך יי ביום צרה ישגבך שם אלהי יעקב. מי שענה את אמך כו' היינו דוד זאגט צוא די קינדער ישראל. צו ליב דיא תפלות פון אונזער פאטר יעקב ע"ה דאס הקב"ה האט אים דאמאלסט גיהאלפין וועט הקב"ה אייך אויך ענטפערין אין אייערע נויטין ווען איר וועט מתפלל זיין וויא מען זאגט צו אשווערע גיווינערין וויא דיין מוטר איז גיהאלפן גיווארן אזו וועסטו אויך גיהאלפין ווערין:

לא תוספו על הדבר וגו' ולא תגרעו ממנו דאס הייסט מען טאר ניט מערין אויף דיא מצות אויך ניט מינערין פון זייא נור היטין וויא גאט ב"ה האט גיבאטין. עס איז נייטיג צו פאר שטיין. דאס איז נור רעכט אויף ווייניגער. אבר ווארום זאל מען ניט טארין פאר מערין ווען מען טוט דאס אלעם פון גאטש וועגין. עס איז אבער דאס לייכט צו ערקלערין מיט איין משל. אשכן האט גיליען בייא דעם אנדערין איין פאר גאפיל מעסר אונ האט אים צוריק אפ גיגעבן צוויי פאר ער האט גיזאגט דאס פון די איין פאר איז גיבארין גיווארן נאך איין צווייטע דרום גיהערט דאס צו אים. יענעם איז דאס זייער גיפעליג גיווארן די מעשה דאס בייא זיין חבר זיינן זיינע חפצים פרה ורבה אונ דאהער האט ער אים אצווייטין אויך אדריטין מאל אן גיבאטין ער זאל אים טאן די טובה אונ וואס עס איז בייא אים לייען. דר חבר האט גינומן איינע קליינקייטין אונ טאקי אוועק גיגעבן אימער אין דאפעל. אמאל קומט דר זעלביגר צו גיין האסטיג אונ זאגט צום שכן גיב מיר דיינע גרויסע פאר זילבערנע לייכטער ווארום בייא מיר אין הויז איז היינט אשמחה. ער האט אים דער לאנגט בשמחה רבה מיט דעם מיינונג דאס ער וועט אים אפ געבין צווייא פאר. נון ער ווארט איינגע טעג אונ יענער טראגט ניט אפ. איז ער אריבער גיגאנגן צו יענעם אין שטוב אריין ער דער זעט זיין חבר זיטצט אויף דר ערד מיט אטרויעריגע צורה. ער האט אים גיפרעגט די סבה דר פון. האט ער אים גיענטפערט דו ווייסט גאר ניט אז איך בין בתמנא לצלן איין אבל נאך דיינע לייכטער וואס זייא זיינן נעכטין פלוצלונג אפ

גִישְׁטָארְבִּין . אוּנ אַז עֶר הָאט אָן גִיהֵייבְּן צוּ שְׁטוּרֶעמֶן אוּנ שְׁרַייעֶן דָאס עֶס אִיז אַיין שֶׁקֶר דֶען עֶס אִיז דָאךְ נִיט גִיהֶערְט גִיוָוארִין דָאס אַיין חַפֶּין זָאל שְׁטַארְבִּין . זָאגְט צוּ אִים דֶער לַייעֶר נוּן אִיז דֶען וֶוען גִיהֶערְט גִיוָוארְן דָאס אַיין חַפֶּין זָאל מַאכִין גִיבָּארִין נָאךְ אֵיינֶעם . דְרוּם וֶוען דוּא הָאסְט גִיגְלוֹיבְּט אַז עֶס קֶען גִיבָּארְן וֶוערְן דָאס גְלַייכִין מוּזְטוּ גְלוֹיבִּין דָאס עֶס קֶען אָפּ שְׁטַארְבְּן אוֹיךְ . דֶער נִמְשָׁל אִיז וִויא דִי רַבָּנָן ז"ל שְׁרַייבְּן אַיין כְּלַל כָּל הַמּוֹסִיף גּוֹרֵעַ דֶר וֶועלְכֶר עֶר לֵייגְט צוּ אִין עֶפִּים אַזַאךְ אוּנ טוּט נִיט רִיכְטִיג וַויא עֶס אִיז בֶּעשְׁטִימְט הֵייסְט דָאס עֶר נֶעמְט אַדְרַבָּה אַרָאפּ אוּנ מַאכְט וֵוייגִיגֶר . וִויא מִיר זֶעהֶן פִיל וִויכְטִיגֶע אוּנ הַארְבֶּע מִצְוֹת וֶוערְן בָּטֵל בעוה"ר צוּ לִיבּ אַזֶעלְכֶע מִנְהָגִים וֶועלְכֶע אוֹיף זַייא אִיז קַיין רֶמֶז צוּ גִיפִינֶען אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ . (דִ"יא סִפְרֵי מוּסָר שְׁרַייעֶן שׁוֹין אוֹיף דֶעם גִינוּג אוּנ פִירִין אָן כַּמָה בַּייא שְׁפִּילֶע) דְרוּם זָאגְט אוּנְז אָן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לֹא תוֹסִיפוּ וגו' וְלֹא תִגְרְעוּ אִיר זָאלְט נִיט צוּ לֵייגִין נַייֶע מִצְוֹת אוּם דֶער פוּן זָאל נִיט אַרוֹיס קוּמֶען חָלִילָה דָאס אִיר וֶועט לְסוֹף אַרָאפּ נֶעמֶען מִצְוֹת . דֶען אוֹיבּ עֶס אִיז אַסְבָּרָא בַּייא אַייךְ דָאס אַנָאפִיל הַיְינוּ עֶפִּים אַמִצְוָה קֶען גִיבָּארִין וֶוערִין . דַאן אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז דֶער גְרוֹיסֶער זִילְבֶּערְנֶער לַייכְטֶער הַיְינוּ אַוויכְטִיגֶע מִצְוָה זָאל חָלִילָה אָפּ שְׁטַארְבִּין פוּן אַייךְ :

כִּי מִי גוֹי גָדוֹל וגו' בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו דָאס טַייטְשׁ וֶועלְכֶעס פָאלְק אִיז אַזוֹי גְרוֹיס דָאס הקב"ה אִיז צוּ אוּנְז נָאהֶענְט וֶוען נוּר מִיר רוּפִין צוּ אִים . דֶער מִדְרָשׁ שְׁרַייבְּט רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן זָאגְט דִי שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה זַייֶען אַמָאל אָפִין אוּנ אַמָאל פַר שְׁלָאסִין וִויא עֶס שְׁטֵייט וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ יְיָ עֵת רָצוֹן מַיין תְּפִלָּה קוּמְט אָן צוּ דִיר גָאט דַוְקָא אִין אַיין עֵת רָצוֹן . אוּנ רַב עָנָן זָאגְט דִי שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה וֶוערְן קַיין מָאל נִיט פַר שְׁלָאסִין אַזוֹי וִויא דָא אִיז גִישְׁרִיבִּין בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו אוּנ דָר וָוארְט קְרִיאָה אִיז גִימֵיינְט תְּפִלָּה, אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט אִין יְשַׁעְיָה וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ

וַאֲנִי אֶעֱנֶה עוֹד הֵם מְדַבְּרִים וַאֲנִי אֶשְׁמָע בֶּעפָאר זַייא וֶועלְן רוּפִין וֶועל אִיךְ זַייא שׁוֹין עֶנְטְפֶערִין זַייא רֵיידִין נָאךְ אוּנ אִיךְ דֶער הֶער שׁוֹין דִיא מְפָרְשִׁים פְרֶעגִין וִויא אַזוֹי פָארְט אִיז מֶעגְלִיךְ דָאס דִי דָאזִיגֶע חֲכָמִים זָאלְן קְרִיגִין צְווִישִׁין אַנַאנְד אִין אַזוֹי אַיין עִנְיַן וָואס אִיטְלִיכֶער זָאגְט פַר קֶערְט אַז דֶר צְוֵוייטֶער אוּנ בְּרֵיינְגְט נָאךְ אַרְאָיָה צוּ זַיין דֵעָה פוּן אַפָּסוּק. אִם כֵּן מִמָה נַפְשָׁךְ זָאגְט דָאךְ אֵיינֶר פוּן זַייא חָלִילָה נִיט רִיכְטִיג . מִיר וֶועלִין דְרוּם רֶעכְט מַאכִין מִיט אַיין מָשָׁל דָאס בֵּיידֶע חֲכָמִים מֵיינֶען אֵיינְס אוּנ קַיין מַחְלוֹקֶת אִיז נִיטָא . אַיין דָאקְטֶער הָאט גִיקוּרִירְט צְוֵויא גְלַייכֶע חֲלָאִים אִיז אֵיינֶער תֵּיכֶף פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע רְפוּאוֹת גִיזוּנְד גִיוָוארִין אוּנ דֶר צְוֵוייטֶר נִיט . עֶס אִיז גִיוֶוען בַּייא אַלֶעמֶען אַוואוּנְדֶר אוּנ דַאהֶער הָאט מֶען גִישִׁיקְט רוּפִין אַיין אַנְדֶער דָאקְטֶער . הָאט עֶר זַייא אַזוֹי עֶרְקְלֶערְט. בַּייא דֶעם עֶרְשְׁטִין קְרַאנְקִין אִיז יֶענֶער אַיין יָאר דָאקְטֶר אוּנ וַוייל עֶר וֶועט נִיט מֶער בַּאקוּמֶען פוּן אִים אַז זַיינֶע יֶערְלִיכֶע גִיהַאלְט דְרוּם הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטַארֶעט עֶר זָאל זִיךְ גִיזוּנְד וֶוערְן. אָבֶער פוּן דֶעם צְוֵוייטִין הָאט עֶר נִיט יֶערְלִיךְ גִיהַאלְט נַייעֶרְט פוּן יֶעדֶר וִויזִיט . דְרוּם הָאט עֶר בַּכִּיוָון גִיצוֹיגִין זַיין קְרַאנְקַייט בִּכְדֵי דֶער קְרַאנְקֶער זָאל גִיגֵייט זַיין אִים אוֹיף צוּ פָאדֶערִן פִיל מָאל אוּנ פַר יֶעדִין מָאל וֶועט עֶר בֶּעקוּמֶען פוּן אִים גִיצָאלְט . דִיא מַעֲשֶׂה דֶער פוּן אִיז אַטִיפֶער מוּסָר . דֶען מִיר פְּרָאסְטֶע לַייטִין וֶוען עֶס גֵייט אוּנְז גוּט רֶעכִינֶען מִיר דָאס אוּנְזֶערֶע חָכְמוֹת בְּרֵיינְגְט דָאס מִיט אוּנ מִיר פַר גֶעסִין אָן הַשֵּׁי"ת . סַיידִין וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ ח"ו נִיט גוּט דַאן פַאלִין מִיר צוּ בֶּעטִין בַּייא הקב"ה הִילְף . דְרוּם דֶר גְרוֹיסֶר דָאקְטֶר כַּבְיָכוֹל צִיעֶט אוּנְז אוּנ עֶס דוֹיעֶרְט גִינוּג אֵיידֶר עֶס קוּמְט דֶר עֵת רָצוֹן אוּנ עֶר עֶנְטְפֶערְט אוּנְז אוּם מִיר זָאלִין גֶעוֵייט זַיין אֵיינִיגֶע מָאל מִתְפַּלֵל צוּ זַיין . וָוארוּם וֶוען נִיט אִיצְטֶער טוּא וֶוען דֶען וֶועלִין מִיר זִיךְ שׁוֹין צוּ אִים ווִידֶער קֶערִן אוּנ אִין דֶעם אוֹפֶן מֵיינְט רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר

נחמן

נחמן דאס אמאל זיינן די שערי תפלה אפין און אפט פר שלאסין. אבר די צדיקים וואס זייא זיינן אימער מתפלל צו הקב"ה דען זייא ווייסין קלאר אז קיין זאך פון דיא קלענסטע ביז דאס גרעססטע ווערט ניט גישעהן אז זיין ווילין יתברך. הייסט דאס ער כביכול איז זייער יאהר דאקטאר אונ דרום ענטפערט ער זייא תיכף. וויא עס שטייט דא ככל קראנו אליו. אונ אזו איז דער פשט פון פסוק והיה טרם וגו' כלומר איך גאט ב"ה טוא זייער רצון איידער זיי בעטין. עוד הם מדברים וגו' ווייל זייער גאנצר געשפרעך הער איך אז עס איז אימר ווענין תפלות ובקשות אונ היילינגע ענינים. נון ווען זייא זיינען מיינע יאר לייטע ווארום זאל איך זייא איצונד לאנג ציהען זייער קראנקייט:

בצר לך וגו' באחרית הימים ושבת וגו' כי אל רחום וגו' דאס טייטש משה רבינו ע"ה זאגט צוא ישראל ווען דיר וועט זייער שלעכט ווערין אין די לעצטע צייטין דאן זאלסטו תשובה טאן ווארום גאט ב"ה איז איין רחום ער וועט דיר העלפין. אום גרונטיג צו פר שטיין דעם פסוק וועלין מיר דא ברייננן איין משל. איין שר האט ארוים גיטריבן אזון אונ האט אים פר,שיקט אין מרחקים ווייל ער האט אנטקעגן אים שטארק פר בראכן. דאך מצד רחמנות פלעגט ער אים אונטער שיקין אפט אויף הוצאות דורך פרעמדע הענט באופן דר זון זאל ניט מערקין דאס דער פאטער גיט דאס אים. לסוף האט דער שר זייער אן גיהייבין בייננקען נאכן זון. אבר דאס האט גיווים ניט גיפאסט פר אים דאס ער זאל נאך אן מוטין דעם זון ער זאל קומען נייערט דר זון דארף זיך בעטין בייא דעם פאטר. אונ דאס איז אונמעגליך גיוועזין צו פועלן בייא אים. וואס האט דר פאטר זיך מיישב גיוועזן. ער האט אויף גיהערט אים צו שיקין אויף דר הוצאה דאן איז דעם זון גיווארן זייער שלעכט אונ האט שוין גימוזט אליין קומן צו דעם פאטר בעטין זיך מיט גיוויין אונ תחנונים דאס ער וועט שוין זיין גוט אונ פרום נאר ער זאל אים צו נעמען צו זיך אין פאלעץ. דר נמשל איז הקב"ה מיט די קינדער ישראל. מיר האבין אנטקעגן אים גיזינדיגט אונ מיר זיינן דרום פר טריבין גיווארין פון זיין טיש דאס הייסט פון די היילינגע לאנד. דאך וואו מיר גיפינען זיך שפייזט ער אונז בסליך ווייס מיט זיינע רחמנות. דורך פר באהרגינגע נסים. ווען וועט אבר זיין אסוף פון די צרות זאגט אונז משה רבינו ע"ה דעם סימן בצר לך וגו' אין די צייט ווען די אומה ישראל וועט ווערן זייער איינג דאס אפילו די גימיינע חיות וועט זייא שוין אויך אן הייבין פעלין. זאל מען ניט מיינען אז גאט ב"ה האט שוין זייא גאר פאר לאזין אונ ער הערט ניט זייערע תפלות. ניין דאס ווייזט אדרבה אויף דר עיקר גאולה צייט אונ השי"ת האט אויף גיהערט צו שיקין אויף הוצאות כדי מען זאל זיך קערן צו אים מיט תשובה דאן וועט זיך עפענען דער קוואל רחמנות זיינע אונ עס וועט ווערין אגאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

ואהבת את יי וגו' והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך דר ילקוט שרייבט עס שטייט ואהבת וגו' מען זאל גאט ליבין. אבר מען ווייס ניט וויא. דרום שטייט נאכהער והיו הדברים וגו' עס טייטש דיא רייד וועלכע איך באפעל דיר זאלין זייא זיין אויף דיין הארצין. נון דר פון קענסטו שוין דר קענען גאט ב"ה אונ פאר שטייסט שוין וויא אים צוא ליבין. דער אונפארשטענדליכר מאמר ווערט ערקלערט מיט א משל. אדארף מאן וואס איז גיגאנגן אין אפעלץ אונ פון אויבין אגראבע פאר שמוצטע קלייד איז ארין גיגאנגן אין אקראם פון טייערע בגדים אונ בעט איין זיידענעם בגד וויא אויף זיין מאס. דר קרעמער האט אים דר לאנג זא איין בגד. ער נעמט אונ שלעפט שוין אן מעסטין אויף זיין גראבין פעלץ. אבער עס גייט ניט. האבין אלע אן גיהייבן לאכין פון אים אונ זאגין שוטה וויא קומט זיידינס צו אפאר שמוטצטען גראבין פעלץ טוא אוים פריער דיא גראבע קליידר

דאמאלס וועסטו זעהען וויא עס וועט דיר גוט פאסין דר בגד. דר ענין דר פון איז אזו. הקב"ה האט אונז דר לאנגט אפיינעם בגד פון רמ"ח מצות עשה אונ שס"ה מצות לא תעשה עס זאל פאסין צו דיא רמ"ח אברים אונ שס"ה גידים. אבער ווען פאסט ער אויף אונז אז מען זאל זיך אפריער אויס טאן פון אלע טומאות אונ תאוות זרות אונ זיך גוט ריינגין וויא גיהערינג איז בקדושה וטהרה. אבער דר בעל עבירה וואס איז עוסק בתורה ומצות איז ער נאך אדרבה מער מוסיף אכח אין די קליפות וסטרא אחרא רחמנא לצלן. דאס איז דיא כונה פון דעם ילקוט כתיב ואהבת עס איז גישריבין מען זאל באמת גאט ב"ה ליב האבין. פאר שטייט מען גיט וויא אזו קען אמענטש צוא קומען צו אזו אהויכע מדרגה. דרום שטייט ווייטער על לבבך דיא תורה ומצות זאלין ליגין אויף דיין ריינעם הארצין. כלומר אבער ניט אונטין די טומאה אונ אויבן כלומערסט תורה אונ יראת שמים. נון אויב דוא וועסט זיך אזו גוט ריינגן אונ אויס טאן פון תאוות והבלים. אונ נאכהער אן טאן דעם בגד פון תורה ועבודה דאן וועסטו האבן אידיעה אין הקב"ה אונ צו קומען צו אהבת הבורא יתברך באמת. אז דר מדרש שרייבט. הקב"ה זאגט בעפאר איר זייט מתפלל דאס די תורה זאל אריין קומען אין אייערע גידערים. בעט בעסער פריער דאס דיא הבלים ותאוות זאלין ארויס גיין פון אייערע גידערים:

## הפטרת ואתחנן

נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם טרייסט טרייסט מיין פאלק טוט זאגן אייער גאט. ווארום שטייט צווייא מאל נחמו פאר שטייט מען עס מיט איין משל. צווייא מענטשין פון איין שטאט האבן פאר רייזט אין אווייטע לאנד. איינער מחמת גרוים דלות אונ נויט פילייכט וועט ער פון דארטין קענען שיקין אויף ברויט צו דער נערין די ווייב אונ קינדער. אונ דער אנדערער איז גילאפין פון אשלעכטע ווייב ווא דיא אויגן

וועלין אים טראגין אבער צו הויז איז ער גיוועזן זייער רייך. עס איז אזו אוועק יארין לאנג אונ פון ביידין איז קיין ידיעה ניט גיוועזן. ויהי היום זיינען דורך גיפארין סוחרים פון יענע מדינה וועלכע זיי האבין די ביידע ווייבער אפ גיגעבין איין פריינדליכען גערוס פון זייערע מאנען. אויך האבין זיי דר ציילט אז זיי האבין בריף פר זיי נור איצונד איז פאר פאקט. אונ מארגין וועלין זיי אפ שיקין צו יעדערע אין האנט. נון די רייכע פרויא איז תיכף זיך אוועק גינאנגען מיט די גוטע בשורה אהיים אונ די ארעמע האט גיוואוארט אונ גיוואוארט בכדי מען זאל איר היינט איר בריף אפ געבין. אונ אז מען האט איר גיפרעגט ווארום איז זיא אנדערש פון יענע. האט זיא זייא אזו גיענטפערט. מיין חברתע איז ב"ה גאנץ רייך וועגין חיות האט זיא קיין דאגה ניט. דר עיקר דאגה אירע באשטייט נור אין דעם וואס דר מאן איז אויף איר ברוגז. אונ איצטער אז זיא האט דר הערט פון אייער מויל דעם פריינדליכן גירים פון אים ווייס זיא שוין דאס ער איז נוט פריינד גיווארין מיט איר אונ שלום. דאס אליין איז שוין פר איר גינוג. אבער איך מיט מיין מאן האב תמיד גוט גילעבט צווישין אנאנד קיין מאל אוווארט ניט פר ביטין צווישן זיך. די סבה פון זיין שיידין זיך פון מיר איז גיוועזין נור אויס נויט אום צו פר דינען חיות פאר אונזער ארעמע גיזינד אונ דרום ווייס איך זעלבסט קלאר דאס ער איז מיט מיר זייער פריינדליך וויא גיוועזן. דער עיקר וואלט איך וועלין דר גיין וויא עס גייט אים דארטין אין גישעפט צו איז ער אין שטאנד צו שיקין מיר אויף דער הוצאה אונ דאס ווייס איך פון אייך נאך ניט סיידין איך וועל לייענען זיין בריף. דאהער קען איך ניט איין רוען ביז וואנען איר וועט מיר דעם בריף אין האנט דער לאנגען. דר ענין דר פון איז דאס. צו די הייליגע שטאט ירושלים אונ צוא דעם בארג ציון מיטין בית המקדש האט גיזוים הקב"ה ניט גיהאט קיין טענה זיי חרוב צו מאכן ער האט בוודאי גילוסט דאס זיין שכינה זאל אימער דארטין בלייבין רוהען דען וואס זיינען זיי שולדיג. די סבה איז נור גיוועזין ווייל דאס פאלק ישראל האבין אן גיהייבן זינדיגין אנטקעגין אים אונ ער איז בייז גיווארין אויף זייא דאן האט אן גיהייבין פעלין

דיא השפעה קדושה אין די דאזיגע הייליגע ערטער אונ ממילא האט ער ניוויכט פון זייא אויך ביז וואנען אידין זאלין בעסער ווערין אונ תשובה טאן אין גלות. נמצא דר גאנצער חטא אונ רוגז פון השי"ת ליגט נור אויף דיא ישראל אונ דרום פלעגין טאקע די רשעים זייא רייטצין אונ לעסטערין דאס הקב"ה האט זייא פאר לאזין אויף אייביג חלילה אונ קיין מאל ווידער קערין זיך צו זיי אפילו ווען זיי בעסערין זיך אונ גילוסטין צו אים וויא מיר גיפינען אין תהלים די בני קרח קלאגין זיך פר השי"ת אין דעם נאמן פון די כנסת ישראל מיט די דאזיגע ווערטער נפשי תערג אליך אלהים וגו' ברצח בעצמותי חרפוני צוררי באמרם אלי כל היום איה אלהיך וגו' כלמתי נגדי וגו' מקול מחרף ומגדף אויך אסף אונ דר איתן האזרחי שרייען זכור חרפתך מני נבל וגו' אשר חרפו עקבות משיחך דאס הייסט די ישראל זאגין רבש"ע איך גייא אום ביינקענדיג נאך דיר אונ דיא שונאים זידלען אונ שפעטין פון מיר. דען זיי זאגין וואו איז דיין גאט אונ ווער איז דיין משיח כלומר איר האט שוין גאר נישט אויף וואס צו האפין חלילה. על כן פר אונז אידין איז שוין גינוג די נחמה דאס הקב"ה הייסט דעם נביא ער זאל אונז גיריסין אונ טרייסטין אין זיין נאמן. דאס ווייזט ער איז שוין ווידר מיט אונז גוט גיווארין אונ ער וועט איך צוריק צוא אונז קערין אז פאר דעם. אבר צו ירושלים אונ צו אלע הייליגע ערטער איז דאס נאך ניט אזוי אגרויסער נייעס ווייל זיי ווייסין סייא וויא סייא דאס זיי האבין פון אן פאנג אן קיין שולד ניט אונ דר עיקר ווילין זיי זיך גוט דורך ריידין אונ דר גיין אויב זייא וועלין בעקומען פרנסה אונ שפע קדושה אלס גאר פר צייטין. דרום זאגט דר נביא נחמו כלומר פר אייך אידין איז שוין דאס אליין גינוג איין נחמה ווייל נחמו עמי יאמר אלהיכם דאס אייער גאט הייסט זיינע נביאים אז זייא זאלין אייך טרייסטין אונ גיריסין אין זיין נאמען דאדורך וועלין אייערע פיינט שוין ניט קענען מער אייך רייצין. שטייט ווייטער דברו על לב ירושלים וקראו אליה היינו מיט ירושלים אבר מוזט איר זיך גוט דורך ריידין אונ איר פאר לייענען מיין בריף אום זיא זאל וויסין כי מלאה צבאה דאס די הייליגע פרנסה אונ איר בשטימטע השפעה וועט דר פילט ווערין והיה העקוב למישור תו' ונגלה כבוד יי' דען דיא קרומקייט וועט גלייך ווערין אונ דער כבוד פון גאט ברוך הוא וועט אנטפלעקט ווערין אמן:

## פרשת עקב

והיה עקב תשמעון וגו' ושמר יי' וגו' אשר נשבע לאבותיך משה רבינו ע"ה זאגט צו די ישראל. דר פר וואס איר וועט האלטין אונ היטין צו טאן מצות וועט הקב"ה היטין פר אייך דעם זיכערהייט אונ דעם חסד וועלכין ער האט גישווארין צו די עלטערן. די מפרשים פרעגין די קשיא. ווען זייא וועלין פרום זיין איז דאך גינוג זייער אייגענעם זכות. נון צו וואס ברויכין זיי דאמאלס דעם זכות פון די אבות. דר תירוץ איז מיט איין משל. איין אלטער מאן האט גיהאט אבן יחיד איונג קינד. פארן טויט האט ער גישיקט רופין זיינעם איין גוטין פריינד אונ זאגט אזוי צו אים. איך האב פר מיין בן יחיד טויזינט רענדליך אפ גילייגטע. דאהער נעם צו פון מיין האנט מיין קינד מיט די געלט צו זאמן. אונ זייא זיין אפוטרופוס ביז וואנען ער וועט ווערין איין רעכטער מענטש. כך הוה יענער האט אים גיגעבין לערנען אונ שרייבין נאכהער האט ער אים צו גינומען בייא זיך אין גישעפט. מיט דער צייט האט דר בחור אן גיהייבן טענן ער וויל ניט ארבייטין אין גישעפט נייערט מען זאל אים אפ געבן זיין ירושה געלט אונ ער וועט ליבערשט עסין פון פארטיגען קאפיטאל. ענטפערט דר אפוטרופוס דיין געלט קען איך דיר שוין אוועק געבין. נור פון דעסט וועגין מיין עצה איז דוא זאלסט זעהן בעסער אליין צו פר דינען אויף חיות. ווארום צערין פון פארטיגין זעט מען אליין זיך גאר ניט ארום וויא גיך עס ווערט ניט פון דעם גרעסטין אייגינם. דר נמשל איז דאס. אמת מיר אידן האבן ארעכטין קאפיטאל זכות אבות. אבר דר עיקר מוזין מיר זעהן אליין זיך גוט משתדל זיין אונ עוסק זיין אין תורה ומצות ניט זיך סומך זיין אוי' זכות אבות ווען ניט קען דר קאפיטאל

קאפיטאל גיך אויס גיין. וויא איין טייל חכמים ז"ל זאגין תמה זכות אבות היינו עס איז שוין לאנג אויס גיגאנגען דר זכות וואס אונז איז גיבליבין פון דיא היילינגע אבות. ווייל מיר זייען אליין פויל גיוועזן אויף צו טאן מעשים טובים אונ נור גיצערט פון פארטיגן אונ דאס איז נאך אדרבה גיוועזן אגרם צו אונזערע אונגליקין. אז מען זעהט בחוש דאס רוב די וואס לעבין פון ירושה געלט אדער נחלאות זיינן גימיין אונ ווערין טויגעניכצין פון ארום גייענדיג ליידיג. דרום זאגט אונז אן משה רבינו ע"ה והיה עקב וגו' ושמר יי וגו' לאבותיך כלומר אויב איר אליין וועט זיך זעהן צו שטארעווען אין תורה ומצות אונ זיין רעכטע לייט דאן וועט הקב"ה היינו אייער אפוטרופוס כביכול היטין עס זאל אימער בלייבן אייער קאפיטאל זכות אבות מיט דעם איין טראג דר פון אין נאנצין. ווען ניט חלילה וועט גיך דר פון ניט ווערן אונ איר זעלבסט וועט בלייבין חלילה בייא גאר נישט:

נאך אפשט והיה עקב וגו' דר מדרש שרייבט השי"ת זאגט אזו הכל מוכן לעשות תשובה ווען אלעם וועט זיין פארטיג צו תשובה דאן וועל איך מיטין טריט צו טרעטין דעם קעלטר פון דיא רשעים אז עס שטייט אין פסוק והיה עקב תשמעון וגו' ואהבך וברכך וגו'. דעם פשט פון דעם הארבן מאמר פר שטייט מען מיט איין משל. איין אינגעל איז גיקומען פון חדר אומעטיג. פרעגט אים דר פאטר גיוויס ליידעסטו צרות פון רבין. ענטפערט ער ניט פון רבין נאר פון זיין באהעלפר דר מערדר וואס ער יאגט אונ שלאגט בשעת ער חזרט מיט אונז איבר וואס דר רבי האט מיט אונז גילערינט. זאגט דר פאטר נון ווען דו וואלסט זיך אבר גוט איין גיהערט פון רבין דאן וואלסטו ניט דארפין אן זעהן דעם באהעלפר. די מעשה איז אזו. ווען מיר וואלטין גיפאלגט די רייד פון הקב"ה דאן וואלט קיינער קיין שליטה גיהאט איבער אונז. אונ מיר וואלטן גניסין פון אלע נוטעס אזו וויא השי"ת זאגט לו עמי שומע לי וגו' כמעט אויביהם אכניע וגו' ויאכילהו מחלב חטת

אבר ווייל מיר טרעטן אראפ פון דעם דרך התורה ומצות דרום שיקט הקב"ה זיינע באהעלפר דיא רשעים אום זייא זאלן אונז דריקען צו תשובה. דאס מיינט דער מדרש הכל מוכן לעשות תשובה ווען איר אליין וועט זיין בערייטעט צוא תשובה מיט איין גוטין רצון דאן וועט איר שוין מער ניט באדארפין מען זאל אייך דריקין אונ דרום וועל איך צו טרעטין די רשעים מיט מיין טריט ווייל זייא וועלין שוין ניט מעהר נוטצין אין דר וועלט אז עס איז גישריבן והיה עקב וגו' ואהבך וגו' ווען איר וועט מקיים זיין די תורה וועט גאט ב"ה צו טרעטן מיט זיין טריט די רשעים (עקב איז אמאל דער טייטש אטריט) אונ איר וועט גליקליך ווערין. דען וואס איר ליידעט פון באהעלפער איז נור מחמת איר הארכט ניט דעם רבין:

וארא והנה חטאתם ליי וגו' ואשברם לעיניכם דאס הייסט משה זאגט ווייל איר האט גיזינדיגט אונ גימאכט דעם עגל דרום האב איך צוא בראכן די לוחות. דר מדרש אין שמות רבה שרייבט משה האט אזו גיזאגט צו גאט ב"ה. איצטר האב איך דאך אויך גיזינדיגט דען איך האב צו בראכן די לוחות. דאהער אויב דוא וועסט זייא מוחל זיין דאן זאלסטו מיר אויך מוחל זיין. ווען ניט טוא זייא מיר אויך ניט מוחל. אונ די רייד האט גיהאלפין דאס גאט ב"ה האט מכפר גיוועזן דיא ישראל דעם זינד פון עגל. עס איז קשה צי דען אז משה האט אויך גיזינדיגט דרום זאל שוין הקב"ה מכפר זיין דעם חטא פון די ישראל אדרבה עס דארף דאך זיין פר קערט. דאס ווערט פר ענטפערט מיט א משל. איין דוקס האט גהאט בייא זיך צווייא בערימטע מייסטערס אין דר וועלט. איינר אויף גיוואוינליכע ארבייט אונ דר אנדרער אויף דימאנט ווארג אונ בורלאנטין. ויהי היום דאס דר ערשטער האט פר זעהען אונ שטארק פאר דארבן זיינע ארבייט. איז דר דוכס גיווארין אין כעס אונ האט אים דר

פר אריין גיזעצט אין תפיסה אונ זאגט צום צווייטין מייסטר דוא זאלסט ווערן איין אויף זעהער איבער יענעמס ארבייט אויך. רופט זיך אפ דר צווייטר אדוני דוכם איך מוז דיר אוים זאגן דאס ביא מיר איז אויך פר דארבן גיווארין איין טייערער בורלאנט דער שאדין טרעפט ניווים אן פיל מער אלס יענעמס. דרום ווען דוא וועסט אים בעשטראפין דאן דארפסטו מיר מעהר בעשטראפין. דרום בעט איך דיר זייא אונז ביידין צו זאמן מוחל. דען ער האט גוט גיוואוסט אז ביידין מיט אמאל וועט ער גיווים ניט אוועק לאזין ווארום וואו וועט ער קריגין זייער גלייכין. די זעלבע דא. השי"ת האט צו גישווארין די אבות דאס פון זייערע קינדער וועט ער מאכין איין גרויסע פאלק. נוא איצונד האט ער גיוואלט זייא פר טיליגען אונ די שבועה זאל מקוים ווערן אויף משה אז עס שטייט ואשמידם וגו' ואעשה אותך לגוי עצום אבר גאר זייא פר בייטן חלילה אויף איין אנדער פאלק איז דאס אונמעגליך איבר די שבועה. דרום זאגט משה ווען איך האב אויך גיזינדיגט אונ אנטקעגין זיין מדריגה איז דאך זיין זינד כמעט גרעסר אלס דר חטא פון עגל אם כן קומט מיר בוודאי צו בעשטראפין אונ ווען ניט דארפסטו זיי וויא מיר מוחל זיין. איצונד זאגט רעכט דר מדרש דאס איבר די טענה האט הקב"ה זייא מכפר גיוועזין דעם חטא פון עגל. אונ דרום האט ער לכתחלה די לוחות צו בראכן כדי ער זאל האבין וואס צו טענען אזו וויא פריער איז ערקלערט גיווארין:

ועתה ישראל מה יי' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה וגו' דאס טייטש משה זאגט איצונד ישראל וואס פרלאנגט דען גאט אזו פון דיר דאך מער ניט אז יראת שמים. דיא גמרא אין ברכות פרעגט איז דען יראת שמים גאר אקליניקייט דאס ער זאגט מער ניט אז דאס. נאר מיר ווילין דאס ערקלערין מיט איין משל. איין קינד איז קראנק גיוועזין איינינע טעג ער האט קיין שום זאך אין מויל ניט אריין גינומן. נאטירליך האבן זיך די עלטערן זייער מצער גיוועזן פון זיין קראנקייט אונ מער פון אלס זיינן זייא גיוועזן גיפאלן ווארום ער עסט ניט. דען וויא איז מיגליך דאס איין לעבעדיגער נפש זאל זיך קענען האלטין ניט גיגעסענער הייט. אז דר דאקטער איז גיקומן אונ האט אים גיוואלט איין געבין רפואות האט דאס קינד אויך ניט גיוואלט איין נעמען ביז דער דאקטער האט אים גימוזט שווערין דאס אויסר די לעפיל רפואות וועט מהיום והלאה שוין מער קיינר אים ניט אן באטן עפים פר זוכין. דא האט דר פאטר אנגיפאנגען וויינן אונ זאגט גיווים פר שטייט דר העד דאקטער אז מיין קינד איז שוין נאר גיפערליך אונ עס איז שוין מער קיין האפענונג ניטא דאס ער זאל ווען עס איז עפים וואס גינימן. האט דר דאקטער אן גיהויבן שמייכלן אונ זאגט צום פאטער דו פאר שטייסט מיר ניט. איך מיין אדרבה אזו. קיינער וועט אים ניט דארפין בעטין ער זאל עסין ווייל ער זעלבסט וועט האפין עסין מיט גרויס אפעטיט וויא דער שטייגר איז נאך אקראנקייט. דען וויא ווייט איך פר שטייא וועט ער פון די איין לעפעלע רפואות מיט גאטס הילף תיכף גיזונט אונ פריש ווערין אויף אלע זיינע גלידער. דער נמשל איז וויא מיר האבין אמאל גישריבין דער חילוק פון תענוגי עולם הזה צו תענוגי עולם הבא באשטייט אין דריין. יענע זאכין האבין אין זיך דעם נאטור דאס נאך די תאוה ווערט גלייך די זאך איבר דריסיג אונ מאוס וויא עס איז ידוע. דאגעגין אבר תורה אונ מעשים טובים אונ חכמה איז נור שווער די התחלה אבער וויא מען פאנגט אן צוא פילין עפים אין דריין דאן שטארקט זיך דר חשק מער אונ מער. אזו וויא דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים אחת שאלתי מאת יי' אותה אבקש שבתי בבית יי' כל ימי חיי דאס טייטש איך פאדער נור איין מאל הילף פון הקב"ה וועגין תורה ועבודה. אונ ווייטר וועל איך שוין ממילא אליין זוכין מיט גרויס לוסט אונ אזוא אין מיין גאנצין

לעבין . אויך זאגין די חכמים ז"ל אין מסכת סוכה סתם בשר ודם כלי ריקן מחזיק וכו' אבל מדת הקב"ה מלא מחזיק כו' כלומר ווען זאכין נעמט מען אריין אין זיך דנוקא אז מען איז ליידיג דער פון . אבער הימילשע ענינים איז וואס מער מען איז אדרבה פול אונ זאט דער פון קען מען אימער אלץ מער אריין נעמן אין זיך . אין די זעלביגע כונה רעט דא משה רבינו ע"ה צו די קינדר ישראל ועתה וגו' שואל מעמך כי אם ליראה וגו' ולעבוד וגו' בכל לבבך ובכל נפשך וגו' לטוב לך ער מיינט נור איצונד דעם איין מאל בעט דיר הקב"ה דאס דוא זאלם איין נעמען איין לעפעלע רפואות פון יראת שמים אונ ווייטר וועסטו שוין אליין גילוסטן צו דינען השי"ת מחמת דו וועסט אן הייבין צו האבן אפעטיט אונ פילין די גוטע נוטצין וועלכע דו קענסט ציהען דער פון . הן אין וואס עס איז שייך צוא דעם גוף הן אין וואס עס איז שייך צו דיין נשמה :

את יי' אלהיך תירא אין מסכת בבא קמא דרשנת רבי עקיבא פון דעם ווארט את דאס מען מוז מורא האבן פר תלמידי חכמים גלייך אזו וויא פר הקב"ה כביכול . אום די הארבע דרשה צו פרשטיין וויא אזו פאסט דאס גאר צו גלייכין איין בשר ודם צו דעם בורא ית' וועלין מיר ברייננן איין משל . איין בלינדער איז גיגאנגן אין וועג מיט זיין איינגעל וואס פירט אים . אונ אז ער איז גיקומען אין אשטאט האט מען פון זייא ביידין גיפאדרט פעסער וויא די גיזעטץ איז דארטן . האט דר בלינדר געוויזין זיין פאס אונ זאגט דאס איז שוין פאר ביידין . מען האט איבר גילייענט צווייא דרייא מאל אונ עס שטייט נור דעם סגי נהורם נאמען אליין . ענטפערט ער איך וועל אייך ערקלערין ווען עס שטייט אוים גישריבין יענעם אונ יענעם בלינדין איז ערלויבט צו רייזין אין דר וועלט פר שטייט זיך שוין פון זיך זעלבסט אז עס איז גימיינט מיין פירער אויך . ווארום ווען ניט ער טוא וויא אזו וועל איך קענען אפילו איין טריט גיין . דער נמשל איז דאס . די תורה האט גישריבין את יי' אלהיך תירא מען זאל מורא האבן פאר הקב"ה . נור אבער ווען ניט דיא תלמידי חכמים וואס זייא לערנען אונז דיא וועג פון עבודת השם אונ יראת שמים זיינן מיר גאר גירעכינט אזו וויא בלינדע דרום מיינט גיווים די תורה אויך מען זאל שעטצין אונ מורא האבן פר די תלמידי חכמים ווייל זייא לערנן אונז די וועג פון גאט אונ ווען ניט זייא קענען מיר קיין טריט ניט שטעלין אין יראת שמים גלייך אזו וויא בלינדע אן אפירער :

## הפטרת עקב

ותאמר ציון עזבני יי' ואדני שכחני . התשכח אשה עולה מרחם בן בטנה עס טייטש ציון האט גיזאגט גאט האט מיר פר לאזין אונ פר געסין . גענפערט גאט ב"ה קען דען איין מוטער פאר געסין איר קליין קינד אונ ניט רחמנות האבין אויף אים . די גמרא אין מסכת ברכות פרעגט אזו . פר לאזין אונ פר געסין איז דאך אלץ איינס . נוא ווארום דארף שטיין אי עזבני אי שכחני . נאר דיא כנסת ישראל טענת אזו פר דעם רבש"ע משל אדם נושא אשה כו' ווען איינער גט אפ אווייב אונ נעמט איין אנדערע דר מאנט ער אמאל די מעשים פון די ערשטע ווייב אונ דו האסט מיר פאר לאזין אויך פאר געסין . אום גרונטיג צוא פאר שטיין זייערע היילגע רייד וועלין מיר ברייננען איין משל . איין יונגע פאר פאלק דאס אין אן פאנג האבין זיי גילעבט צווישן אנאנד זייער גוט אונ טרייא אבער נאכהער איז דיא ווייב גיווארין אגרוישע שלעכץ . דיזע אשה רעה האט דעם מאן אזו ווייט פר ביטערט דעם לעבין ביז ער איז גיוועזן גינייט איר אפ צו גטין . דער מענטש איז גיזעסין כמה יאר אליין . ווייל ער האט מורא גיהאט פילייכט טרעפט ער מיט די צווייטע אויך ניט . אבער דאך האט ער זיך לסוף באשלאסין ניט צו זיצן אן אווייב אונ ער האט פארט חתונה גיהאט אונ טאקי אנגיטראפין נאך איין ערגערע אלס די ערסטע . דאמאלס פלעגט ער שוין אפט דר מאנן די גוטע מעשים פון זיין ערשטע ווייב . דען אנטקעגין דיא צווייטע ארורה איז שוין די ערשטע גיוועזין איין אשה חשובה ביז ער האט איר אפ גיגט אונ צוריק גינומען דיא ערשטע .

דער

דר נמשל איז אטיפער מוסר. דר ענין דר פון איז אזו. אין אן פאנג אז הקב"ה האט גינומן די ישראל פר איין פאלק זיינען זיי צו אים כביכול גיוועזן טרייא און פרום. און לסוף ווי זיי האבין פיל גיזינדיגט אנטקעגין אים האט ער זיי כביכול אפ גיגט און ארויס גיטריבין פון זיך. דאס הייסט פון די היילגע לאנד זיינן מיר פר טריבין גיווארין אין גלות בבל. אזו ווי עס איז גישריבין אין ירמיה שלח מעל פני ויצאו. דאך אבער האט ער אונז ניט אוים גיביטין דאמאלם אויף איין אנדרע אומה. און דרום אין די צייט אז כביכול האט אונז פר געסין היינו אז אונז איז דארטן שלעכט גיגאנגען האבין די כנסת ישראל גיטענת לכה דודי נצא השדה נלינה בכפרים עס איז גימיינט וויא די גמרא דרשינת אין עירובין אדרבה פרובירט אויף איין קורצע צייט נעמן פר איין פאלק די היידין דיא כופרים דיא אפיקורסים דאן וועסטו זעהען חאטשע מיר זיינן ניט פרום אבר וואסרע גרויסע חשובים מיר זיינן פארט אנטקעגין זיי. איצונד וועלין מיר זיך קערין צוא דעם מאמר וואס מיר האבין אן גיהייבין משל אדם נושא אשה על אשתו זוכר מעשה הראשונה כלומר ווען איינער טרעפט אן די צווייטע ווייב נאך איין ערגערע אלס די ערשטע דאן דר מאנט ער די ערשטע צו גוטן. און וויל דוא נעמסט ניט דיא היידין פר איין פאלק אויף איין ווייליע דרום האסטו אונז אי פר לאזין דאס הייסט אפ גיגט אי פאר געסין היינו דוא דער מאנסט ניט איצונד די גרויסע חשיבות וועלכע מיר בעזיטצן בערך די היידין. וואס ענטפערט אבער הקב"ה התשכח אשה עולה מרחם בן בטנה היינו אז די גמרא דרשינת דארטין. ער זאגט ווייטר וויא אזו קען איך פר געסן די קרבנות וואס איר האט פר מיר מקריב גיוועזן אין דר מדבר כלומר איך שעץ ניט אייערע חשיבות אנטקעגין דעם ערך פון ערגערע נייערט איך קוק וויא שפל איר זייט יעצט אנטקעגן דעם ערך עבודת השם פון פר צייטין אין דר מדבר. דען דר כלל איז. אזו גוט דאס אין די ענינים וועלכע זיינען שייך צו וועלטליכע זאכין מוז מען אימער קוקין אויף דעם נידעריגן פון זיך. אזו אויך פר קערט אין תורה ויראת שמים דארף מען אימער קוקין אויף דעם צדיק וואס שטייט פיל העכער אין זיין מדריגה אום מען זאל זעהן צו שטייגען אין די מדריגת הקדושה אימער ווייטער און גרעסער.

וויא דיא רבנן ז"ל דריקין זיך אוים מיט זייער קורצע מליצה מעלין בקודש ולא מורידין:

# פרשת ראה

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה דער מדרש שרייבט הקב"ה זאגט צו ישראל דיא ברכות וקללות האב איך אייך ניט גיגעבן פון אייער רעה וועגין נייערט פון אייער טובה וועגין אז עס איז גישריבין ראה אנכי וגו' דאס טייטש זעה איך גיב. היינט פאר אייך ברכה וקללה. וויא אזו די ראיה איז פון ראה דאס ער מיינט נור לטובה וועט ערקלערט ווערין מיט איין משל. אדאקטר איז גיקומן צו איין קראנקין קינד און זאגט אים עס איז נייטיג ער זאל אמאל צעהן אוים ברעכין. רופט זיך אפ דר פאטר נוא וויא וועט ער דאס קענען פר טראגין דען ער איז דאך זייער אשוואך קינד. ענטפערט דר דאקטער איך פר שטייא דאס אויך גאנץ גוט דריבר פאר שרייב איך אים אגאנץ לייכטן ברעך מיטיל. מען שיקט אוועק דעם משרת אין אפטייק מיטין ראצעפט און ער ברייגגט צו טראגין אפאק גראזין אויף די פלייצעס. האט זיך דר פאטר דר שראקין און פרעגט בייא דעם דאקטער דאס איז דיין גרינגער מיטיל וועלכן דו זאגסט. ענטפערט ער יוא נור איך מיין ניט אים איין צוא געבין אינערליך נייערט דיא דאזיגע שפעצים זאלין ליגין נאהענט לעבין אים פר די אויגין און דאס וועט ווירקין אום הערויס צו טרייבין פון אים אלע מותרות און פאר דארבענע לחות און דר פון אליין וועט ער גיזונד ווערין. דר נמשל איז דאס אין דער תוכחה רעכינט ער אוים אכט און ניינציג גרויסע שרעקליכע קללות וועלכע יעדער איינציגע אליין האט אין זיך בכח צו פאר ניכטין ח"ו דאס פאלק. נון איז קשה וואורום האט די תורה בעדארפט שרייבן די אלע. נאר כוודאי איז גימיינט דאמיט צו ווייזן דאס דער בורא יתברך האט בעטראכט אונזער שוואכן נאטור אז מיר זיינן ניט אין שטאנד

אַיין קְלָלָה אוֹיךְ נִיט אַיין צוּ נֶעמֶן אוּנ דְרוּם הָאט עֶר אַזוֹ אַפַּאק קְלָלוֹת אוּנְז פָאָרְגִילֵייגְט פַר דִי אוֹיגִין אוּם מִיר זָאלִן זִיךְ דֶר פוּן אַרָאפּ נֶעמֶען אַיין מוּסָר בִּכְדֵי מִיר זָאלִן זִיךְ שְׁרֶעקִן אוּנ תְּשׁוּבָה טָאן אוּנ גִיזוּנְט וֶוערִין בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ. מַחְמַת דֶעם טַעַם שְׁטֵייט אִין גְמָרָא מְגִילָה אוֹיךְ דָא אִין מֶדְרָשׁ אֵין מַפְסִיקִין בִּקְלָלוֹת דִיא תּוֹכָחָה טֵיילְט מֶען נִיט נוּר מֶען לֵייגְט פַר אֵיינֶעם דִי גַאנְצֶע־פַּרְשָׁה כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען אוּנְז דָאס אִיטְלִיכֶער אֵיינְצִיגֶער מוּז דָאס גוּט בֶּעטְרַאכְטִן פוּן אָן פַאנְג בִּיז סוֹף אוּנ נִתְפָּעֵל וֶוערִן פוּן דִי דָאזִיגֶע אַלֶע פַייֶערְדִיגֶע פְּלָאגֶען אוּנ פוּרְעָנִיוֹת וֶועלְכֶע דָא זַיינֶען גִישְׁרִיבִּן דֶר פוּן וֶועט מֶען זִיךְ דֶר וֶועקִן צוּ תְּשׁוּבָה. דָאס מַיינְט אוּנְזֶר מֶדְרָשׁ לֹא לְרָעַתְכֶם נָתַתִּי לָכֶם בְּרָכוֹת וּקְלָלוֹת הקב״ה זָאגְט. מֵיינְט נִיט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט דָא גִישְׁרִיבִּין בְּרָכוֹת אוֹיבּ אִיר וֶועט גוּט זַיין אוּנ קְלָלוֹת אַז אִיר וֶועט חָלִילָה טָאן פַר קֶערְט אִיז מַיין כַּוָּונָה לְרָעָה אַייךְ אַיין צוּ גֶעבִּין טַאקֶע דִיא קְלָלוֹת. נַיין דָאס אִיז נוּר לְטוֹבָה כְּדֵי זִיךְ צוּ בֶּעשֶׁערְן דֶער פוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי תּוֹכָחָה וֶועט אַייךְ לִיגִין פַר דִי אוֹיגִין. וִויא עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּן רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה עֶס טֵייטְשׁ זֶעה אוּנ בֶּעטְרַאכְט דָאס אִיךְ לֵייג אַייךְ נוּר פָאר הַיינְט דִי תּוֹכָחָה אוּנ וֶוען אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען בֶּאֱמֶת אַיין גֶעבִּין אַייךְ דָאס דַארְף דָאךְ שְׁטֵיין נוֹתֵן עֲלֵיכֶם (אִיךְ גִיבּ אוֹיף אַייךְ) אוֹיךְ וָואלְט נִיט גִישְׁטַאנֶן דֶער וָוארְט הַיּוֹם (הַיינְט) וַוייל דָאס קֶען דָאךְ נוּר מְקוּיָם וֶוערִין שְׁפֶּעטֶער אִין דִי צַייט וֶוען אִיר וֶועט דָאס פַר דִינֶען. נָאר דִי כַּוָּונָה אִיז נוּר אִיצוּנְד אַייךְ פָאר צוּ שְׁטֶעלִין דֶעם מוּסָר דֶער פוּן:

**אֶת** הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת וגו׳ וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ וגו׳ דִי קַשְׁיָא פוּן דִי מְפָרְשִׁים וָוארוּם שְׁטֵייט נִיט הַבְּרָכָה אִם תִּשְׁמְעוּ (דִי בְּרָכוֹת וֶועט מְקוּיָם וֶוערִן אוֹיבּ אִיר וֶועט מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוֹת) וִויא עֶס שְׁטֵייט וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ. וֶועט פַאר עֶנְטְפֶערְט וֶוערִין מִיט אַמָשָׁל. אַכּוֹחֵר הָאט גִידוּנְגֶען אַבַּעַל עֲגָלָה אוּם צוּ פָארִן מִיט אִים אוֹיף יַרִידִין אַיין הַאנְדְלִן פַר שַׁיידֶענֶע מִינֵי סְחוֹרוֹת. אִין מִיטִין וֶועג הָאט עֶר אָן גִיהֵייבִּן בֶּעטִין גֶעלְט בַּייא דֶעם סוֹחֵר. עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים דַיינֶע שְׂכִירוֹת אִיז זִיכֶער דֶען אִיךְ בִּין אַיין בָּטוּחַ וִויא דוּ וַוייסְט אַלֵיין בִּפְרַט דִי גֶעלְט נוּטְצְט דִיר דָא גָאר נִיט דֶער עִיקָר דַארְפְסְטוּ זַייא פַר בְּרוֹיכִין אִין דֶר הֵיים אוּנ דָארְטִן וֶועל אִיךְ דִיר אָפּ גֶעבִּן אִין גַאנְצְן פַר פוּל. אִיצוּנְד וֶועל אִיךְ דִיר נוּר גֶעבִּן פִיל דִיר אִיז נֵייטִיג אוֹיף הוֹצָאוֹת פַר זִיךְ פַר דַיין פֶערְד אָדֶר אוֹיף דִי רֶעדֶער שְׁמִירִין. וָוארוּם אָן דִי אַלֶע זַאכִן קֶען מֶען נִיט אָן הֵייבִּן פָארִן כְּדֵי צוּ קוּמֶן צוּ דֶעם תַּכְלִית פוּן מַיין נְסִיעָה. דֶר עִנְיָן אִיז אַזוֹ וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט אִין מַסֶּכֶת עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים הַיּוֹם לַעֲשׂוֹתָם וּלְמָחָר לְקַבֵּל שְׂכָרָם דָאס הֵייסְט דֶר עִיקָר שְׂכַר פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת אִיז נוּר בֶּעהַאלְטִין אִין יֶענֶעם עוֹלָם. וַוייל גָאר דִיא עוֹשֶׁר וְכָבוֹד אוּנ אַלֶע מִינֵי תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה זַיינֶען נִיט גִינוּג אָפּ צוּ צָאלִין אַמֶענְטְשִׁין אֲפִילוּ נוּר פַר אַיין מִצְוָה. דֶען דֶר שְׂכַר הָרוּחָנִי אִיז אָן אַגְבוּל אוּנ דְרוּם גִיפִינֶען זִיךְ דָארְטִין עוֹלָמוֹת אָן אַיין סוֹף (וִויא דִיא סִפְרֵי קַבָּלָה זַיינֶען מַאֲרִיךְ אִין דֶעם עִנְיָן) דָאךְ אָבֶּר מוּז מֶען עֶפִּיס וָואס הָאבִּן צוּ גִינִיסְן פוּן דֶעם עוֹלָם דֶען וֶוען נִיט קֶען מֶען נִיט צוּ קוּמֶן מְקַיֵּים צוּ זַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת. וִויא דִי חֲכָמִים ז״ל שְׁרַייבִּין אִין פִּרְקֵי אָבוֹת אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה אַז מֶען הָאט נִיט פוּן וַואנֶען צוּ לֶעבִּין אִיז פַר דְרֵייט דִי קָאפּ אוּנ מֶען קֶען נִיט לֶערְנֶען. דְרוּם אִיז אַצַדִיק אַמָאל מְשׁוּפָּע בְּעוֹשֶׁר וְכָבוֹד לְמָשָׁל רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אוּם מֶען זָאל אִים בֶּעסֶר נוֹשֵׂא פָּנִים זַיין אוּנ פָאלְגִן צוּ תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה. אִין דִי כַּוָּונָה בֶּעשְׁטֵייט דִי אַלֶע גוּטֶע הַבְטָחוֹת עוֹלָם הַזֶּה וֶועלְכֶע זַיינֶען גִישְׁרִיבִּן אִין דֶר תּוֹרָה. דְרוּם שְׁטֵייט דָא אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת וגו׳ הַיְינוּ דִי בְּרָכוֹת אוּנ הַשְׁפָּעָה פִיל עֶס פָאדֶערְט אַייךְ דָא אוֹיף דֶר הוֹצָאָה כְּדֵי אִיר זָאלְט קֶענֶען דוּרְךְ דֶעם מְקַיֵּים זַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת דָאס גִיבּ אִיךְ אַייךְ בַּאלְד אַפְרִיעֶר וְאֶת הַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אָבֶּר דִי פּוּרְעָנִיּוֹת קֶען טְרֶעפִן חָלִילָה נָאכְהֶער

אז איר וועט ניט מקיים זיין מצות. ניט פר דעם:

כי פתוח תפתח את ידך לו וגו' השמר לך פן וגו' עם לבבך בליעל וגו'. אין מסכת בבא בתרא שטייט איין מעשה רב פפא הוה קא סליק בדרגא וכו' רב פפא איז גיגאנגען אויף טרעפ איז ער נאך אהאר אראפ גיפאלין. זאגט ער באלד וואלט איך גיהאט איין עונש וויא די היידין דיא געטצין דינער. רופט זיך אפ חייא בר רב פיליכט איז צו דיר גיקומן איין ארעמאן וואס בעטין אונ דוא האסט אים ניט גיגעבן וויא גיהעריג איז. דען בייא צדקה שטייט דר ווארט בליעל אונ בייא עבודת כוכבים איז אויך גישריבן יצאו אנשים בני בליעל עס ווייזט דאס דיא עבירה פון ניט געבן צדקה איז גלייך אזו וויא געטצין דינסט. נור אלין קשה ווארום איז עפים דווקא גראד דער עונש עס זאל זיך צו ברעכין דר טרעפיל וואו מען גייט. זאגט אויף דעם איין וואונדערליכן טעם דער ווילנער גרויסר גאון רבינו אליהו ז"ל וויל די טראפ אונטער דיא ווערטר פתוח תפתח איז איין דרגא תביר (דאס טייטש אויף תרגום לשון איין צו בראכענער טרעפיל) ארמז דר וואס גיט ניט צדקה מיטין אפענעם האנט ברעכט זיך טרעפ אונטר אים:

השמר לך פן יהיה וגו' קרבה וגו' שנת השמטה ורעה עינך באחיך האביון ולא תתן לו וקרא עליך אל יי' והיה בך חטא דאס טייטש זאלסט זיך היטן פיליכט וועט דיר אביין פאלן דר שלעכטר גידאנקען דאס עס איז שוין נאהענט דר שמטה יאר וואס דאמאלס איז די פרנסה ניט אזו גוט. וויל ניט מען אקערט ניט מען זייעט אין דעם יאר. דרום וועט זיין שלעכט דיין אויג אין דיין ברודר דעם אביון אונ דוא וועסט אים ניט געבין אונ ווען ער וועט רופין אויף דיר צו גאט דאן וועט אין דיר זיין איין זינד. עס איז נייטיג צו פאר שטיין אין פלוג איז דאך דר בעל הבית גירעכט מיט זיין טענה אם כן ווארום שרייבט דיא תורה סתם והיה בך חטא (דו האסט דר פר א זינד) גאר אן אשום טעם. דאס ווערט רעכט מיט א משל. איין רייכער סוחר דר צו אשיינר איד אונ ארעכטר למדן איז גיפארין אויפין ים מיט אגיפאקטע שיף פול זיינע סחורה. אין מיטין וועג האט זיין שיף אן גיפאנגן זינקען צו טיף אין וואסר. נון האט אגישריא גיטאן דר שיפס קאפיטאן מען זאל איר גיבער גרינגער מאכן פון אירע משאות ווען ניט גייט זיא באלד הערונטער ביז גרונד. פלוצלונג האט דר סוחר גיחאפט זיין טלית ותפילין אויך דיא עטליכע ספרים וועלכע ער האט מיט גיהאט זיין שיעור צו לערנן כדי אריין צוא ווארפין אין ים דאמיט גרינגער מאכין דיא שיף. האט דער שיפס קאפיטאן זיך פאנאנדר גילאכט אונ זאגט. גראד אין דיא גיפערליכע צייט ווען מען בדארף זייער פרום זיין ווארפסטו די גרינגע חפצים וועלכע עס פאדערט דיר צוא גאטס דינסט אין וואסער. אונ דיא שווערע פעק סחורה וועלכע מחמת זייא קענסטו באלד חלילה דער טרונקען ווערין פאר שיינסטו. ליבערסט ווארף אריין איינינגע פעק אין ים דאן וועסטו מיט דיא איבעריגע סחורת צו זאמען גירעטעט ווערין. דער משל גיהערט אפילו מער צו די סוחרישע וועלט אבער דר נמשל איז אגרויסר מוסר נאך די צייט נאך אונ תורת אמת. דר שטייגער איז ווען מען זעהט דאס די עסקים אונ דר קאפיטאל הייבן אן עפים צו זינקען דאן איז דיא ערשטע כפרה דיא קליינע הספקה פון דיא ארעמע קרובים אונ עניים. אבר די גרויסע הוצאה פון הויז בפרט די מאדעם די פוסטע שטאט וואס זייא דר טרינקען אונז פון מינוט זייא גייען פארווערטס אז פאר דעם אונ פון זייא טאר ניט גימינערט ווערין חלילה אויף איין האר. אין היפך אז די עצה פון די חכמים ז"ל אין מסכת גיטין אם רואה אדם שמזונותיו מצומצמין יעשה מהן צדקה היינו וויא מען זעהט עס הייבט אן פעלין פרנסה זאל מען אדרבה נאך מער צדקה געבין. די תוכחה זאגט אונז די תורה הקדושה השמר לך וגו' לאמר וגו' שנת השמטה ורעה עינך באחיך האביון ולא תתן לו כלומר איבער דעם וואס דו וועסט זיך שרעקן פר שמטה וועסטו

די ערשטע זאך אן הייבין קרום קוקין אויף דיין ברודער דעם אביון אום פון אים אפ בייסין דיא קליינע הספקה . אונ פון דיינע הוצאות ווילסטו ניט אפ שפארן וקרא וגו' חטא (חטא איז אמאל דר טייטש פעלן) היינו ווען דער עני וועט זיך קלאגין אויף דיר פר גאט דאן וועט דיר נאך מער פעלין פרנסה :

נאך איין פשט אויף דעם כופל לשון ורעה עינך באחיך האביון אויך ולא תתן לו מיט איין הקדמה פון דאס וואס עס שטייט אין פרקי אבות לא יתן ולא יתנו אחרים רשע דער וואס גיט אליין ניט קיין צדקה אויך מאכט ער דאס איין אנדערער זאל ניט געבן איז ער איין רשע.נון איז קשה וואס קימערט אים אז דר צווייטער וועט געבן . נור דיא מעשה איז עס ניט צווייא זארטין קארגע . איינער בעת ער גיט ניט דעם ארעמאן זאגט ער אתירוץ ער האט ניט וואס צו געבן . דעם צווייטין אבער פאסט דאס ניט אזו צו זאגין דאהער וואארפט ער דעם בלבול אויף דעם עני . ער זאגט יענער שלעפער איז אן גישלאגין פול מיט גאלד . אדער ער איז איין הולטאי ער וויל ניט ארבייטין וכדומה פאלשע מיני תירוצים כדי זיך ארויס צוא מאכין פון געבין . דער חילוק באשטייט אין דריין . יענער טוט חאטשע אים קיין שאדין ניט אנטקעגין אנדערע אבער דר צווייטער איז גורם דאס קיינער זאל דיזען עני ניט וועלין העלפן . דאס זאגט דר פסוק עם לבבך בליעל וגו' ורעה עינך באחיך האביון ולא תתן לו כלומר באמת איז דיין הארץ פאר דארבין דוא האסט קיין מיט געפיל אין דעם צווייטין . אונ דוא וועסט גאר זאגין מחמת דער אביון איז שלעכט פאר דארבין אונ דרום גיסטו אים ניט :

נאך אפשט וקרא עליך וגו' דען איינגעגטליך האט נור בעדארפט שטיין וצעק עליך אל יי ער וועט שרייען אויף דיר פר גאט . אז עס איז גישריבין אין משפטים אם צעוק יצעק אלי אבער קרא הייסט דאס אדרבה גוט בעטן פר איינעם וויא עס שטייט אין יונה קום קרא אל אלהיך וגו' . דאס פר שטייט זיך אבער גוט מיט איין משל.

איין דוכס האט פר הונגען איינעם זיין לאנד מיט קנעכט אויף עטליכע יאר אויף ארענדע. דיזער ארענדאטאר איז גיוועזן איין שלעכטער מענטש אונ פלעגט מיט דיא קנעכט זייער שווער ארבייטין . דער דוכס האט זיך דער וואוסט דר פון אונ האט גיהייסן דר ארנדאר זאל בעפרייען זיינע קנעכט אויף שטארק אים בעשטראפן . דאן האט ער זיך מיישב גיווען אונ האט גענוייט די קנעכט זייא זאלן שרייבן צום דוכס דאס זייא איז איצונד גאנץ גוט ביי אים אונ בעטין אן דיזער מאן זאל פר בלייבין ווייטער זייער האר . וויא די בקשה איז אן גיקומען צום דוכס איז ער נאך מער אין כעס גיווארין אויף אים אונ זאגט דר פון זעה איך ארויס קלאר דעם ביטערין נוייט פון מיינע עלענדע קנעכט דאס זייא אליין מוזין נאך גוט בעטין פר זייער טיראנישען הער . דער מיין פון די געשיכטע איז וויא עס איז ידוע דאס אימער קוקט מען ווייניג אויף די ארעמע לייט אונ שוואכע תלמידי חכמים . אלמנות . יתומים . סיידין ווען עס מאכט זיך אסכנהדיגע קראנקייט אין הויז דאמאלס גיט מען צדקה די עניים אום זייא זאלין מתפלל זיין פון דעם קראנקינס וועגין הגם זייא זיינען גאר ביז אויפן עשיר . דאן איז דר מדת הדין נאך מער מקטרג אין הימל אונ טענת. דר פון גופא וואס זיי בעטן איצונד פר דעם קראנקין צוא ליב דאס נויט פון עטליכע קאפיקעס צדקה דאס גופא איז אראיה וויא גידריקט זייא זיינן . דאס זאגט דר פסוק וקרא עליך אל יי ווייל דר עני וועט גוט בעטין פר דיר ביי גאט והיה בך חטא דער פון גופא וועט זיך אויף דיר דר וועקן דר קיטרוג פר דעם זינד ווארום ותא ראיה אז ביז יעצט האסטו אים ניט אזו גוט צו גיזעהען :

כי בגלל הדבר הזה וגו' . דאס הייסט דר פאר וואס דוא וועסט געבין צדקה וועט דיר גאט ב"ה בענטשין . די גמרא דר ציילט אין מסכת שבת רבי חייא האט גיזאגט צו דיא ווייב . טראג גיכער דעם ארעמאן ברויט אנטקעגין

אום

אום מען זאל דיינע קינדער אויך טראגין אנטקעגן ברויט. איז זיא געווארן ברוגז אונ זאגט דו שילסט זייא נאר ענטפערט ער איר. ווען דער פסוק שרייבט אויך אזו כי בגלל וגו' לשון גלגל (אראד) כלומר ארימקייט דרייט זיך הערום אין דר וועלט היינט בייא דעם אונ מארגין בייא יענעם. דר ווילנער גאון רבינו אליהו ז"ל שרייבט אזו אין פרשה כי תשא אויף דעם פסוק איש כופר נפשו דאס טייטש איטליכער זאל געבין איין מחצית השקל אוים לייזונג פאר זיין נפש. שטייט אויף דעם ווארט ונתנו דיא טראפ וועלכע מען רופט קדמא ואזלא (אויף תרגום לשון הייסט דאס אפריער. אויך עס גייט) איין רמז מען זאל דעם ארימאן טראגין אפריער די נדבה. וויל מען קען ניט וויסין וויא עס מאכט זיך. דען ארעמקייט גייט ארום איבעראל. אויך דער ווארט ונתנו (מען זאל געבין צדקה) ווערט גילייענט הין אונ צוריק אלין דיא זעלבע איין רמז אז דאס איז אפ גיגעבענע זאכן היינט גיט דר עשיר דעם עני אונ איבר איאר קען זיין דאס דר עני וועט אים צוריק אפ געבין. אויך בעטייט דאס השי"ת גיט אוועק צוריק כהנה וכהנה אונ מען זאל ניט מורא האבן פיליכט וועט ח"ו ווייניגער ווערין בייא דעם וואס גיט צדקה:

# הפטרת ראה

הנה אנכי בראתי חרש נופח וגו' ומוציא כלי למעשהו ואנכי בראתי משחית לחבל. כל כלי וגו' זאת נחלת עבדי יי וגו' דאס טייטש הקב"ה זאגט איך האב בשאפין איין מייסטער וואס בלאזט פייערדיגע קוילין אונ הארעוועט ביז ער מאכט פארטיג איין כלי. אויך האב איך בשאפין איין פארדארבער. די גיווער וואס וועט גישארפט ווערין אויף דיר וועט ניט גליקין אונ דער וועלכר עס וועט זיך מיט דיר משפטין וועט ניט אויס פירין. דאס איז דר ארב טייל פון גאטס קנעכט אונ זייער גירעכטיקייט אונ גליק פון מיר אזו שפריכט גאט ב"ה. דעם המשך פון דיא פסוקים פאר שטייט זיך גוט על דרך המוסר מיט אמשל.

אין איין שטאט האבן גיוואוינט צוויי בעלי בתים נגידים וועלכע זיי זיינן ניט גיוועזן גאנץ צווישן אנאנדר. איינר פון זיי האט גינומן איין איידים אגרויסן מיוחס אונ אשיינר מושלם. נאטירליך האט דר חבר אים זייער מקנא גיוועזן די מציאה זיינע אונ דיא שנאה האט נאך מער אין אים גיברענט. וויא עס איז בוואוסט דאס שנאה איז די טאכטער פון קנאה. עס איז אוועק עטליכע וואכין נאך דיא חתונה האט דער שווער אן גיהייבין צוא שפירין אין זיין איידים גאנץ שלעכטע פרדארבענהייטן דאס איין מדה רעה זיינע ווענט אפ גאר זיין יחוס מיט השלמה אונ וואס אטאג שטארקט זיך אלין אימער מעהר׳ ער האט בעטראכט עס איז קיין תכלית ניט. דאהער האט ער גשיקט רופן זיין שדכן אונ זאגט צו איהם אזו. זעה איין מאל האסטו פון מיר גוט פר דינט. איצונד וועל איך דיר געבין נאך צוויי מאל צו פר דינן. באופן דאס זאל זיין אסור. היינו פריער רייד אן מיין איידים ער זאל מיין טאכטער אפ גטין. ווארום איך האב מיט אים גאר ניט גיטראפין זייער מיאוס ארויין גיפאלין. דעם לארעם זאלסטו אבער מאכין איבערין שטאט אז ער וויל ניט מיין טאכטער נאכהער זאלסטו אים שדכנן מיט מיין חברס טאכטער יענער גיוויסר נגיד. גיוויס וועט ער וועלן מיר להכעיס טאן אונ צו חאפען די פאלשע מציאה מיט ביידע הענט. דאן וועסטו האבין איין גרויסע מטבע פון מיר פאר דעם גט אונ פון יענעם פר דעם שידוך. נו וואס טוט מען ניט צוא ליב געלט בפרט איין שדכן. ער האט גישפילט די ראלע זייער קלוג אונ דיא ביידע ענינים האט אים גיגליקט. עס איז שוין במזל טוב בייא דיזען גרויש חתונה מיט דעם צווייטין נגידס טאכטער. אויף דר חתונה האט דר מחותן אויך גישיקט בעטין זיין ערשטין שווער אום אים מער צו קריינקען. ער איז טאקע גיקומען מען עסט מען טרינקט מען איז זיך משמח וויא דער סדר עולם איז. אז דער עולם איז גיווארין גוט פריילך האבין זיך ארום גינומען ביידע נגידים טאנצין וויא די מאדע איז. פרעגט איינר בייא דעם שדכן. מילא אונזר בעל שמחה האט גינוג מיט וואס זיך צו פרייען אונ טאנצין אבר וואס טאנצט דער גיוועזינער מחותן. דאכט זיך ער דארף זיך אדרבה גאר מצער זיין דאס ער האט

פאר

פַאר לָארִין אַזוֹ אַחֵפֶּץ. שׁוֹסְקֶעט אִים אַיין דֶער שַׁרְבֶן אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיס זָאגִין. דֶר אִיצְטִיגֶער מְחוּתָּן טַאנְצְט אוּנ פְרֵייעֶט זִיךְ דָאס עֶר הָאט קוֹים בַּאקוּמֶען דִיא מְצִיאָה אוּנ דֶער גִיוֶועזִינֶער מְחוּתָּן טַאנְצְט אוּנ פְרֵייעֶט זִיךְ נָאךְ מֶעהְר דָאס עֶר אִיז קוֹים פָּטוּר גִיוָוארִין פוּן אַזוֹ אַמְצִיאָה. דֶר עִנְיָן דֶר פוּן אִיז אַזוֹ. אִין דֶר וֶועלְט סוֹז מֶען הָאבִּן הַיילִיגֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנ וֶועלְט חֲכָמִים וָועלְכֶע זַייעֶן תָּמִיד אָפּ גִילֵייגְט אוֹיף תּוֹרָה וְחָכְמָה אוּנ ווילִין וֶוייניג גִינִיסִין פוּן עוֹלָם הַזֶה. אוֹיךְ אִיז נֵייטִיג אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשִׁין וָועלְכֶע בַּשֶׁעפְטִיגִין זִיךְ מִיט פְּרַאסְט צוּ אַרְבֵּייטִין. וֶוען נִיט וָואלְט דִיא וֶועלְט קֵיין קִיוּם גִיהַאט אוּנ אִיטְלִיכֶער אִיז צוּ פְרִידִין מִיט זַיין חֵלֶק. אַזוֹ וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט אִין בְּרָכוֹת הקב״ה יִפָּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד אוּמָּנוּתוֹ בְּפָנָיו נָאר דָאס פַר שְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶר חֵלֶק פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע לַייטִין אִיז קֵיין סָפֵק גְעוּוים בֶּעסֶער. דֶען דָאס אִיז דֶר טֵייל פוּן דִי לַייטִין מִיט נְשָׁמוֹת פוּן הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹ וִויא קֹהֶלֶת זָאגְט כִּי לְאָדָם שֶׁטּוֹב לְפָנָיו נָתַן חָכְמָה וָדַעַת וְשִׂמְחָה וְלַחוֹטֶא נָתַן עִנְיָן לֶאֱסוֹף וְלִכְנוֹס לָתֵת לַטּוֹב לִפְנֵי הָאֱלֹהִים דֶעם צַדִיק דֶעם חָכָם וָואס עֶר אִיז ווָאוֹל גִיפֶעלִיג בַּייא גָאט ב״ה הָאט עֶר אַרַיין גִיגֶעבִּין אַיין חֵשֶׁק אַיין צוּ זַאמְלֶען אִימֶער נָאךְ אוּנ נָאךְ פוּן עִנְיְנֵי עוֹלָם הַזֶה כְּדֵי דֶר צַדִיק זָאל גִיפִינֶען פַּארְטִיגֶע וָואס עֶפִּים צוּ גִינִיסִין פִיל נֵייטִיג עֶס אִיז פַאר אִים צוּ עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ. מִיר גִיפִינֶען אִין אוּנְזֶער סֶדְרָה רְאֵה אַז עֶס וֶוערְט גִירֶעט וֶוענִין קָרְבָּנוֹת תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת שְׁטֵייט צוּם סוֹף וְשָׂמַחְתָּ לִפְנֵי יְיָ וגו׳ וְהַלֵּוִי וגו׳ כִּי אֵין לוֹ חֵלֶק וְנַחֲלָה אִתְּכֶם עֶס טַייטְשׁ אִיר זָאלְט זִיךְ פְרֵייעֶן. אוֹיךְ דֶר לֵוִי ווַייל עֶר הָאט נִיט קֵיין טֵייל אוּנ קֵיין אַרְבּ מִיט אַייךְ. פְרֶעגִין דִיא מְפָרְשִׁים נָאךְ דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּן לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ דַארְף דָאךְ שְׁטֵיין אֲשֶׁר אֵין לוֹ וגו׳ (וָועלְכֶער אָדֶר וָואס עֶר הָאט נִיט) אֶלָּא דָאס אִיז גִימֵיינְט אִיר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן דָאס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם הוֹיקֶער פַאר אַיין אַיירִים. דָאס הֵייסְט מִיט אַזוֹ פִיל בְּהֵמוֹת אוּנ תְּבוּאָה. אוּנ דֶר לֵוִי וָואס עֶר אִיז אָפּ גִילֵייגְט נוּר אוֹיף עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ עֶר וֶועט זִיךְ אַדְרַבָּה פַר קֶערְט פְרֵייעֶן ווַייל עֶר אִיז פָּטוּר גִיוָוארִין פוּן דֶעם הוֹיקֶער כְּלוֹמַר ווַייל עֶר הָאט נִיט דִיא אַלֶעם. דֶען דַאמִיט אִיז עֶר פָּטוּר גִיוָוארִין פוּן דִיא אַלֶע פְּרַאסְטֶע טִרְדוֹת. אִיצוּנְד וֶועלִין מִיר זִיךְ קֶערִין צוּ אוּנְזֶר הַפְטָרָה.

הקב״ה זָאגְט הִנֵּה אָנֹכִי בָּרָאתִי חָרָשׁ וגו׳ וֶועה אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפִין דֶעם וֶועלְט מֶענְטְשׁ וָואס עֶר בְּעֶמִיהְט זִיךְ גִינוּג צוּ מַאכִין פַּארְטִיג אַבֵּלֵי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בַּאשַׁאפִין דֶעם חָכָם דֶעם צַדִיק וֶועלְכֶר עֶר אִיז דָאס גָאר מְבַטֵּל דִיא אַלֶע נִידֶערִיגֶע עִנְיָנִים. אוּנ דָאס אִיז עֶר זִיכֶער אִין אַלֶעם פוּן דֶער וֶועלְט מֶער אַז יֶענֶער זֹאת נַחֲלַת עַבְדֵי יְיָ וגו׳ הַיְינוּ ווַייל בַּייא דִי הַיילִיגֶע דִינֶער פוּן גָאט ב״ה אִיז דֶר עִיקָר נַחֲלָה אוּנ אַייגֶענְס נוּר גָאט ב״ה מִיט זַיין הַיילִיגֶע תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה:

נָאךְ עֶפִּים וָואס אִיז שַׁייךְ דֶר צוּ גִיפִינְט זִיךְ אִין דִי הַפְטָרַת נַחֵם:

## פרשת שופטים

שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ וגו׳ דַיְינִים זָאלְסְטוּ מַאכִין פַאר זִיךְ אִין אַלֶע דַיינֶע שְׁטֶעט. דֶר וָוארְט לְךָ (פַר זִיךְ) אִיז אִין פְּלוּג אִיבֶּערִיג. דֶר תֵּירוּץ אִיז אַזוֹ. מִיר גִיפִינֶען צְווֵייעֶרְלֵייא מִשְׁפָּטִים עֶרְשְׁטִין אַזֶעלְכֶע וָואס דֶער שֵׂכֶל אַלֵיין ווַייסְט יֶעדֶערִין וָואס עֶס אִיז דֶר יוֹשֶׁר אוּנ וָואס עֶס אִיז אַיין עַוְלָה. צְווֵייטִינְס דִיא חוּקִים וּמִשְׁפָּטִים וָועלְכֶע עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּין אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה. נוּא דַארְף מֶען פַאר שְׁטֵיין צוּ וָואס זַיינֶען נֵייטִיג דִי בֵּיידֶערְלֵייא. אֶלָּא דִי מַעֲשֶׂה אִיז. דָאס דִי מִשְׁפָּטִים עַל פִּי שֵׂכֶל אִיז נוּר גוּט פַר יֶענֶעם אָבֶּר וִויא נוּר עֶס אִיז עֶפִּים נוֹגֵעַ צוּא זִיךְ זֶעלְבְּסְט דַאן וֶוערְט מֶען גָאר בְּלִינְד פַר נַארֶעשְׁט. אוּנ בַּייא דִיא גְרֶעסְטֶע אוּנְרֶעכְט דוּכְט זִיךְ אִימֶער אַז מֶען אִיז גִירֶעכְט וִויא דִי גְמָרָא שְׁרַייבְּט אִין מַסֶּכֶת כְּתוּבּוֹת אֵין אָדָם רוֹאֶה חוֹבָה לְעַצְמוֹ הַגַּם דִיא זֶעלְבִּיגֶע זַאךְ וֶוען מֶען וָואלְט דָאס זֶעהֶען אוֹיף דֶעם חָבֵר דַאן וָואלְט מֶען גִיהַאט גִישְׁרִיעֶן מִיט קוֹלוֹת דָאס אִיז דִיא גְרֶעסְטֶע עַוְלָה דִי עֶרְגְסְטֶע אַכְזָרִיּוּת אִין דֶער וֶועלְט. דְרוּם אִיז נֵייטִיג חוּקִים וּמִשְׁפָּטִים גִישְׁרִיבִּין פִיר אַלֶעמֶן גְלַייךְ קֵיין חִילּוּק נִיט. דִיא רֵייד מֵיינְט דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ וגו׳ דָאס הֵייסְט דַיְינִים זָאלְסְטוּ מַאכִין דֶער הוֹיפְּט כְּדֵי זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ פַאר הִיטִין פוּן אוּנְרֶעכְט. אָבֶּר אוֹיף דֶעם צְווֵייטִין ווַייס מֶען קְלָאר דָאס אַיין עַוְלָה אוֹיף אַיין הָאר וֶועט

דיר אויס זעהן אז גאר אגוואלדיגע אונרעכט. וויא עס איז ערקלערט געווארין:

לבלתי רום לבבו מאחיו ולבלתי סור מן המצוה וגו'

דאס הייסט דער אידעשער מלך האט ניט גיטארט שטאלצירין איבער זיינע ברידר אונ גיט אראפ טרעטין פון קיין מצוה. די שייכות פון גאוה מיט די אנדרע מצות פון דר תורה אין איין פסוק צו זאמען קען מען פר שטיין מיט איין משל. איין קומפאניע לייפציגער סוחרים וועלכע זייא האבין דארטין איין געהאנדילט סחורה אויף גאנטע יעדער נאך זיין אופן נאך. דר איין פור סחורה דר צווייא אונ יענער גאר צעהן זיינען צוריק גיפארין פון יריד אהיים צו זאמען אין וועג. פארינדיג האבן זיך צווייא פון די קומפאניע צו ווערטילט אונ זיך איבער גירעט צווישין אנאנד. רופט זיך אפ איינער פון זייא צו זיין חבר דוא ארעמער סוחריל וויא קענסטו זיך פר גלייכין צו מיר צו האבן אזו אהאזע מיר מעיז צו זיין איך פאר פון יריד מיט צעהען גיפאקטע פורין סחורה אונ דו קוים מיט איין פוריל. ענטפערט דער חבר לאמיר ניט זיין ברודר בייא זיך גענארט אונ דורך ריידין צווישן זיך ריכטיג וועמענס סחורה דאס איז גאר. זייא אלע גיהערן דאך וויא מיר ווייסין צו די טייטצין. דר אונטר שייד פון מיר ביז דיר בעשטייט נור דעריין. איך דארף זארגן צו דר האלטין נאמנות פאר דיא איין פוריל סחורה אונ דוא מוזט דרייען דעם קאפ אום אפ שיקין קיין לייפציג אגרויסע סומע געלט פר די דאזיגע צעהען פורין. סיידין אויב דו טיינקסט צו מאכין איין אן זעטיך. אונ דער פדיון וועט בלייבין בייא דיר אין שטוב אונ מיט די שטאט לייפציג ווילסטו שוין ווערין ברוגז ניט מער פארין אהין דאן ביסטו לעת עתה נעווים טאקע איין רייכער מאן אונ איך אנטקעגין דיר בין גירעכינט אז גאר ניסט. אבר מען וועט דיר פון דארטין ניט צו רוהע לאזין. דער נמשל איז אז דער חסיד רבינו בחיי שרייבט אין זיין חובות הלבבות (אין דעם זעקסטן פרק פון שער עבודת האלהים) איטליכער מענטש איז מחויב צו דינען השי"ת נאך דעם ערך פון די טובות וואס ער איז מקבל פון אים. דען אלע טובות פון עולם הזה זיינען נור גירעכינט אז הקפה אונ דאס ווערט גלייך איין גישריבין אין קאנטע בוך אונ וואס מיט איין טובה מער הייסט דאס מען איז מער בעל חוב געווארין אין עבודת הבורא ית'. וויא די חכמים דריקען זיך אויס אין פרקי אבות החנות פתוחה והחנוני מקיף והיד כותבת וגו' זייא קראם שטייט אפין אונ דר קרעמער טיילט אויס הקפות נור תיכף ווערט פר שריבין אופין קאנטע בוך. אם כן וואס האט זיך אמענטש איבער צו נעמען מיט עשירות אונ גדלות ווען דער פון ווערט מען מער בעל חוב. סיידין ווען מען איז איין אונערליכער מאן אונ מען זעצט אן כלומר מען היט ניט די תורה ומצות וויא גיהעריג איז נאך דעם ערך פון די טובות הבורא ית'. דאן ווערט מען בעת מעשה כלומרסט רייך אונ פרייא אונ מען הייבט אן גאוה ברויכין. אבר מען דארף ניט זיין בייא זיך גינארט אונ וויסין דאס הקב"ה איז קיין ותרן ניט אונ מאנט איין דאס זייניגע. איז ניט היינט איז מארגין ניט אין דעם עולם איז אין יענעם עולם. אז עס איז אויס גיפירט דארטין אין פרקי אבות והנבאין מחזירין ונפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו די גבאים היינו די שלוחים פון דר השגחה גייען שטענדיג ארום אונ מאנן אויף פון איטליכין סייא מען וויל באצאלין סייא מען וויל ניט. דאס מיינט אונזר פסוק לבלתי רום וגו' ולבלתי סור מן המצוה וגו' כלומר ווען דער מלך ישראל וועט ניט אפ קערן פון די מצות אויף איין האר דאס הייסט ער וועט ניט באנקראטירין דאן וועט ער גיוויס פר שטיין דאס בייא אזו איין ערך פון גדולה. עושר. וכבוד. וואס פר איין גרויסר בעל חוב ער איז אנטקעגן אלע אידן אין עבודת הבורא ית' דאן וועט ער זיך שוין ניט מער האלטין גרויס אנטקעגין זיינע ברידר פון דאס פאלק ישראל:

כי תצא למלחמה על אויבך וראית סוס ורכב עם רב ממך וגו' ונגש הכהן וגו' מי האיש אשר בנה בית חדש ולא חנכו ילך וישוב לביתו וגו' ומי האיש אשר ארש אשה ולא לקחה וגו' דאס טייטש אז דו וועסט ארויס גיין מלחמה האלטין מיט דיינע פיינט אונ דוא וועסט זעהן פערד אונ רייטער. פיל פאלק פון דיר. זאל גינעהען דר כהן אונ אזו ריידין צו דאס פאלק ישראל. דר מענטש וואס האט אויס גיבויט איינע שטוב אונ האט נאך ניט גימאכט קיין חנוכת הבית דאס הייסט ער איז נאך ניט אריין דארטין וואונען זאל ער זיך אום קערן אהיים פילייכט וועט ער גיטייט ווערין אין דער מלחמה אונ איין אנדערער וועט מאכין דעם חנוכת הבית. אויך דער וואס האט גישריבין תנאים מיט איין אשה אונ ניט חתונה גיהאט זאל ער זיך אום קערן אהיים פילייכט וועט ער גיטייט ווערין אין דר מלחמה אונ איין אנדערער וועט מיט איר חתונה האבין. דעם מוסר פון דיא פסוקים קען מען זאגין על דרך רמז מיט דעם אופן. עס איז ידוע ווען צוויא מדינות האלטין מלחמה אונ אטייל חיל פון איין צד שטייען צו צו דעם שונא. דאן דארף מען זיך מעהר שרעקן פר זייא אלס פר דעם שונא זעלבסט. ווייל זייא ווייסין דאך אלע סודות פון זייער מדינה. דאס גלייכן אלע מקטריגים אונ כחות הטומאה ווערין באשאפין נור פון אונזערע אייגענע מעשים רעים דרום זאגט אונז משה רבינו עליו השלום אן וויא ווייט פארזיכטיג מיר זאלן זיין אין די מלחמות אנטקעגן אונזער שונא דר יצר הרע. כי תצא וגו' סוס ורכב עם רב ממך היינו אין די מלחמה מיטין יצר הרע וועסטו דר זעהן פערד רייטער אונ פיל פאלק. כלומר מיני קליפות וועלכע זיינען אויף דיר מקטרג. זאלסטו וויסין זיין ממך כלומר זיי זיינען פון דיר אליין באשאפין גיווארן דאהער זאלסטו זייער מורא האבן פר זייא אונ תיכף תשובה טאן ונגש הכהן וגו' אונ דער כהן דאס איז גימיינט דעם חכם אונ דר מוכיח פון דעם דור ער זאל יעדערין באזונדר אין זיין ארט לערנען דיא וועגין צו תורה תשובה ומעשים טובים היינו אשר בנה בית חדש וגו' דר יונגער מאן זאל זיך אן הייבין איין גיוויינען אונ מחנך זיין זיך אין דיא תורה הקדושה אין זיין ערך כדי זיך מתגבר צו זיין אויף דעם יצר הרע ווארום פיליכט וועט ער שטארבין אין דער מלחמה דאס הייסט דר שטן וועט זיך שטארקין אויף אים דאן וועט איין אנדערער צו נעמען זיין טייל. אזו וויא דיא חכמים ז"ל שרייבין אין מסכת חגיגה דער צדיק נעמט צו דעם חלק פון רשע אין גן עדן. ווייטר שטייט אשר ארש אשה וגו' דר וואס האט גישריבין תנאים מיט איין אשה אונ האט נאך ניט גינומען איר פר איין ווייב. דאס איז גימיינט אפילו דער גרעסטער טריד דר פראסטער עם הארץ איז אויך מחויב עפים צו לערנען תורה מיט זיין רבין אדער לערנען אין דיא היילינע ספרים וועלכע עס זיינען גישריבן אין אידעש טייטש וויא מעגליך איז בפרט שבת ויום טוב. ווייל איטליכר איד האט איין טייל אין דער תורה אז דר פסוק זאגט אין פרשת וזאת הברכה תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב עס טייטש די תורה וואס משה האט אונז גיבאטין איז זיא איין ארב צו דיא גאנצע איין זאמלונג פון יעקב. אונ די חכמים זכרונם לברכה דרשנן לייען ניט מורשה (ארב) נייערט מאורשה (פאר קנאסט) כלומר אלע האבין מיט איר תנאים גישריבין ביא דעם בארג סיני בעת קבלת התורה אונ ווער עס פאר לאזט דיא תורה ירשינט זיין חלק אתלמיד חכם דרום בעטין מיר ותן חלקנו בתורתך רבש"ע גיב אונז אפ אונזר טייל אין דיין תורה כלומר העלף אונז מיר זאלין אליין קענען עוסק זיין אין דר תורה וויא גיהעריג איז וכן יהי רצון אמן:

כי ימצא חלל וגו' העיר הקרובה וגו' וענו ואמרו ידינו לא שפכו וגו' ונכפר להם וגו' דאס הייסט אויב מען גיפינט איין געהארגעטין אונ מען ווייס ניט ווער דר רוצח איז זאל די דרבייאיגע שטאט ברייגן איין עגלה ערופה מיט דעם סדר וויא עס איז בעשריבין אין דיא פרשה. דאמיט

וועט

וועט גאט ב"ה זייא פאר געבין דעם חטא. נאכהער שטייט ואתה תבער הדם הנקי מקרבך כי תעשה הישר בעיני ה' דאס טייטש דו וועסט אויס ראמען די אונשולדיגע בלוט פון צווישן דיר ווען דוא וועסט טאן דאס וואס רעכט איז בייא גאט ברוך הוא. דארויף איז צו פרעגן איין הארבע קשיא. ווען עס ווערט דאך שוין לאנג פר געבן דורך די עגלה ערופה אז עס איז פריער גישריבין ונכפר להם וגו' נון וועלכע רעכט זאל מען ווידער טאן דר צו. אונ נאך כמה וכמה דקדוקים וועלכע מען קען פון זיך זעלבסט פר שטיין פון תירוץ. איינער האט גיבראכט פון מרחקים איין מין זעלטענעם טייערין זיידינס פיר זיינע קינדר אויף בגדים. מיט דער צייט האבן זיך דיא בגדים אן גיפאנגען רייסין. אונ ווייל עס איז ניט גיוועזין מעגליך צו בעקומן זייער גלייכין איז דר פאטער גענויט גיוועזן אראפ צו נעמן פון איין קינדס לייב זיין בגד אונ האט צוא ריסין אויף שטיקלעך ווייס אום די איבעריגע קינדר זאלין דאמיט פר ריכטין איטליכר זיין קלייד. זייא האבן אבער אויף דאס גאר ניט גיקוקט זיך צו פאר ריכטין דר מיט ביז דיא שטיקער זיידינס זיינן פר וועלגערט אונ פאר לארין גיווארין. דאן האט דר פאטר גינומן שרייען אויף די איבעריגע קינדר. מיין זון האב איך ארום געריסין בלויז נאקעט אונ די טייערע זיידינס פון זיין בגד איז פר לארן גיווארין אן אשום נוטץ וויא גרויס איז מיין קריינקונג דר פון. דר נמשל איז איין טיפער מוסר וועלכער גיהערט צו מיתת הצדיקים. דען עס איז בעוואוסט פון מקרא גמרא אונ מדרשים דאס ווייל אידין זיינען אין ערבות איינר פאר דעם אנדערין דרום ווען דר דור איז זינדיגט נעמט הקב"ה צוא דעם רעכטין צדיק פון דער וועלט בפרט פון יענעם ארט וואו דר חטא איז געשעהן. ער נעמט אים אלס קרבן פר כלל ישראל כדי דער פון זאל מען זיך דר וועקן צו תשובה. אבער ווען ניט תשובה איז דר טייערער קרבן אויך אונגנוטציג אזו גוט דאס א קרבן אליין אויף דעם מזבח אן תשובה האט ניט גיהאלפן. דרום קלאגט דר נביא ישעיה אין דעם נאמען פון הקב"ה הצדיק אבד ואין איש שם על לב וגו' כלומר ווען קיינר טראכט ניט וועגן תשובה כדי זיך צו בעסרן אום צו פר ריכטין די שלעכטע מעשים דאן הייסט דאס מער ניט אז דר זיידענער בגד דר צדיק איז פר לארין גיווארין אן אשום נוטץ. איצונד וועט רעכט ווערן אונזער קשיא מיט נאך איין מאמר פון מסכת סוכה רגלוהי דבר נש אינון ערבין ליה לאתר דמתבעי תמן מובילין יתיה די פיס פון אמענטשין זיינען ערב פאר אים צו דעם ארט וואס ער ווערט גיפאדערט דארטן ברייגגען זיי אים. כלומר עס זאל אונז קיין וואונדער זיין ווען מיר זעהן אמאל איינר א צדיק קומט אראפ פון מרחקים אונ שטארבט דא. דען דאס איז נור מחמת אין דעם ארט איז גישעהען איין זינד. אונ דער ארט זעלבסט פאדערט אראפ דיזען ערב צו זיך. על כן ווען מען גפינט איין הרוג דארף דיזע שטאט ברייגגן איין עגלה ערופה א כפרה אויף זייגע אונשולדיגע בלוט. שטייט צום סוף ונכפר להם וגו' כי תעשה הישר וגו' היינו ווען איז דאס אבער גירעכינט איין כפרה פר ישראל סיידין באופן אז איטליכר וועט טאן דאס רעכט פארטיגע תשובה וויא גיפעליג איז אין גאטס אויגן:

## הפטרת שופטים

התנערי מעפר וגו' דוא ירושלים שטייא אויף שאקיל זיך אפ פון אש. דר מדרש שרייבט מיט דעם לשון כהדא תרנגולתא דמתנערא מן קטמא וויא די הון וואס זיא שאקילט זיך אפ פון אש. מיט די קורצע מליצה מיינען די חכמים ז"ל אונז צו לערנן דאס אפילו דעם גרעסטין רשע העלפט אויך תשובה דאהער טאר זיך קיינר ניט מייאש זיין דר פון. דר חילוק איז נור דאס. ווען איינער ווערט אמאל נכשל אין איין עבירה דאן וויא ער הייבט עפיס אן טראכטין וועגין תשובה העלפט מען אים פון הימיל דר צו אויס צו פירן דאס. אבער דר רשע גמור ער מוז אליין פריער גוט משתדל זיין אין דעם ענין פון תשובה דען

ניט

ניט גיך באקומט ער הילף פון אויבין . אונ דאס איז דר פשט פון דעם בת קול אין מסכת חגיגה שובו בנים שובבים חוץ מאחר היינו ביי אלעמען בעט זיך השי"ת מען זאל תשובה טאן . דאס הייסט עס גיפינט זיך תיכף התעוררות פון אויבין. חוץ דער אחר (דאס איז אלישע בן אבויה) ער מוז זיך אליין קערין צוא תשובה ווייל ער האט שטארק פארדארבין . ווי עס ווערט דארטין דר ציילט באריכות . אבער ווען דער רשע טוט תשובה באמת נעמט מען גלייך אן וויא דיא גמרא שרייבט אין שבת ק מאכט קדוש ר מאכט רשע . דרום שטייט די פיסעלע פון קו'ף אפ גירוקט אונ אויבין אפין . דאס בעטייט תיכף וויא דער רשע גיט זיך אקער צו אויבין שטייט שוין די קדושה פאר אים אפין כדי דארטין צו צוא קומען . אונ ער ווערט ריין פון גאר זיינע שמוטץ . גלייך אז דיא הון זיא מעג זיין ווייסט וויא פאר פולעט אונ פר שטויבט ווען נור זיא שאקילט זיך אפ עטליכע מאל ווערט זיא שוין ריין . אבער ווען זיא זאל ווארטין דאס איין אנדערער זאל איר ארום ריינינגען דאן מוז שוין פיל דויערין אונ אויך ליידין זייער פיל אונרוהיגקייטין אונ דאך ווערט זיא ניט אזו גוט ריכטיג ריין :

חנם נמכרתם וגו' מצרים ירד עמי וגו' ואשור באפס עשקו . ועתה מה לי פה נאם יי כי לקח עמי חנם דאס טייטש השי"ת זאגט מילא אין מצרים האבין מיין פאלק אראפ גינידערט דארטין צו וואונען . אבר וואס האבין מיין פאלק ישראל צו טאן אין גלות אשור גאר אומזיסט . דעם פירוש פון אומזיסט ווערט ערקלערט מיט א משל . צוויא שכנים איינר איז גיוועזן רייך אונ דער אנדערר ארעם. דר רייכער האט פר דונגען זיין הויז אונ איז ארוים וואונען אין איין אנדער שטאט וואס דארטין האט אים מצליח גיוועזן. קוקענדיג אויף אים האט זיך דער ארימאן אויך מיישב גיוועזן ארום צוא גיין איבער דער וועלט מיט זיין הויז גיזינד זוכין אפשר וועלין זייא אויך אן טרעפין וואו בעסר איז . נור ווייל ער האט ניט גיוואוסט אויף זיכער וויא מיט אים וועט זיך דא מאכין . אונ פיליכט וועט ער מוזין קומען באלד צוריק אונ אין מיטין יאר . דאהער האט ער ארייין גילאזין ביי זיך אין שטוב איין אומזיסטין שכן . באופן ווען ער וועט נור קומען מוז דער שכן ארוים גיין פון דער דירה אונ אפ ליידיגען פאר אים זיין הויז . כך הוה דער עני האט זיך ארום גיוואלגערט כמה יאר אין פיל מקומות אונ גאר נישט גימאכט . דאן האט ער זיך אן גיפאנגען בעקלאגין אונ זאגט צוא זיינע קינדער . מילא אונזער גלות אפ ריכטין זעהט מען עס איז אזו גיוועזין באשערט מן השמים . אבער דיא דירה געלט וואס מיר האבן צו ליב דעם אן גיווארין דיא גאנצע צייט וואס יענער וואונט אומזיסט דאס איז גיווים איין אומזיסטער היזק וואס מען קען צוריק ניט חאפין . דר נמשל איז דאס . דר גלות מצרים איז גיוועזין ביז איין בעשטימטע צייט דאהער איז אונזער זיין דארטין ניט גיוועזן לכל הפחות אומזיסט נייערט מיר האבין דארטן גיהאט גוטע חיות . אז די ישראל האבין דאמאלס אליין גיזאגט בשבתנו על סיר הבשר וגו' אבער אין דעם גלות אשור אונ ווייטערדיגע גלותין דארטן האבין מיר שוין קיין פרנסה אויך ניט גיהאט . ווייל עס איז אן איין זמן אונ יעדער רגע קען ווערן די גאולה ווייל עס ווענט זיך נור אן אונזרע מעשים טובים אזו וויא דר פסוק זאגט היום אם בקולו תשמעו דרום וואס זאל אשור געבין גיצאלט פיליכט מוז ער שוין באלד אפ ליידיגן די דירה . נאר דאס וואלט רעכט גיוועזין ווען עס וואלט ניט פיל דויערין . אבער וויא דער גלות ציהט זיך שוין לאנג אונ עס איז נאך אלץ קיין סוף ניטא בעדויערט אונז אונזער פאטער הקב"ה חנם נמכרתם וגו' כלומר אין מצרים האב איך אייך ארייין גילאזין ליידן אויף אקליינע צייט אונ דאך איז ניט גיוועזין אומזיסט דען איר האט גינוג גיהאט צום לעבן אונ איצטר מחמת אייערע חטאים דויערט לאנג אונ קיין פרנסה האט איר אויך ניט (מחמת פריערדיגן טעם) דאס הייסט שוין גאר אומזיסט . דרום קערט זיך בעסער גיכער צו תשובה וועט איר זוכה זיין באלד צו די ישועה . וויא ער פירט אוים לכן ידע עמי שמי וגו' רגלי מבשר וגו' משמיע ישועה אמן :

כי לא בחפזון תצאו וגו' . דר מדרש (אין בא) שרייבט הקב"ה זאגט פון מצרים זייט איר ארוים גיגאנגען היילענדיג אזו וויא עס שטייט דארטין כי בחפזון יצאת מארץ מצרים . אבער לעתיד לבא וועט שוין מעהר ניט זיין היילענדיג אזו וויא דער פסוק זאגט דא כי לא בחפזון וגו' . אום צוא פארשטיין דיא נפקא מינה דער פון אונ וואס

מאכט

מאכט עס אויס. וועלין מיר ברייננן א משל. איינר איז גיפארין זיך קורירין אין די בעדער. וויא ער איז אהין גיקומען האט אים דר דאקטער איין גיארדענט אגעוויסין צאל וואנעס. אים איז אבער דארטין לאנג ווייליג גיוועזן צוא זיטצין דאהער נאך איינינע וואנעס נעמן איז ער שוין גלייך אהיים גיפארין. מיט די עטליכע וואנעס האט ער נור די גיבליט צוא רירט אונ דאס איז גיוועזן אסבה דאס ער האט גימוזט ליידין אונ ליידין פון זיין פעלער אונ איטער איינינע יאר נאך אנאנד ברויכין בעדער. דער ענין איז וויא די מדרשים אויך דר זוהר הקדוש שרייבין דאס ווען דיא ישראל וואלטין ניט גישפארט דעם קץ פון מצרים אונ וואלטין גיליטין גלות ביז דיא צייט וואס הקב"ה האט באשטימט צו אברהם אבינו ע"ה. דאן וואלט שוין מער קיין גלות ניט גיוועזן אונ דיסבה פון די אלע גלותין איז נור וויל מיר זיינען דאמאלס ארויס פר די צייט (דאס איז אטיפער ענין. ניט דא איז דער ארט אויס צו שרייבן) דרום אויף לעתיד לבוא זאגט ישעיה ושלמו ימי אבלך דיינע טרויערדיגע טעג וועלין ווערין פאלקאמען ביז ענדע. כדי דיא קוראציע זאל שוין זיין איין אמתע אונ דר קראנקייט פון נפש וועט אויס גיהיילט ווערין ביז גרונד. איצונד פר שטייט זיך שוין דר מדרש מיט די הפטרה פון זיך זעלבסט. היינו פון מצרים איז מען ארויס (בחפזון) איילענדיג דרום האט מען דר פון גיליטין נאך גלות. דר פאר לימות המשיח שטייט דא כי לא בחפזון כלומר עס וועט זיין איין גאולה שלימה:

## פרשת תצא

כי תצא למלחמה וגו' אשת יפת תאר וחשקת וגו' והיה אם לא חפצת בה ושלחתה וגו' עס טייטש ווען אין דר מלחמה וועט זיך איינער פאר ליבין אין אשיינע פרויא פון יענע פעלקער דארף ער איר פריער האלטין אחודש בייא זיך אין שטוב אונ בעגיין זיך מיט איר נאכין סדר וויא עס שטייט אין דר תורה. נאכהער אויב ער וויל איר ניט זאל ער איר ארויס לאזין פרייא. דיא מפרשים פרעגין וואָרום שטייט אין אנפאנג וחשקת בה אונ ניט וחפצת בה גלייך אז צום סוף והיה אם לא חפצת בה אויך דארף איינגעטליך דארטין שטיין אם לא תחפוץ (אויב דוא וועסט ניט וועלן) ניט לא חפצת (דו האסט פון פריער ניט גיוואלט) אין דעריין ליגט אבר איין וויכטיגר למוד אין עבודת הבורא ית' דען עס גיט צווייערליי אהבות. ערשטין וואס דר היילינער נפש ליבט דיא זאך אונ גלוסט דאס מחמת דיא קדושה דער פון. צווייטינס וויל דער גוף דר פראסטער בעל תאוה דר חומר אים ווילט זיך דאס. דר סימן איז ווען מען רוהעט ניט ביז וואנען מען מוז די זאך אויס פירין גאר אן גידולד איז דאס גיוויס מחמת די הוילע פראסטע תאוה וויל דר חומר טוט גאר אן אשום שכל נאר מער ניט וויל עס ווילט זיך די זאך. אם כן האט ער גאר נישט וואס צו טראכטן צו עס לוינט דאס צו טאן אדער ניט אביא נור אויס פירן זיין תאוה. דיא ראיה איז דאס נאכהער אנטלויפט די תאוה אונ דאס רוב האט מען אליין חרטה אויף די עבירה. דר ארט גילוסטין ווערט אן גירופן אין לשון הקודש חפץ. אבער ווען די נשמה גילוסט איז שוין מיט שכל אונ מיט גרויס געדולדיגקייט וויא עס איז ידוע דאס מען היילט זיך גיט אזו צו אמצוה וויא צו איין עבירה דר פר איז דאס אבר דויער האפטיג. דאס איז דער פשט פון פסוק ויהיו בעיניו כימים אחדים באהבתו אותה כלומר יעקב אבינו ע"ה הגם ער האט גיווארט צו נעמן רחלן פר אווייב דאך איז דאס גאר בייא אים גיוועזן דיא לאנגע צייט גירעכינט אז נור איינינע טעג מער ניט אונ האט זיך גאר ניט גיהיילט צו דר חתונה דען ער האט ניט גימיינט אויס צוא פירין תאוות הגופניות נייערט וייל ער האט אין איר איין גיזעהן איין טייערין נפש מיט גוטע מדות. דער אופן גילוסטין ווערט אן גירופן אין לשון הקודש חשק אז דר פסוק זאגט רק באבותיך חשק יי' וגו'. איצונד לאמיר זיך צוריק קערין צו אונזר פרשה כי תצא וגו' היינו די תורה זאגט אז דו וועסט דר זעהן אין מלחמה איין אשה אגרויסע יפת תואר פון יענע פעלקער דאן וועט דר יצר הרע דיר נעמען

איין

איין ריידין זעהע וואס פר איין בריאה אונ איין אשת חיל זיא איז. זיא וועט קענן פירן דיינע אלע עסקים אונ דוא וועסט זיך זיטצין אונ לערנן תורה וחשקת בה דאן וועסטו מיינען דאס דוא גילוסט איר מצד די פרומקייט פון נפש דרום גיט די תורה איין עצה זייא גילאסן אונ מאך איין פראבע וישבה בביתך וגו' ירח ימים זיא זאל אקארשט זיטצין ביא דיר אין הויז איין חודש. דאן וועסטו גיוויס אין איר דר קענען מדות מגונות אונ פר דארבענהייטין. והיה אם לא חפצת בה עס איז גימיינט דוא וועסט זעהן אויב אין אן פאנג איז ניט גיוועזן מצד תאוה (וויא דער שרש חפץ ווייזט) ושלחתה וגו' דאן וועסטו איר גיוויס ממאס זיין אונ שפעטער אליין ארויס טרייבין פון זיך. וויא דער מדרש שרייבט אויף דעם פסוק הכתוב מבשרך שסופך לשנוא אותה דר פסוק זאגט דיר אן דאס לסוף וועסטו איר פיינט קריגין:

כי יהיה לאיש בן סורר ומורה דיא סמיכות הפרשה פון בן סורר צו יפת תואר פר שטייט מען מיט די מליצה פון שלמה ע"ה אין משלי דלף טורד ביום סגריר ואשת מדינים נשתוה היינו ער מיינט אזו גוט דאס אין דיא צייט ווען עס האט שוין אויף גיהערט רעגינן דאך טריפט נאך אין די אלטע צו בראכענע הויז מחמת דיא פריערדיגע נאסקייט דאס גלייכין ווען אפילו מען גט אפ איין אשה רעה זעהט זיך ארויס אירע שלעכטע זיטען אין די קינדער וועלכע עס בלייבין פון איר אין הויז:

לא תראה את שור אחיך וגו' נדחים וגו' די מסורה שרייבט דר ווארט תועה גיפינט זיך אין תנ"ך דרייא מאל. איין מאל אין וישב והנה תועה בשדה אונ נאך אמאל אין משפטים או חמורו תועה אונ אדריטין מאל אין משלי אדם תועה מדרך השכל (אונ מלא מיט אני"ו) דאס בעטייט אויף די דרייערלייא סבות צו חטאים. ערשטין עשירות מחמת מען איז פר טראכט אונ פר טראגין אין פיל גיטער אונ עסקים דרום פר געסט מען אן השי"ת אונ מען טרעט אראפ פון גוטין וועג. דאס איז דא דר טיין והנה תועה בשדה (ער אירט אין פעלד) כלומר אמאל פאר בלאנזעט אזו אמענטש וואס דאכט זיך פריער איז ער גיוועזין איין פרומאק אונ גייט אראפ מיט איין מאל אין שלעכטין וועג. די סבה איז בשדה ווייל ער האט שוין באקומען פעלדער. גיטער. רייכקייט. צווייטינס מחמת זיין חומר איז פון נאטור גיבארין איין בעל תאוה (וויא דר רמב"ם ז"ל שרייבט אין מורה נבוכים. אויך אין זיינע שמונה פרקים) דאס הייסט או חמורו תועה ער ווערט פר אירט צו ליב זיין חומרדיגען גוף. דאס דריטע איז די סבה אמאל ווייל מען האט איין גוטין קאפ דאן מיינט מען אז מען איז שוין קליגער מער אז דיא היילינע חכמים פון דיא גמרא הקדושה דרום הויפט מען אן טראכטין איבערן קאפ ביז מען ווערט גאר איין כופר בעיקר חלילה אויף דאס ווייזט אדם תועה מדרך השכל איינער פר זעט אמאל ווייל ער איז צו קלוג. וויא די גמראס שפריך ווארט אגב חריפתא שבשתא פון פיל חריפות פאר גרייזט מען גאר. דאס הייסט שוין פאלשטענדיג פר אירט אונ פר דארבין דרום איז טאקע דער דריטער תועה אויס גישריבין מלא (פול מיט אני"ו):

לא יבוא עמוני ומואבי בקהל יי וגו' עד עולם. על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים וגו' ואשר שכר עליך את בלעם וגו'. דאס הייסט פון דיא פעלקער עמון ומואב זאלט איר ניט אן נעמן קיין גרים ווייל זייא זיינען אייך ניט ארויס אנטקעגין מיט ברויט אונ וואסר בשעת איר זייט גיגאנגען פון מצרים אויך האבין זייא גידונגען דעם בלעם אום ער זאל דיר פלוכין. די מפרשים פרעגין ווארום איז נייטיג צו דר מאנען דעם צווייטין טעם מיט בלעם אין פלוג איז שוין גאנץ גינוג דר ערשטער טעם אליין. דאס וועט פאר ענטפערט ווערין מיט איין משל. איינער האט גימאכט אגרויסין אנזעץ. נאטירליך זיינן ארויין גיפאלין די בעלי חובות שרייען. האט איינר אן גיהויבן גוט צו ריידן פאר אים. פיליכט איז ער טאקי ארעם נון זאל מען דען בייא אים צו נעמן די נשמה.

רופין

רופין זייא זיך אפ ניין מיר ווייסין קלאר דאס שוין נאכין באנקראט האט ער אויס גירירכט איין שליח מיוחד קיין אויסלאנד איינקויפין פאר אים מיט דיא ווייב פון די וועלטינסטע טייערע מאדעס. דר נמשל איז דאס פיליכט וועט איינער אויף דיזע פעלקער מלמד זכות זיין דאס אפשר האבין זייא ניט פר מאגט צו געבין שפייז די ישראל. דרום פירט ער אויס ווייטער ואשר שכר עליך את בלעם וגו' כלומר זעה פיל עשירות זייא האט אפ גיקאסט ביז זייא האבין אראפ גיבראכט דעם בלעם הרשע ער זאל אייך שילטין גיוויס זיינען זייא גינוג רייך גיוועזן אונ דאס איז נור גיוועזן מחמת שלעכטקייט דרום איז ניט רעכט דאס איר זאלט צוא נעמען גרים פון אזעלכע פאר דארבענע לייטין:

ולא אבה יי וגו' ויהפוך וגו' את הקללה לברכה. דאס טייטש גאט ב"ה האט אבר ניט גיוואלט צו הערן דעם בלעם אונ האט פר קערט זיינע קללות צו ברכות. עס איז נייטיג צו וויסין דעם שייכות פון ולא אבה וגו' צו פריער לא יבא עמוני וגו'. דר תירוץ איז מיט א משל. א קויפמאן איז גיפארן אין וועג מיט איינינע געפאקטע פורין סחורה. אין מיטין וועג האט ער אן גיטראפן אברייטן אונ זייער אטיפען גראבען האט ער זיך אפ גישטעלט אין איין דער בייאיגע קרעטשמע ביז וואנען ער וועט קריגען צו דינגען מענטשין זייא זאלין אים אריבער נעמען איבער דעם גראבין. מיט אמאל ער חאפט זיך דיא וועגין סחורה זיינען גיגנבת גיווארן איז ער באלד גילאפן זוכין אונ האט אן גיחאפט די גנבים מיט די פורין סחורה. דאן האבן די דאזיגע גנבים גינומען טענען מען זאל זייא לכלו הפחות באצאלין פר זייער מיהע וואס זייא האבן אריבער גיפירט דיא שווערע וועגין איבערין טיפין גראבין אונ ווי גרויס איז די טובה וואס ער האט דורך זיי. ענטפערט דער סוחר איר גנבים האט דען גימיינט פון מיין טובה וועגין ניין איר האט דאך אדרבה נור גימיינט מיין רעה כדי צו גנבנן אונ ווען הקב"ה האט מיר אויס גיהיט פון אהיזק דרום זאל איך דען אייך באצאלן דר פאר. די מעשה איז אזו. אין פלוג האבן עמון ומואב אטענה. דאס זייא האבין דאך דאמיט איין טובה גיטאן דיא ישראל. דען פון בלעמס קללות האט זיך דאך גאר אויס גילאזין ברכות אם כן קומט זייא נאך אדרבה צו באלוינען דר פאר. נון פר וואס זאל מען זייא גאר פעראכטין אונ זייא ניט צו נעמען אין דעם פאר זאמלונג פון גאט. דרום פירט אויס דער פסוק ולא אבה יי אלהיך וגו' ויהפוך וגו' כלומר איר האט דאך באמת גימיינט לרעה אונ ווען הקב"ה האט דאס פר קערט לטובה טוא וואס ווילט איר. דאהר קומט אייך דיזען פסק:

כי תצא מחנה על איביך ונשמרת מכל דבר רע עס טייטש ווען דו וועסט ארויס גיין אין מלחמה אויף דיינע פיינט זאלסטו זיך היטין פון נור עפיס אביז. אין דעם פסוק ליגט אטיפען מוסר צו ימים נוראים מיט איין משל. איינר אקליין שטעטילשער נגיד האט זיך אים גיוואלט ווערין איין דעפוטאט. וואס האט ער גיטאן ער האט זיך אנגיהויבן מתקרב צו זיין צו דעם המון עם אונ פלעגט זייא אפט אויך מכבד זיין כדי זייא זאלין אויף אים געבין ווייסע באלקעס. די ווייב איז דאס גאר ניט אן גישטאנען אונ האט אים גימאכט פארווירפע ווארום ער איז זיך אזו מכניע אונ שעטצט איצונד אזעלכע קליינע מענטשעליך גאר פון נידעריגען שטאנד וועלכע ביז דער צייט פלעגט אים ניט פאסין צו ריידין מיט זייא אווארט. ענטפערט ער איר דו רעטסט גאר נארעשקייט. דוא מוזט וויסין אז בשעת באלטעראציע ווער עס האט מער שטימען יענער בלייבט אין שטעטיל דער פרנס חודש אונ אפט איין גימיינע שווארצע גאלקע פון דעם נידעריגסטען מענטשין קען פר דארבין גאר מיין האפענונג דרום מוז איך זעהען די טעג מיט אלעמען גוט צו לעבין ער מעג זיך זיין ווער ער איז. דר נמשל איז דאס. מילא

אַנַאנְץ יָאר וַוייס גְשׁוֹין יֶעדֶערֶער בַּייא זִיךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים. אָבֶר אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִין דִי צַייטִין פוּן יָמִים נוֹרָאִים דַאן לְכָל הַפָּחוֹת דַארְף מֶען זַיין גוּט פָארְזִיכְטִיג אוּנ אָפּ גִיהִיט פוּן אַלֶעם וָואס נִיט רֶעכְט אִיז. בִּפְרַט אִין חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי וָואס זַיין מַזָּל אִיז מָאזְנַיִם (וָואג שָׁאלִין) אַרֶמֶז דָאס דַאמָאלְס וֶוערְט גִיווֹאוֹגִין אַלֶע מַעֲשִׂים וִויא אוֹיפִין גִיוִויכְט אוּנ וִויא נוּר דִיא שְׁפִּילְקֶע פוּן גִיוִויכְט וֶועגְט עֶטְוָואס אַרָאפּ צוּ דֶעם שָׁאל פוּן דִיא עֲבֵירוֹת שְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אִין סַכָּנָה חָלִילָה אִין דֶער מִלְחָמָה אַנְטְקֶעגִין דֶעם שׂוֹנֵא דֶר שָׂטָן וּמְקַטְרֵג צוּם יוֹם הַדִּין. וִויא אִין תְּהִלִּים שְׁטֵייט לָמָּה אִירָא בִּימֵי רָע עֲוֹן עֲקֵבַי יְסֻבֵּנִי הַיְינוּ בְּעֵת דֶעם יוֹם הַדִּין קֶען מֶען ח"ו גִישְׁטְרוֹיכִילְט וֶוערִין דוּרְךְ דִיא קְלֶענְסְטֶע עֲבֵירָה וֶועלְכֶע אַנַאנְץ יָאר טְרֶעט מֶען אוֹיף אִיר גָאר מִיטִין טְרִיט. דֶען זִיא אִיז מַכְרִיעַ לְכַף חוֹב. דָאס מֵיינְט דֶר פָּסוּק אִין דִיא פַּרְשָׁה כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע. כְּלוֹמַר בְּעֵת עֶס קוּמְט דִיא צַייט פוּן יוֹם הַדִּין וֶוען דוּא מוּזְט מִלְחָמָה הַאלְטִין אַנְטְקֶעגִין דַיין פַיינְט דֶר שָׂטָן דֶר יֵצֶר הָרָע. דַאמָאלְסְט זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהֶען צוּ הִיטִין פוּן אַלֶעם וָואס נוּר עֶפִּיס נִיט רֶעכְט אִיז. דֶען מִיט אֵיין גִימֵיינֶע שְׁוַוארְצֶע נַאלֶקְע אִיז מֶען שׁוֹין קֵיין פַּרְנָס חוֹדֶשׁ נִיט ח"ו. וִויא עֶס אִיז עֶרְקְלֶערְט גִיוָוארִין:

דִיא הַפְטָרַת תֵּצֵא גִיפִינְט מֶען אִין הַפְטָרַת נֹחַ:

## פרשת תבא

וְהָיָה כִּי תָבוֹא וגו' מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי וגו' אֶל הַכֹּהֵן וגו' הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַיְיָ אֱלֹהֶיךָ וגו' לָתֶת לָנוּ. דָאס טַייטְשׁ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל וָוען דוּא וֶועסְט קוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ בְּרֵיינְגֶען בִּכּוּרִים (דִי עֶרְשְׁטֶע צַייטִיגֶע פֵּירוֹת) צוּם כֹּהֵן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ זָאלְסְט צוּא אִים אַזוֹ זָאגִין. אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט הַיינְט פַר גָאט דַיין דָאס אִיךְ בִּין גִיקוּמֶן אִין דִיא לַאנְד וֶועלְכֶע גָאט ב"ה הָאט גִישְׁוָוארִין צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אוּנְז צוּ גֶעבִּין. עֶס אִיז נֵייטִיג אֵיין טַעַם וָוארוּם מֶען בְּרוֹיכְט צוּ גֶעבִּן, דֶעם כֹּהֵן זַיין חֵלֶק דַוְקָא גָאר צוּם עֶרְשְׁטִין. אוֹיךְ אִיז קָשֶׁה וָוארוּם שְׁטֵייט אֱלֹהֶיךָ (דַיין גָאט) אוּנ נִיט אֱלֹהֵינוּ (אוּנְזֶער גָאט) וִויא עֶר זָאגְט וַוייטֶער לָתֶת לָנוּ (אוּנְז גֶעבִּן). דִי קַשְׁיָא וֶועט רֶעכְט וֶוערִן מִיט נָאךְ אֵיין קַשְׁיָא אוֹיף דֶעם פָּסוּק פוּן וְזֹאת הַבְּרָכָה הֶרְאִיתִיךָ בְעֵינֶיךָ וְשָׁמָּה לֹא תַעֲבֹר. הַיְינוּ הַשֵּׁי"ת טְרֵייסְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה אוּנ זָאגְט אִיךְ הָאבּ דִיר גִיוִויזִין דִי לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָבֶּר אַהִין אַרַיין קוּמֶען וֶועסְטוּ נִיט. נוּן אִיז קָשֶׁה וָואס אִיז דִיא פְּעוּלָה אַדְרַבָּה דָאס אִיז נָאךְ מֶער שִׁבְרוֹת הַלֵּב וֶוען מֶען וַוייזְט אֵיינֶעם אַחֵפֶץ וֶועלְכִין עֶר גִילוּסְט אִים זַייעֶר אוּנ גֶעבִּין גִיט מֶען אִים נִיט. דָאס וֶוערְט פַר עֶנְטְפֶערְט מִיט אַמָשָׁל. אַיין סוֹחֵר הָאט אַרָאפּ גִיבְּרַאכְט פוּן פַּארִיז מִינֵי אַנְטִיקְן סְחוֹרָה וֶועלְכֶע אֵיינֶעם אַקְרֶעמֶער הָאט זִיךְ גִיוָואלְט דָאס זֶעהֶן כְּדֵי עֶר זָאל וִויסִין אוֹיס צוּ שְׁרַייבִּן דִי סָארְטִין אוּנ אוֹיךְ צוּ בַּאקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע אוּנ וַוייל פַר דֶעם סוֹחֵר הָאט דָאס נִיט גִילוֹינְט אִיבֶּער אַיין. גִיוִויסִין טַעַם דְרוּם הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גִיחַאפְּט אוּנ גִישְׁוָוארִין דָאס יֶענֶעם קְרֶעמֶר וֶועט עֶר נִיט אַרַיין לָאזְן צוּ זִיךְ אִין אַגוּלְגֶע. מִיט דֶער צַייט הָאט זִיךְ דֶר דָאזִיגֶער קְרֶעמֶער אָן גִיהוֹיבְּן בֶּעטִין בַּייא דֶעם סוֹחֵר מִיט תַּחֲנוּנִים עֶר זָאל אִים דָאךְ וַוייזִין זַיינֶע אַנְטִיקִין אוּנ עֶר הָאט גִיפֶועלְט. וָואס הָאט גִיטָאן דֶר סוֹחֵר עֶר הָאט גִיהֵייסִין מֶען זָאל צוּ זַאמֶען פַּאקִין גָאר דִיא בֶּעסְטֶע סְחוֹרוֹת אִין קַאסְטִינְס אוּנ מֶען הָאט דָאס אַרוֹיס גִיטְרָאגִין פוּן זַיין אַגוּלְגֶע אִין דְרוֹיסְן. דַאן אִיז רֶעכְט גִיוָוארִין בֵּיידֶע זַאכִין. דֶער קְרֶעמֶר הָאט אַלֶעם גִיזֶעהֶן וָואס נוּר עֶר הָאט גִילוּסְט. אוֹיךְ דֶר סוֹחֵר הָאט נִיט עוֹבֵר שְׁבוּעָה גִיוֶועזִין דֶען עֶר הָאט דָאךְ טַאקֶע אִים נִיט אַרַיין גִילָאזִין צוּ זִיךְ אִין אַגוּלְגֶע נַייעֶרְט עֶר הָאט דִי סְחוֹרוֹת צוּ אִים אַרוֹיס גִיטְרָאגִן. אוּנ נוּר דָאס אִיז דָאךְ טַאקֶע גִיוֶועזִין דֶר גַאנְצֶער מֵיין פוּן קְרֶעמֶער. דֶען עֶר דַארְף דָאךְ נִיט זֶעהֶן דִי וֶוענְט דִי פָּאלִיצֶעס פוּן דֶר אַגוּלְגֶע.

דער

דר עיקר איז אים דאך נייטיג גיוועזין זעהען אונ בעטראכטין דיא קארטין סחורה. אונ דאס האט ער דא אויך גוט גיזעהען אונ בעטראכט. די כונה איז וויא עס איז ידוע דאס אויסער וואס ארץ ישראל איז אויס גיצייכינט צום גוף מיט אירע גוטע פירות אונ ריינע לופט איז זיא אויך מסוגל צו חכמה אונ השפעה קדושה פאר די נשמה וויא עס פאסט פאר איטליכינס מדריגה. וואס דאס איז גיוועזין דער עיקר ציל פון די אבות אונ פון משה רבינו אויך פון די אלע שפעטערע צדיקים וחסידים ע"ה וויא מיר גיפינען הקדוש ברוך הוא האט גיזאגט צו אברהם אבינו כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה וגו' די גאנצע לאנד וועלכע דוא זעהסט וועל איך דיר מיט דיינע קינדר אוועק געבין. דאס גלייכין צו יעקב אבינו האט ער צו גיזאגט הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה וגו'. נון איז קשה די אבות האבן דאך זייער גאנצין לעבין פאר בראכט אין ארום גיין פון איין ארט אויפן אנדערין ארט אלס גרים. נון ווען איז פארט מקוים גיווארן דיא הבטחה פון השי"ת דאס דיא לאנד וועט גיהערין צו דיא אבות גופא. אלא עס איז גימיינט די קדושה אונ חכמה עליונה וואס זיא האבן משיג גיוועזן דאמאלסט דורך דיא ארץ הקדושה. דאס אליין הייסט שוין פאר זיא איין גינומען די לאנד. דען ראה (זעהן) הייסט אמאל וואס מען דער זעהט אונ מען איז משיג מיטין טיפין שכל. וויא קהלת זאגט ולבי ראה הרבה חכמה ודעת. די זעלבע איז קיין ספק דאס משה רבינו ע"ה האט זיך ניט גילוסט דעם גוף ארץ ישראל צו ליב דיא גישמאקע פירות נייערט כדי משיג צו זיין דורך איר די השפעה קדושה והחכמה העליונה וועלכע עס זיינען שייך צו זיין מדריגה. אונ דאס האט אים הקב"ה דאמאלסט דר לאנגט מיטין קוק וויא ער איז ארויף גיגאנגען אויף דעם ראש הפסגה (אזו שרייבן די קדמונים). דאס רעט גאט ב"ה צו אים הראיתיך בעיניך ושמה לא תעבור כלומר ווייל איך האב דיר גיוויזין די לאנד כנען האסטו שוין אלעם משיג גיוועזן גם אפעולה גיטאן דאמיט פארין כלל ישראל גלייך וויא דוא וואלסט אליין דארטין גיוועזן דרום דארפסטו שוין אהין גופא ניט קומען. נון איצונד ווערט שוין ממילא רעכט וואס עס איז שייך צו אונזר פרשה. מיר זעהן דר שבט לוי הגם זיא זיינן גיוועזן די היילינגסטע אונ דער בחיר פון כל ישראל אונ פון זייער זכות האבן מיר אלע גילעבט דאך האבן זיא גאר נישט גיירשינט אין ארץ ישראל ווייל דר עיקר כונה זייערע איז נור גיוועזן אויף די המשכת השפעה פון קדושה אונ כוחות הרוחניות וואס עס איז שייך צו די לאנד ניט צו דעם חומר אונ גוף פון ארץ ישראל. אונ ווייל זיא זיינן גיוועזן דר עיקר דארין דאהער אזו גוט וויא דר דינער ברייננגט צו זיין הארין דיא ערשטע צייטיגע פירות כדי צו ווייזין אים דעם נחת רוח דאס גאר גיהערט אים איינגענטליך נור צו ליב דעם הערין באקומט ער אויך. דאס גלייכין האט מען דעם כהן גימוזט געבן פון אלעם איין חלק צום ערשטן. דאס מיינט דר פסוק והיה כי תבוא וגו' הגדתי היום ליי' אלהיך וגו' היינו בשעת דער לאנגען דיא בכורים צום כהן זאלסטו אזו צו אים זאגין. איך זאג היינט פר דיין גאט כלומר דער גאט ב"ה פון וועלכין דוא ציהסט די השפעה פר כלל ישראל לתת לנו דאס צו ליב אייך האט ער אונז ניגעבין דען צו ליב דעם צדיק דער רעכטר משפיע לעבט דר גאנצער דור. וויא עס שטייט גינוג דער מאנט אין גמרא אונ מדרשים:

הסכת ושמע ישראל היום הזה נהיית לעם ליי' וגו' ועשית את מצותיו וגו' דאס טייטשט משה אויך די כהנים מיט די לוים זאגין הארך זיך גוט איין אונ הער צו דוא ישראל דען אין דיזען טאג ביזטו גיווארן דורך תורה ומצות איין פאלק צו גאט דרום זאלסטו אים פאלגין אונ טאן זיינע מצות. דיא גמרא אין מסכת ברכות פרעגט אויף דעם אקשיא. דאמאלסט אז זיא האבן דאס גירעט איז דאך שוין גיוועזן

פערציג יאהר נאך מתן תורה אם כן ווארום שטייט היום הזה (דיזען טאג) אלא דר פון איז צו לערנן דאס ביא די לומדים איז בעליבט דיא תורה אלע טאג גלייך אז דר טאג וואס זיא איז גיגעבין גיווארן פון בארג סיני, רבי תנחום זאגט אראיה דר צו דען ווען איינער לייענט תמיד קריאת שמע אונ איין מאל ניט איז גירעכינט וויא ער וואלט קיין איין מאל אין זיין לעבן ניט גילייענט. אויך שטייט אין אבות דרבי נתן (פרק כ״א) ווען מען איז איין מאל עובר קריאת שמע איז מען מבטל דיא תורה. עס איז נייטיג צו פר שטיין וויא אזו פארט דר איין מאל פר פעלין קריאת שמע פאר דארבט די פריערדיגע פילע מאל. אונ וואס האט תורה צו קריאת שמע אונ וויא אזו איז מען דאדורך מבטל פון תורה לערנן. דער תירוץ איז רעכט מיט א משל. צווייא מדינות האבין מלחמה גיהאלטין צווישין אנאנד אונ וייל דער חיל פון ביידע צדדים זיינן גישטאנן צו שפרייט איז שווער גיוועזן מיט זייא זיך צו זאמען צו ריידין. דעריבער האט איין פעלד מארשאל זיך ממציא גיוועזין אתחבולה ער האט גילאזט צו רעכט מאכין טעלעגראפן איבר גאר דעם געגענד פון קריג פלאטץ. דאדורך פלעגט זייא אימער אן קומען ידיעות פון אים וואו הין זיך צו קערן אונ וואס זייא זאלין טאן. מיט די תחבולה האבן זייא מצליח גיוועזין אין דר מלחמה. וואס האט גיטאן דר שונא ער האט גיהאפט אונ איבער גיהאקט אין איין ארט דיא ליניע פון טעלעגראף. דאן האבין זייא שוין מער קיין ידיעות בעקומען פון זייער פירער דעם חכם אונ ניט גיוואוסט ווידר וואס אן הייבין צו טאן. די מעשה דר פון איז אזו. אין די צייטין פון דעם דור המדבר בפרט בעת מתן תורה האט דאמאלסט גערוט אהייליגע ליכט אויף כל ישראל אלע זיינן גיוועזן פאלקאממען בעגייסטערט מיט רוח הקודש ונבואה אונ צו געבונדין צו תורה מיטין גרעסטין ברען. הקב״ה האט אבר גוט איין גיזעהען דאס אזו איין הויכע מדריגה איז אונמעגליך עס זאל דאס פר בלייבין אויף די שפעטערע יארין. דרום האט מען מתקן גיוועזן דיא מצוה פון קריאת שמע לייענען צווייא מאל אין יעדען טאג. וייל אין די צייט עפינט זיך אויף די השפעה קדושה ווען נור מען לייענט וויא גיהעריג איז אונ מען זאגט שמע ישראל וגו׳ יי אחד וגו׳ ומיט רעכטע מסירות נפש. דר פון דר וועקט זיך דיא מדריגת קדושה פון יענע צדיקים בעת מתן תורה אונ מען בעקומט איין ריכטיגע אהבה ויראה צו השי״ת אונ מען ווערט פאר בונדין צו תורה ומצות. דר קיצור איז אלעס ווערט גישטארקט ווען עס מיסט זיך אריין עפים איין גידעכענים פון יענע צייטין וויא מיר גיפינען דאס אין דיא אש פון די פרה אדומה וועלכע זיינען פאר ברענט גיווארן אין די שפעטרע צייטין כדי צו ריינגין דאמיט טמאים האט מען גימוזט אריין מיסין פון די אש וועלכע משה רבינו ע״ה האט צו רעכט גימאכט אין דר מדבר. דאס גלייכין פון זיינע שמן המשחה (זאלב איל) אין אנדערע שמן המשחה. דאס צייט זיך וויא איין קיט צוא גיצאפעט פון יענע גאלדענע צייט ביז אויף די שפעטרע צייטן. ווען אבר מען פאר פעלט איין טאג קריאת שמע ותפלה ותורה הייסט דאס שוין איבער גיהאקט דער טעלעגראף אונ דיא כוחות הקדושה צוא תורה ומצות ווערט שוין פאר שוואכט אונ עס ווילט זיך שוין ניט אזוא לערנן אונ דאוונען. וויא די תורה זאגט אם תעזבני יום יומים אעזבך. דאס טייטש אז דו וועסט מיר נור איין טאג פאר לאזין וועל איך דיר צווייא טעג פאר לאזין. אויך שרייבט דער כוזרי די כוחות הקדושה פון נפש האלטין זיך איין פון איין מאל קריאת שמע ותפלה ביז דעם אנדערן מאל אזו גוט דאס איין מאל עסין שטארקט דעם גוף ביז אנעוויסע צייט פון אנדערין מאל עסין. אבר ווען מען היט ניט דעם סדר עבודה ווערט פר שוואכט דר נפש גלייך אז דער גוף ווערט פאר שוואכט

אויב מען היט ניט דעם סדר אכילה. דר מיט פר שטייט זיך דעם מאמר פון דיא רבנן ז"ל אין מסכת ברכות אויף דעם פסוק פון קהלת מעות לא יוכל לתקון איין פר קרימונג וואס מען קען שוין מער ניט פאר ריכטין. דאס איז גימיינט ווען מען האט איין מאל מבטל גיוועזן קריאת שמע. אונ דאס איז אויך דר פירוש פון פסוק אין דברים רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח וגו' דאס הייסט דוא זאלסט ניט פר געסין מתן תורה דען דאמיט וועסטו היטין דיין גוף אונ דיין נפש. איצונד וועלן מיר שוין רעכט אויס פירין דעם מאמר וועלכן מיר האבן אן גיפאנגען הסכת ושמע וגו'. ללמדך שחביבה תורה על לומדיה בכל יום ויום כיום שנתנה מהר סיני. אמר רבי תנחום תדע שהרי אדם קורא קריאת שמע כו' וערב אחד אינו קורא דומה כמי שלא קרא ק"ש מעולם היינו דרום שטייט היום הזה (דיזען טאג) כדי צו ווייזין דאס דר וואס היט לערנן אלע טאג אן אשום הפסק איז ביא אים טייער דיא תורה גלייך אז ער וואלט היינט הערין פון דעם בארג סיני ווייל דר טעלעגראפנר דראט ציהעט צו זאמען דיא השפעה קדושה פון אהבת התורה פון יענער צייט ביז איצטער אז עס איז גישריבין אין ישעיה ואותי יום יום ידרושון אויך אין משלי שטייט לשקוד על דלתותי יום יום. רבי תנחום זאגט תדע כו' כלומר דוא מוזט וויסין אז דר עיקר פר בינדונגס מיטיל צוא אהבת תורה ויראת שמים איז קריאת שמע אונ וויא באלד מען האט איין מאל פר פעלט קריאת שמע ותפלה הייסט דאס דער יצר הרע דר שונא פון מענטשין האט איבר גיהאקט די טעלעגראפישע ליניע וועלכע עס איז אן גיצויגין פון מתן תורה ביז יעצט דאן ווערט אפ גיקילט דיא אהבה אונ דיא יראת שמים. אונ מחמת דעם ווערט גרויס דער פגם דאס עס איז גיגליכין וויא ער וואלט גימאלס גילייענט כלומר עס איז שוין זייער שווער קאריק ארויף צו קומען אויף דיא פריערדיגע מדריגה סיידין דורך רעכטע תשובה מיט גרויס יגיעה:

והיית רק משוק וגו' והיית משגע ממראה עיניך אשר תראה דאס הייסט משה רבינו ע"ה שטראפט אין די תוכחה די ישראל. ער זאגט אויב דו וועסט ניט פרום זיין דאן וועסטו אימער זיין בערויבט אונ צו בראכין אונ דו וועסט אליין זעהן וויא משוגע דו ביסט. דעם פירוש פון די קללה דאס ער וועט אליין זעהן אז ער איז משוגע. וועלן מיר דא ערקלערין בדרך מוסר מיט איין וואהרע גישיכטע. איין קלוגער גישיקטער קויפמאן האט זיך אים גיטראפין גרויסע סבות אין זיינע עסקים ביז ער איז זייער פאר ארימט גיווארין. ער האט גוט באטראכט דאס אין זיין אייגענע שטאט האט ער גאר נישט וואס צו מאכין ווייל צו דעם גישעפט וועלכין ער האט לוסט קען ער ניט צו קומען אונ דאס וואס ער קען יוא צו קומען פאסט פאר אים ניט עס צו טאן אונ קיין אנדר עצה האט ער פר זיך ניט גייערט צו דר ווייטערן זיך פון דר היים דארטן וועט שוין ביא אים אלעס רעכט ווערין צו טאן נאר צו פר דינען ברויט פר ווייב אונ קינדר. אונ ער האט אזו גיטאן. ביז ער איז פאר פארן אין איינע גרויסע שטאט פון אמעריקא. גאנץ ארעם. קיין געלט. קיין לשון. קיין בעקאנטשאפט. ער איז דארטין ארום גיגאנגען אין די גאסין פר הונגערטערהייט איניגע טעג אונ באקומט ניט וואס אן הייבין צו טאן. ארום גייענדיג אזו איבערין שטאט פאר קלעמטער הייט האט ער איין טאג דר זעהן איין איטאליענער זעהט אויס דאכט זיך ניט קיין נארישע גיזיכט שטייט אין איין רעכטין מיטין רעדיל מענטשין. ער טאנצט אונ שפרינגט ארום אונ ארום אונ דר פר פאלט אים צו פון יענע לייטן מטבעות פון אלע זייטין. דר דאזיגר איינציגר גימיינער גישעפט וועלכער ער פאדערט ניט קיין געלט קיין לשון קיין צו טרויאונגס בפרט וואס טוט אמענטש ניט אויס הונגערס נויט דאס איז דיזען עלענדין מאן טיף אריין אין זינען. ער איז זיך מיישב אונ גייט ארין אין די צווייטע

נאם אונ הייבט אויך אן שפרינגן אונ טאנצן
וויא יענער איטאליענער . אונ אזו אין דיא
דריטע אין דיא פירטע נאם אונ האט שוין
קליין געלט . צווישין די לייטין וואס האבין
גיקוקט וויא דר איד טאנצט האט זיך גראד
אן גיטראפן איינער פון זיין שטאט . ארעכטר
בעקאנטער זיינער וואס ער קען אים פון דר
היים פר איין קלוגין ארענטליכין מאן . דעם
בעקאנטין איז דאס גיוועז אגרויסר וואונדר
גאר אן איין שיעור . דרום בלייבט ביא אים
דאס עס איז נור איינס פון דיא צוייא .
ענטוועדר ער איז אין טעות אונ דאס איז
גאר ניט דר וועלכין ער מיינט . אדר ער איז
נעבעך פון צרות אויסין זינען גיווארין . ער
גייט אים נאך אונ פרובירט מיט אים ריידין
איין רעכטע צייט . אונ זעהט אונ דער קענט
אים קלאר אז ער איז דאס טאקע יענער אונ
יענער . אויך איז ער גאר ביא זיין פולען פר
שטאנד אז פר דעם . דאן האט ער שוין ביא
זיך מוטה באקומן אים פאר צו האלטן (אויס
ריידין) ווארום האט ער דא איצונד גימאכט
אזעלכע משוגנע תנועות. דא האט זיך דיזער
טענצער פאנאנדר גיוויינט מיט טרערין אונ
ענטפערט אים אזו . ליבער פריינד איך אליין
פאר שטייא אויך גוט וויא משוגע דאס איז.
אבער וואס קען איך אנדערש טאן ווען דער
בייזער נויט מיט אלע זיינע פלאגען שלאגין
אונ יאגין מיך דאס איך מוז זיך מאכין פאר
משוגע אונ דווקא טאנצין . דר ענין דער פון
איז וויא עס איז ידוע דאס דיא סבות פון
עבירות זיינן צווייערלייא ענטוועדער מחמת
גרויסע עשירות אדער שווערע עניות ר"ל .
אז שלמה המלך ע"ה בעט אין משלי ראש ועשר
אל תתן לי וגו' גיב מיר ניט ארעמקייט ניט
רייכקייט נור וויא פיל נייטיג איז צו מיינע
חיות . אונ ווען מען זאל בעטראכטין דעם
חילוק פון די דאזיגע צווייא סבות געפינען
מיר דאס דר עשיר ווען ער זינדיגט איז ער
מיט די עבירה זייער צו פרידן סייא פר דעם
סייא נאך דעם . צום ביא שפיל ער פאר
פעלט אמנחה אמעריב ער לערינט ניט ער
היט זיך ניט גוט אפ פון חילול שבת צו ליב
זיינע פיל גליקליכע גישעפטן . איבר שפאציר
גענגע . טעאטערין וכדומה מיני תענוגים .
אונ ווען אפילו נאכהער קומט אים אמאל
עפים ארויף איין פר דרום וועגין דעם איז ער
תיכף דאס מבטל מיט תירוצים אונ התירים
ביז ער בלייבט ביא זיך גירעכט . אז שלמה
המלך ע"ה שרייבט אין משלי חכם בעיניו איש
עשיר דער גביר האלט זיך פאר קלוג אונ פר
שטייט גאר ניט וויא משוגע ער איז . אבער
דער עני ער איז עובר למשל דיא פאריגע
עבירות דאס רוב נור מחמת נויט אונ צרות.
דען פאר אים איז ווייניג ארבייט אונ קאפ
דרייענים וויא טאג אזו נאכט אום צו פאר
דינען טרוקענע ברויט . אונ לסוף קלעמט ער
זיך זייער אז ער בעטראכט דאס ער האט
פר בראכט זיינע יארן אויף גאר גישט נור אין
אנגסט אין צרות אונ דער מיט אויך ווידער
גישפעניגט דעם רצון הבורא ית' דאס דער
עונש זיינער מיט אלע יסורי גיהנם שטייט
אים אנטקעגין דיא אויגין . דאס הייסט אי
אנאר אי איין בעל עולה. ער פר שטייט אליין
גאנץ גוט וויא משוגע דאס איז נאר וויא קען
ער דען אנדערש מאכן ווען דר בייזער נויט
שלאגט אים אין רוקין ער זאל די וועלט נאך
טאנצן . גלייך אז דוד המלך האט זיך בבין
נארעש גימאכט פר דעם אבימלך אום דעם
לעבין צו ראטירין . די רייד דריקין זיך אויס
אונזערע חכמים ז"ל אין מסכת עירובין מיט
דעם קורצין מאמר דקדוקי עניות מעבירין את האדם
על דעתו ועל דעת קונו ארימקייט גייט דעם
מענטשן צו טאן דאס וואס ניט ער זעלבסט
אונ ניט זיין באשעפער וויל דאס ליידין .
דרום אז דער נביא הושע רעט אונז צו צו
תשובה פאנגט ער אן זאגין שובה ישראל עד יי
אלהיך כי כשלת בעונך היינו דו ישראל קענסט דיך
פועלין ביי גאט ב"ה מיט דיין תשובה וויל
דוא ביסט נור אז גישטרויכילט גיווארן אין
דיינע זינד כושר אריין גיפאלן ניט ווילינדיג.

דאס גלייכן זאגט דוד ע"ה אין תהלים צוא השי"ת אין דעם נאמען פון די כנסת ישראל תבוא לפניך תפלתי וגו' כי שבעה ברעות נפשי וחיי לשאול הגיעו דאס הייסט מיין תפלה דארף צו דיר אן קומען וייל פר די עבירה איז פריער מיין נפש גוט זאט גיווארין מיט צרות און שלעכטעס. און נאכהער זעהע איך קלאר דאס איך וועל נאך ליידין דאפיר אין גיהנם אויך. כלומר איך טוא ניט קיין אונרעכט אוים פערגניגען נייערט אוים איינגשאפט און צרות. איין היפך פון די בעלי תאות און מצליחים דאס בייא זייא איז גישריבין ואכל ושבע ודשן ופנה אל אלהים אחרים היינו ער זינדיגט נאכהער וויא ער האט זיך גוט זאט אנגיגעסן און פעט גיווארין מיט כל טוב. איצונד פר שטייען מיר שוין ממילא די מוסר פון משה רבינו ע"ה ער זאגט אזו והיית רק עשוק וגו' והיית משגע ממראה עיניך אשר תראה עס איז גימיינט אויב דו וועסט זינדיגין מחמת וואוילטאג דאן וועט דיר הקב"ה שטראפין מיט נויט דאס דוא וועסט שוין דאמאלס גאר זינדיגען ניט ווילינדיג מחמת נייטאג דען דוא אליין וועסט גוט זעהן און פאר שטיין וויא משוגע דאס איז אזעלכע מעשים רעים צוא טאן און דאך וועסטו גענייטיגט זיין דער צו. אין דעם זעלביגען זינען לערנען אונז דיא חכמים ז"ל אין פרקי אבות כל המבטל את התורה מעושר סופו לבטלה מעוני דאס טייטש דר פר וואס איינער איז מבטל די תורה צו ליב זיינע עשירות וועט ער צום סוף אמאל מוזין מבטל זיין מחמת עניות רחמנא לצלן. פר קערט אבער שטייט דארטן וכל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימה מעושר ווען מען איז מקיים תורה ומצות אלס איין ארימאן זייענדיג וועט מען דר פר לסוף אויך מקיים זיין תורה ומצות אלס רייך זייענדיג אזו וויא דר פסוק זאגט אין משלי ארך ימים בימינה בשמאלה עשר וכבוד אמן:

## הפטרת תבוא

מי אלה כעב תעופינה וכיונים אל ארבותיהם עס טייטש ווער זיינן דיזע וועלכע זיי פליען גיך אזו אוואלקין. און ווי טויבין צו זייערע פענשטער. דיא מליצה דער פון פר שטייט מען מיט איין משל. בייא איינע איז פר פאלין גיווארן אהון איז זיא אריין צוא אשכינטע זוכין און געפינט דאס די הון שטייט צו געבונדען בייא יענעם טישיל. דאן האט זיא גינומען בעטין איר הון. און די שאכינטע טענעת ניין עס איז מיין הון. פון יענעם און יענעם האב איך גיקויפט. עס גייט אוועק ארעכטע צייט אין קריגעריא צווישן זיי און קיין סוף נימא. ביז עס איז אריין גיקומען איין מאן און זאגט איך וועל באלד מאכין איין פראבע ווער פון אייך איז די גירעכטע. ער האפט און בינט אפ די הון און לאזט איר ארוים און זיא איז תיכף אריין גיפלויגין אין די הויז פון דיא דאזיגע אשה וואס זיא האט איר גיזוכט דאן האט מען דר זעהען קלאר דאס עס איז טאקע איר הון און געווים האט זיא זייער גילוסט צו צו קומן אויף איר ארט נאר זיא האט ניט גיקענט ווייל זיא איז גיוועזן די גאנצע צייט איין צוא גיבונדענע. דר נמשל דר פון וועלין מיר פאר שטיין מיט איין הקדמה פון תהלים האזינה אל תחנוני באמונתך וגו' היינו דוד ע"ה טענעת מיט דעם רבש"ע פר דאס פאלק ישראל אין די צייטן אז זייא האבין גיליטן אין גלות כשדים אזו. הער צו מיינע גבעט און ענטפער מיר מיט דיין גלויבן. ווייטער שטייט כי רדף אויב נפשי דכא וגו' זכרתי ימים מקדם הגיתי וגו' ונמשלתי עם יורדי בור עס טייטש דען דר פיינט האט נאך גיאגט מיין נפש און האט צוא בראכין מיין גאנצין לעבין. איך דער מאן זיך וויא פאר צייטין פלעג איך דיינקען און ריידין נור פון דיינע מעשים און איצונד בין איך גיגליכין אז די וועלכע עס נידערין אראפ אין גרוב. דיא מפרשים פרעגין עס דארף שטיין האזינה וגו' ברחמיך אדר בחסדך היינו ענטפער מיר צוא ליב דיינע רחמנות און חסדים. און ניט באמונתך צו ליב דיין גלויבין. אויך פרעגין זיי נאך כמה דקדוקים. נאר די מעשה ערקלערט זיך בדרך דמיון. עס איז דא צווייערליי נעטצין ערשטין וויא צו חאפין פייגלען היינו מען שיט אן גינוג קערנער ארום און אין נעטץ ביז דיא פייגעלע עסט זיך אן זאט דאן קומט זיא אריין אין רעכטין מיטין נעטץ און זיא ווערט באצוואונגען. אויך איז דא איין נעטץ ווי צו

פאנגען חיות. אבער גאר מיט איין גוואלטיגע
תחבולה היינו קודם לויערט מען גוט אויס דעם
ארט וואו זיא גיפינט זיך. דר ביי גראבט מען
אויס אטיפע גרוב און פון אויבין מיט עפים
באדעקט ניט צו דר קענען. נאכהער שטעלט
מען זיך ארום מיט גראבע שטעקינס פון אלע
דרייא זייטן מען יאגט מען שלאגט ביז זיא האט
פר זיך קיין אנדער ברירה ניט און מוז גיין איבר
דר גרוב און פאלט אריין. דאס גלייכען האט
דר יצר הרע אויך צווייערלייא געטצין וויא אזו
אריין צו האפין די לייטין אין חטאים. אדער
ער נארט זייא אריין מיט די זאטע רייכקייט אז
דער פסוק זאגט וישמן ישרון ויבעט אדער ניט
ווילינדיג מחמת גרוים דוחק פרנסה און עניות
אז דער נביא ישעיה זאגט הנה צרפתיך ולא בכסף
בחרתיך בכור עוני איך האב דיר ניט גילייטערט
מיט דעם נסיון פון פיל געלט נייערט אין דעם
שמעלץ טיגעל פון ארימקייט. דרום זיינען מתפלל
די ישראל צו הקב"ה באמונתך ענני וגו' כלומר דו
דארפסט אונז גלויבין דאס די סבה פון אונזערע
זינד איז נור די גרויסע דלות ואביונות. ווייל דער
יצר הרע דער שונא האט מיר פר שפארט און
גישלאגין ביז ער האט מיר אריין גיאגט אין גרוב
פון חטאים. אבער ווען ניט די ביטערע עניות
וואלט איך דאס גיוויס ניט גיטאן. און איין
באווייז דער צוא אז עס איז אזו דען זכרתי ימים
מקדם וגו' ווען איך גענעם זיך דר מאנן די פרצייטיגע
יארין ווען עס איז אונז גוט גיוועזין זיינען מיר
פארט פרימער גיוועזן און איצונד ונמשלתי עם יורדי
בור שטיי איך נידעריג אין די מדריגה פון יראת
שמים ביז אין שאול התחתיה. ריידין די כנסת
ישראל דארטין ווייטער צו השי"ת השמיעני בבקר
חסדך וגו' כי אליך נשאתי נפשי פרוביר נור צו אונז
ריידן איין גוט ווארט כלומר עפים הצלחה. דאן
וועסטו זעהען וויא מיר וועלין באלד הייבין די
נשמה נאר צו דיר. אבער איצונד וואס קענן מיר
זיך העלפין ווען מיר זיינן וויא גיבונדענע. די
זעלביגע רייד גיפינען מיר אין מדרש שיר
השירים מיט דעם לשון. ווי די שונאי ישראל
האבן דר הערט פון דעם נביא הושע די ווערטר
וריב לה' עם יהודה וגו' גאט ב"ה וועט קריגין מיט
יהודה אום צו דר מאנען אויף יעקב אלע זיינע
שלעכטע מעשים האבין זייא זיך אן גיפאנגען
פרייען. דרום האט הקב"ה פר קערט די רייד

אויף גוטין און פירט אוים אין צווייטין פסוק
בבטן עקב את אחיו ובאונו שרה את אלהים (אונז איז דר
טייטש טרויער. אזו וויא עס איז גישריבין דא
אין דיא פרשה תבוא לא אכלתי באוני ממנו) דאס
טייטש מחמת שפייזין די בויך האט ער גינארט
זיין ברודער און אוים טרויערקייט האט ער
גיהערשט מיט גאט. עס איז גימיינט נאר ביי
עפים אקטרוג איז מען אין הימיל תיכף מלמד
זכות אויף ישראל. דאס סייא אין דעם חלק
המצות וועלכע זייגען שייך פון איין מענטשין
געגין דעם אנדערין למשל גניבה גזילה פאלשע
גיוויכט. סייא אין דעם חלק המצות וועלכע
זייא זיינען שייך אנטקעגין גאט ב"ה. למשל
שעטנז טריפות וכדומה זיינן אידין אלס גינייטע
דאס צו טאן מחמת צער און נויט. וויא דער
מדרש בריינגט אויף דעם אמשל. איין אשה
איז גיקומען צום דיין קלאגין אויף איר זון דאס
ער האט איר גיטאן אבריק. וויא זיא האט אבר
דר זעהען מען וויל אים פר משפטין רופט זיא
זיך אפ. איך מיין גאר אויף די צייט בשעת ער
איז נאך גילעגין ביי מיר אין בויך. אין דעם
אופן זאגט רבי שמעון בן יוחאי אין עירובין.
איך האב איין טענה ווי אזו צו פטרין די וועלט
פון עונש. דען עס שטייט גישריבין ושכורת ולא
מיין כלומר מען איז ווי פר שכירטע פון פורעניות
דרום איז מען עובר עבירות און ניט אוים
רייכקייט און תענוגים וואס זיי זיינן גיגליכין צו
וויין. איצונד וועלן מיר זיך קערין צו דעם פסוק
פון דיא הפטרה וואס מיר האבן אן גיפאנגען.
ישעיה הנביא זאגט אונז אן אין דעם נאמן פון
הקב"ה דאס לימות המשיח אז די ישראל וועלן
בעפרייעט ווערין פון אלע זייערע פורעניות
וועלכע זיי האבן גיליטין פון די ווילדע פעלקער
אין אזיא און אפריקא. דאן וועט מען זעהן וויא
פרום זייא וועלן ווערין און איטליכם איד וועט
זיך גיך קערין צוא עבודת הבורא יתברך. וויא
ווייט עס גרייכט דר ארט פון די מדריגת נשמה
הקדושה זיינע. און אלע וועלין זיך וואנדערין
אויף זיי און אזו זאגין מי אלה כעב תעופינה וכיונים אל
ארבותיהם דאס טייטש ווער זיינן דאס דיזע לייטין
וועלכע זיי פליען אזו גיך מקיים זיין תורה ומצות
גלייך ווי איין וואלקן פליהעט. און אזו גוט דאס
איין גיוואונטע טויבין קומן צו פליען צוא זייער
טויבין שלאק איטליכעס אין איר באשטימטען

פענסטער

פענשטער דאס גלייכין וועט איטליכער פון זייא היטן ארויף צו קומן אויף זיין היילגן ארט אין זיין מדריגה פון תורה ומצות. אז עס איז גישריבין ווייטער אין סוף הפטרה ועמך כלם צדיקים:

# פרשת נצבים

אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלהיכם ראשיכם וגו' עד שואב מימיך וגו' למען הקים אתך היום לו לעם וגו'.

דער מדרש שרייבט כששמעו ישראל וכו' וויא די ישראל האבין דער הערט די תורה פון דיא פריערדיגע סדרה זיינען זייא דער שראקין גיווארין אונ האבין גיזאגט מיר קענען שוין מעהר קיין קיום ניט האבן. האט זיך משה רבינו אפ גירופן ווען איר וועט אלע לעבין אין אחדות דאן דארפט איר קיין מורא ניט האבן. וויא עס שטייט אתם נצבים היום כלכם וגו'. דאס הייסט אויב איר אלע צו זאמען פון גרעסטין מאן ביז דעם וואסער טרעגער וועט איר אלע שטיין אין איינעם גלייך פאר גאט דאן וועט איר האבן אקיום אונ בלייבין איין פאלק אבער ווען חלילה איר וועט אייך אפ טיילין איינר פון דעם אנדערין איז ניט גוט. למשל דינע וויצקעס יעדער איינציגע איז שוואך מען קען עס לייכט איבער ברעכין אונ וויא מען מאכט איין בונט פון פיל צוזאמען ווערט דאס זייער פעסט אונ מען קען ניט איבער ברעכן. די מפרשים פרעגן איין קשיא אויב דיא ומעשה איז נור אמוסר אנטקעגין דעם ענין פון פרנסה גוט צו לעבין וויא עס זעהט אויס פון דעם מדרש איז דאך איבעריג די ווערטער לפני ה' אלהיכם (פר גאט אייער גאט) דאס וועט אבער מתורץ ווערין מיט אמשל. איין קומפאניע ארעמע לייט זיינן גיקומן צו איין רייכען ישוב מאן איין מפורסמדיגער מכנים אורח אונ זייער אגוטער מענטש. צום אונגליק איז אבער דער בעל הבית גראד ניט גיוועזין אין דר היים נור זיינע משרתים. זייא האבין גימוזט געבין עסין אבער זייער קארג. נאטירליך איז גיווארן גרויס מחלוקת אונ איין האפעריא צווישין די ארעמע לייט ווען עס איז אן גיקומען פיל אונ ווען עס גאר נישט. רופט זיך אפ איינר פון זייא הלואי וואלט איצונד אויף פארין דער בעל הבית זעלבסט דא וואלט איר שוין זעהען וואס פאר איין ביטערן פסק איר וואלט גיהאט פון אים ווארום מיר איז גאר נישט אן גיקומן דען דיזער גוטער מאן וויא איך ווייס אים קען ער קיין עולה ניט אן זעהן. ענטפערט אים דער צווייטער קבצן. אי שוטה הלואי וואלט ער נור קומען דאן וואלסטו גאר פאר שפארין צו זאלעווען זיך פר אים אויף אונז. דען ער וואלט אונז אלעמען גלייך הייסין געבן עסין אונ טרינקען איבערין האלדז. דער מוסר דר פון איז אזו. מיר גיפינן אין איכה אז דר נביא ירמיה האט גיוואלט שטראפין די ישראל ווארום ווען איינר טוט דעם חבר איין עולה מחמת הונגער אדר דוחק פרנסה שרייעט ער צו גאט ב"ה אויף אים אונ איז מעורר דין ומשפט אין הימל אזוא וויא עס שטייט לעות אדם בריבו וגו' נייארן ליבערסט זאלין זיי תשובה טאן אונ אלע גלייך מתפלל זיין צו הקב"ה ער זאל די צייט פר בעסערין היינו עס זאל זיין דיא השפעה פון זיין האנט ניט דורך דיא שרים של מעלה דאן וועט פאר אלעמען גינוג זיין אונ ממילא וועט שוין איינר דעם אנדערן ניט מקפח פרנסה זיין. ער דריקט זיך אויס מיט די ווערטער מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו דאס הייסט ווארום האט מען זיך צו באקלאגין איינער אויף דעם אנדערין דאס יענער האט אים גימינערט זיינע חיות. (חטאו איז דא גיטייטשט פעלין אונ מינערין פון וואס עס איז. אזו וויא דער לשון אין מלכים אני ובני שלמה חטאים) נחפשה דרכינו ונחקורה ונשובה עד ה' ליבערסט לאמיר פאר בעסערן די מעשים אונ אלע אין איינעם זיך קערין צו גאט ב"ה בעטן אויף איין שנת ברכה והצלחה פון זיין פולע האנט דאן וועט מען פר שפארן גאר צו צאנקען זיך צו ליב פרנסה אז עס איז גישריבן פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון. דאמיט וועט שוין רעכט ווערן דר מדרש אויף אונזר

פרשה וואס מיר האבין אן גיפאנגן . גש[...]מעו
ישראל כ' וויא די ישראל האבין דר הערט [...] די
קללות פון די תוכחה בפרט דיא קללה [...]לת
פרי בטנך וגו' האיש הרך וגו' תרע עינו באחיו וגו' ד[...]ם
הייסט אז מחמת גרויס דחקות אונ הונ[...]ער
גויט ווערט איין איד עסין דעם צווייטין [...]ונ
מען וועט זיך ניט פר גינען דעם לעבין . [...]אן
זיינען זייא דער שראקין גיווארין (דען [...]ער
גרעסטער גליק פון ישראל בעשטייט נור [...]דר
הויפט אין שלום ואחדות . פאר קערט זי[...]ער
אונגליק ח"ו הייבט אן וואקסין פון מחלו[...]ת
אונ פירוד לבבות שנאה קנאה . וויא א[...]זר
געשיכטע דער ציילט אונז . סייא אין [...]יא
צייטין פון דעם ערשטין בית המקדש כ[...]יא
אין דיא צייטין פון צווייטין בית המק[...]ט)
דרום האט זייא משה רבינו ע"ה גיגעבין [...]די
עצה אתם נצבים היום כלכם לפני ה' וגו' כל [...]זר
בשעת אייך פעלט פרנסה צום לעבין [...]אן
בעקלאגט זיך ניט איטליכר אויף זיין [...]בר
נייערט אדרבה לעבט אין אחדות ושלום [...]ונ
ווענדעט זיך אלע צו זאמען מיט איין בק[...]שה
צו השי"ת דאן וועט איר האבין אקיום . [...]זו
וויא דער משל פון מדרש . דען ער [...]יט
זיינע גוטע אוצרות השפעה קען [...]אר
גיטיגין דעם גאנצין כלל ישראל [...]יט
אלעם גוטש :

נאך אפשט אתם נצבים וגו' וואס גיהער צו
דעם ענין פון תשובה ווען מיר וועלין פר[...]ער
פר שטיין דעם מאמר פון מסכת ראש הש[...]נה
אינו דומה יחיד העושה תשובה לרבים העושים ת[...]בה
דאס טייטש מען קען ניט פאר גלייכין [...]יא
תשובה פון איין יחיד צו די תשובה פון [...]יין
רבים . מיט איין משל. איין שטעטיל [...]איז
גיווען זייער איינגישולדיגט אין חובות ב[...]יא
איינעם איין שר . זייא פלעגין אים דאס [...]ים
צאלין אין ראטעם ווייס . מיט אמאל אי[...] די
שטעטיל אפ גיברענט גיווארין אין גאנ[...]צין
אונ אלע איינוואונער זיינען גיווארין גרו[...]סע
אביונים . אז עס איז גיקומען דר טערמין [...]פון
געלט טראגין צום שר האבין זייא זיך זי[...]ער

גישראקין אונ ניט גיוואוסט וואס אן הייבין
צו טאן . דארטין איז גיוועזין איינער אקלוגער
מענטש האט ער צו זייא אזו גיזאגט ליבע
ברידר זאל זיין מיר קענן אונזר שר פר איין
בעל טובה ובעל חסד . דאך אבער ווען מיר
ארימע לייט וועלין אים ברייננגען איטליכער
באזונדער איין טאלער אדר צווייא אונ בעטן
ער זאל אונז דיא איבעריגע גאר מוחל זיין
ווייל מיר קענן אים מער ניט צאלין נון וואס
וועט דאס זיין גיאכטעט אין דיא אויגין פון
אזו איין רייכין מאגנאט וויא ער איז בפרט
וויא מיר האבן זיך יעדר איינציגר בייא אים
איינגישולדיגט איבעריון קאפ . דרום איז מיין
עצה מיר זאלן אלעמענם ביסלאך געלט צו
זאמען לייגין עס זאל ווערין אין איינעם איין
מנה יפה אונ אונזער גאנצע שטעטיל זאלין
צו פאלין צו אים אלע מיט איין בקשה דאן
וועט ער גיוויס טאן חסד מיט אונז אונ וועט
מוחל זיין דיא חובות לחלוטין . דר ענין דער
פון איז וויא די חכמים ז"ל דרשנן אין מסכת
ראש השנה אויף דעם פסוק אין תהלים צדיק
ה' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו דאס אין אן פאנג
מוז מען קומען פאר הקב"ה צום יום הדין מיט
עפיס צדקה ומעשים טובים אונ נאכהער
לייגט ער יתברך שוין צו די מדת החסד זיינע
אונ איז מוחל די זינד . כביכול וויא איין אן
זעטצער קומט צו איין מלוה אפ מאכין דאס
אויב מען גיט אים בעת מעשה עפיס געלט
אויף דעם חוב דאן לאזט ער זיך שוין
האנדלען ווען ניט וויל ער גאר ניט אן הייבן
ריידין . דאהער גאר אין יענע אלטע צייטין
אז דאס פאלק ישראל זיינן גינוג פרום גיוועזן
דאן האט איטליכם איד באזונדער גיהאט
ביכולת מתפלל צו זיין אזו א נוסח התפלה
וויא אים האט בעת מעשה געפאדערט אדר
וויא אים איז גיפעליג גיוועזן . אבר איצטיגע
יארין דאס מעשים טובים האבין מיר זייער
ווייניג דרום מוזין זיך אלע ציהען צוא איין
ציל . אלע איין גלייכין נוסח התפלה . אלע
איין בקשה אויף גלות השכינה. אויך צין

זאל

זאל אויף גיבויט ווערן ובדומה. בפרט אין די הייליגע טעג פון ימים נוראים. וואס דאמאלס זיינען אפין די שערי רחמים די שערי תפלה מוזין אלע האבין בעת מעשה אין מחשבה. איין דעה. אויף די דאזיגע צייט פאר זאגט אונז משה רבינו ע"ה אתם נצבים היום כלכם לפני יי וגו' כלומר ווען איר שטעלט זיך פר גאט ב"ה מתפלל זיין זאלט איר אלע פון גרעסטין ביז דעם קלענסטין מענטשין מייגען נור איין תכלית. דאן וועט אייער תשובה אויך בעסער אן גינומן ווערן. וויא דר פריערדיגר מאמר אינו דומה יחיד העושה תשובה לרבים העושים תשובה אונ צו ליב דעם וועט איר איין קיום האבין אין דר וועלט אונ גיהאלפין ווערין. אזו וויא משה פירט אויס ווייטער לעברך בברית יי וגו' למען הקים אותך היום לו לעם:

והיה כי יבאו עליך וגו' הברכה והקללה וגו' ושבת עד יי וגו' דאס הייסט אז עס וועט מקוים ווערן די ברכות מיט די קללות דאן וועסטו תשובה טאן. עס איז קשה מילא דיא קללות קענען דריקין צו תשובה אבער וויא אזו וועלין זייא זיך בעסערן פון די ברכות. בפרט די פסוקים ביז אהער דער מאנען גאר ניט קיין ברכות. נאר די מעשה בדרך דמיון איז אזו. ווען אז אפאטר בעת ער קומט פון וועג בריינגט ער דיא שטיף קינדער טייערע מתנות אונ זיין אייגין קינד גאר נישט וויא גרויס איז דער צער פון דאס קינד דען מחמת זייער שמחה האט ער דעם גרעסטין צער אונ דאס גופא איז אבעווייז דאס דר פאטער איז זייער בייז אויף אים על כן מוז ער זעהען וויא מיגליך איז זיך צו בעסערין אום ער זאל גוט ווערין צו אים. דאס גלייכן זאגט משה צו די ישראל אין דער צייט אז איר וועט זעהען דאס דיא כשדים זיינען גליקליך אונ איר לעבט אין אזו אדלות ושפלות. דאס הייסט די ברכות פון דר וועלט זיינען פאר דיר פר קערט קללות. דרום דער פון גופא דארפסטו שוין תשובה טאן. וויא עס איז פריער ערקלערט גיווארין:

והשבת אל לבבך בכל הגוים אשר הדיחך יי אלהיך שמה. ושבת וגו' ורחמך מיר וועלין מפורש זיין די פסוקים מיט אקורצין משל. אקינד האט פר זינדיגט אנטקעגין זיין פאטער האט ער פאר בעם אים ארויס גיטריבין. ער איז ארום גיגאנגן כמה וכמה שנין נע ונד אין גרויס דחקות. אמאל האט אים בעגעגינט איינער איין בעקאנטער פון זיין פאטערס הויז. ער האט בעטראכט וויא שלעכט דאס קינד זעט אויס אונ וויא אונגליקליך ער איז. זאגט ער צו אים ניט מיין דאס נור דוא אליין זעהסט אזו אויס. ניין דיין פאטר ליידעט אויך גינוג עגמת נפש צו ליב דיר. דרום איז מיין עצה טוא אן אויף דיין הארצין איין קליין שפיגעלע אונ גייא אריין צו אים מיט דיא מענה. היינו זעה פאטר. זעה וויא אבגעצערט דו ביסט זעלבסט מחמת דעם דאהער ווען דו ווילסט שוין ניט רחמנות האבין אויף מיר האב האטשע רחמנות אויף זיך זעלבסט אונ זייא מיר ווידער מקרב צו זיך אין הויז. דר נמשל איז וויא דר זוהר הקדוש שרייבט אויף דעם פסוק כן משחת מאיש מראהו. כמה דאיהי משתניא בגלותא אוף הכי בעלה לא נהיר אזו נוט דאס דיא כנסת ישראל איז אין גלות פאר ענדערט גיווארן דאס גלייכן ער כביכול. דרום זאגט ירמיה איין עצה שפכי כמים לבך נוכח פני יי מיר זאלין זיך שטעלין מתפלל זיין אנטקעגין הקב"ה מיט איין הארין וואס שפיגילט אפ וויא וואסער. כלומר דר עיקר ווייגען אויף גלות השכינה. וויא מיר זאגין ואם לא למעננו למענך פעל דאן וועט ווערן איין ישועה שליכה. אז די חכמים ז"ל שרייבין ווען מען בעט פר דעם אנדערין דאן ווערט מען אליין פריער גיהאלפין. דאס מיינט דר פסוק והשבת וגו' בכל הגוים וגו' יי אלהיך שמה ושבת וגו' ורחמך היינו ווען דו וועסט בעטראכטן דאס ער כביכול רוהעט מיט דיר צו זאמן אין גלות אונ וועסט צו ליב דעם מתפלל זיין אונ תשובה טאן. דאן וועט ער אויף דיר תיכף רחמנות האבין:

ושבת עד יי אלהיך ושמעת בקולו וגו' דאס טייטש דוא וועסט זיך קערן צו דיין גאט אונ

וועסט

גֶעסְט הֶערְן זַיין קוֹל. דֶר פֵּירוּשׁ דֶר פוּן פַּא
שְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַקוּרְצִין מָשָׁל. אַיין רַייכֶע
עֶם הָארֶץ הָאט זִיךְ פַר גִּילוּסְט צוּ הָאבְּן אַיי
אֶתְרוֹג אוֹיף סוּכּוֹת. וָואס זָאל עֶר אָבֶּר טָא
וֶוען עֶר וַויים נִיט וִויא צוּ שָׁאקְלֶען מִיט דֶעו
לוּלָב דַאהֶער הָאט עֶר גִּינוּמֶען צוּ זִיךְ אִי
שְׁטוּב מִיט אַחוֹדֶשׁ פְרִיעֶר אַיין אָרֶעמֶן לַמְדָ
אוּנ עֶר הָאט אִים אוֹיס גִּילֶערִינְט וִויא זִי
נוֹהֵג צוּ זַיין מִיט דִי נַעֲנוּעִים. סוּכּוֹת צוּ הַלַ
וִויא עֶר הָאט נוּר אָן גִּיהֵייבִּין שָׁאקְלֶען אַ
הָאט דֶר עוֹלָם אָן גִּיהַייבְּן לַאכְן. עֶר קוּקְט זִי
אַרוּם דַאכְט זִיךְ עֶר טוּט וִויא מֶען הָאט אִי
גִּילֶערִינְט אוּנ דֶר עוֹלָם לַאכְט פָארְט. דִי סִבָּ
אִיז אָבֶּער גִּיוֶועֶן עֶר הָאט זִיךְ גִּישְׁטֶעלְט פַּא
קֶערְט מִיטְן פָּנִים צוּ מַעֲרִיב זַייט נִיט צוּ מִזְרָ
זַייט אוּנ דַאהֶער אִיז אוֹיס גִּיקוּמֶען זַיינֶ
נַעֲנוּעִים אוֹיךְ גָאר פַר קֶערְט. דֶר עִנְיָן דֶר פ
אִיז אַזוֹ. מִיר קְלָאגְן זִיךְ אִין תְּהִלִּים אֱלֹהַי אֶקְרָ
יוֹמָם וְלֹא תַעֲנֶה אִימֶער זַיינֶען מִיר מִתְפַּלֵּל או
הקב"ה עֶנְטְפֶערְט אוּנְז נִיט אוּנ עֶר כִּבְיָכוֹ
זָאגְט פַר קֶערְט אִין יְשַׁעְיָה קָרָאתִי וְאֵין עוֹנֶה אִין
הָאבּ זַייא גִּירוּפִין אוּנ קֵיינֶער רוּפְט זִיךְ נִי
אָפּ. דִי אֱמֶתֶע מַעֲשֶׂה אִיז וַוייל אוּנְזֶערֶע תְּפִלּו
זַיינֶען נוּר פוּן מוֹיל אוּנ נִיט פוּן טִיפִין הַארְצִי
דַאכְט זִיךְ יֶענֶער דַאוִוינְט מִיט גְרוֹיס דְבֵקוּ
אָבֶּער וָוער וַוייסְט וָואסֶערֶע גִּישֶׁעפְטִין אִי
דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּערִין מוֹחַ. דָאס הֵייסְט מֶע
שְׁטֵייט אָבּ גִּיקֶערְט פוּן הקב"ה אוּנ דֶר דַבֶּנֶע
אִיז מֶער נִיט אַז אַיין אַיינְגֶעוואוֹינְטֶע זַאךְ
אַז הקב"ה זָאגְט אִין יִרְמְיָה הֲלֹא אַתְּ נָטַשְׁתְּ אוֹתִ
נְאֻם יְיָ אָחוֹר תֵּלֵכִי וַוייל דוּא הָאסְט מִיךְ פַר לָאזִי
דְרוּם הֵייסְט דָאס דוּא גֵייסְט צוּ רִיק. דְרוּ
זָאגְט דָא מֹשֶׁה ע"ה וְשַׁבְתָּ עַד יְיָ אֱלֹהֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְּקוֹל
וגו' אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶערִין מִיטִין פָּנִים צ
גָאט ב"ה כְּלוֹמַר מִתְפַּלֵּל זַיין מִיט אַרֶעכְטֶ
כַּוָּונָה דַאן וֶועסְטוּ דֶר הֶערִין זַיין קוֹל וִויא עֶר
דִיךְ וֶועקְט דִיר צוּ תְּשׁוּבָה אוּנ וֶועסְט פוּיעֶלִין
אַלֶע דַיינֶע בַּקָּשׁוֹת. וִויא עֶס אִיז גִּישְׁרִיבִּין
וַוייטֶער וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ מִכָּל הָעַמִּים:

וְנָתַן יְיָ וגו' הָאָלוֹת וגו' שֹׂנְאֶיךָ אֲשֶׁר רְדָפוּךָ הֵיינְט
וֶוען דוּ הֶעסְט פְרוּם וֶוערִין דַאן וֶועט הקב"ה
אַוֶועק גֶעבִּין דִיא פְלוּכוּנְג צוּ דַיינֶע שׂוֹנְאִים
וֶועלְכֶע זַייא הָאבְּן דִיר גֶעיָאגְט. אִין פְלוּג אִיז
דֶער אֲשֶׁר רְדָפוּךָ (דִיר גֶעיָאגְט) אִיבֶּערִיג. דִיא
צְוֵוייא וֶוערְטֶער וֶועלִין אָבֶּער זַייעֶר צוּ נִיטְץ
קוּמֶען דוּרְךְ אַיין מָשָׁל. אַיין גְבִיר הָאט זִיךְ
גִּימַאכְט דָאס עֶר הָאט גִימוּזְט זַייעֶר נֵייטִיג גֵיךְ
אָפּ פָארִין פוּן זַיין שְׁטָאט צוּ אַנְדֶערֶע שְׁטָאט
אִין מֶרְחַקִים. עֶר הָאט אוֹיף אַיין מִינוּט גְקוֹיפְט
אַפָּאר פֶערְד מִיט אַבְרִיצְקֶע דֶער צוּ הָאט עֶר
גִּינוּמֶען אַיינֶעם פַר אַיין פוּר מַאן. דָא פְרֶעגְט
יֶענֶער בַּעַל עֲגָלָה זַיין גִּיצָאלְט אַפְרִיעֶר.
עֶנְטְפֶערְט דֶר גְּבִיר פַר מִיר נוּטְצְט דֶר דָאזִיגֶער
פַארָאנְדִיג נוּר בִּיז וַואגֶען אִיךְ וֶועל קוּמֶן אִין
יֶענֶע שְׁטָאט וֶועלְכֶע אִיךְ בִּין נֵייטִיג צוּ פַאר
בְּלַייבִּין. אוּנ נָאכְהֶער וֶועל אִיךְ דִיר אַוֶועק
גֶעבְּן אַלֶעם אֲפִילוּ דֶעם בַּייץ אוֹיךְ. דֶר נִמְשָׁל
אִיז וִויא עֶס אִיז יָדוּעַ דָאס וֶוען מִיר ווִילִין
נִיט גֵיין אִין דֶעם דֶרֶךְ פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת דַאן
שִׁיקְט הקב"ה אוֹיף אוּנְז אָן נוֹגְשִׂים אוּנ
רְשָׁעִים וָואס זַיינֶען אוּנְז נוֹגֵשׂ כְּדֵי מִיר זָאלִין
בֶּעסֶער וֶוערִין. אַז יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא קְלָאגְט אִין
דֶעם נָאמֶען פוּן הַשֵּׁי"ת הוֹי אַשּׁוּר שֵׁבֶט אַפִּי דָאס
טַייטְשׁ וַוייא גִּישְׁרִיעֶן דָאס אַשּׁוּר מוּז זַיין דִי
רוּט פוּן מַיין צָארִין. אוּם מִיר זָאלִין קֶענֶען
דֶר פָארְן צוּם עִיקַּר תַּכְלִית עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא ית'.
אָבֶּער לֶעָתִיד לָבוֹא אַז דֶר שָׂטָן דֶר יֵצֶר הָרַע
וֶועט בָּטֵל וֶוערְן וִויא דָא אִיז גִּישְׁרִיבְּן וּמָל יְיָ וגו'
וֶועלִין שׁוֹין דָאךְ דַאמָאלְס נִיט נוּטְצִין דִיא
דָאזִיגֶע פוּרְעָנִיּוֹת דְרוּם וֶועט הַשֵּׁי"ת דִי צָרוֹת
אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף דִי רְשָׁעִים אֲשֶׁר רְדָפוּךָ וֶועלְכֶע
זַייא הָאבְּן דָאס פָאלְק יִשְׂרָאֵל גִּישְׁטוֹיסְן אוּנ
גֶעיָאגְט צוּ דִי וֶועגִין פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת. אַז
דֶר פָּסוּק זָאגְט דָא וְנָתַן יְיָ אֱלֹהֶיךָ אֵת כָּל הָאָלוֹת הָאֵלֶּה
עַל אוֹיְבֶיךָ וְעַל שֹׂנְאֶיךָ אֲשֶׁר רְדָפוּךָ:

כִּי הַמִּצְוָה וגו' לֹא נִפְלֵאת הִיא מִמְּךָ דֶער מִדְרָשׁ
שְׁרַייבְּט הקב"ה זָאגְט אַזוֹ צוּ דִי יִשְׂרָאֵל זֶעהְט
וִוי גֶעלִיבְּט אִיר זַייט בַּייא מִיר דֶען קֵיינֶער פוּן
דִי לַייטִין וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ בַּיי מִיר אִין פַּאלֶעץ
(עֶס אִיז גִימֵיינְט דִיא מַלְאָכִים) וַוייסְן גָאר נִיט

פוּן

פון מיין תורה אז אין איוב שטייט ונעלמה מעין כל חי די תורה איז פר בארגין פון די מלאכים וואס לעבין אימער . אונ פון אייך ישראל איז זיא ניט פר בארגין אז עס שטייט לא נפלאת היא ממך . עס איז נייטיג צו פר שטיין וויא אזו איז איין סברה דאס איין בשר ודם זאל העכער שטיין דריין פר אמלאך . דאס פר שטייט זיך מיט אמשל . אפאטער האט גיהאט עטליכע זין וועלכע זיי האבן גיוואוינט ווייט פון אים . אויף דער עלטער אז עס האט באדארפט זיין חתונה ביי זיין אינגסטין זון האט ער גישריבן זיי זאלין אלע קומן אויף חתונה העכסט פיין געקליידעט . האט איינער פון זיי גישריבין צום פאטר ער זאל אים מודיע זיין פון וועלכען מין זיידינס אויך מיט וואסערע מאדעס זאל זיין גינייט זיינע קליידער אויך וואס פר אמין פוטר וכדומה . וויא ער וועט אים הייסן אין אזעלכע בגדים וועט ער קומן אויף חתונה . דר פאטר האט זיך גירעכינט גיוויס איז ער זייער רייך . אויף דר חתונה אז ער האט זיך מיט אים פאנאנדער גירעט האט ער דער זעהן דאס ער איז דר ארימסטער פון אלע ברידר . אונ אז דער פאטר האט אים פאר גיהאלטן וועגן די טייערע בגדים זיינע . ווען ער איז יוא אזו ארעם צו וואס קליידעט ער זיך אזו רייכליך . האט ער אים מגלה גיוועזן דאס זיי זיינן דורך אוים אלע צו זאמן גיליענע אונ אז עס איז סייא וויא סייא פרעמדע נון ווארום זאל ער לייען פראסטע ליבערסט האט ער שוין גינומען טייערע אונ דיא בעסטע . אבער יענע ברידער ווייל זייערע קליידער איז אייגענע דרום טראגין זיי נור נאך זייער פאר מעגינס נאך . איצונד פר שטייט זיך דר נמשל פון זיך זעלבסט . דיא מדרשים שרייבין דאס מלאכים האבין אין הימיל יעדערער זיין בעשטימטען חלק ומדריגה פון אן פאנג ביז צום סוף דרום קענן זיי גרעסר ניט ווערן אלס דר ערך קדושה וועלכע זייא איז צו גיטיילט גיווארן פון אנפאנג אן . דר מענטש אבר ער פר מעגט אין אנפאנג גאר ניט . נייערט ווייל ער איז אבעל בחירה איז אויב ער פירט זיך ארענטליך דאן שיינקט אים דר בורא יתברך על פי מדת החסד איין נדבה אונ איין מתנת חנם . אם כן נדבות קלייבין אין דער וועלט האט דאך קיין שיעור ניט אונ דרום קען ער שוין צו קומן צום חלק התורה אויך הגם דאס איז דער בעסטער חלק אויך דיא העכשטע מדריגה אין הימיל . דען פרעמדע בגדים טייערע קען מען גינוג באקומן צום לייען . וויא עס איז ערקלערט גיווארין :

ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב וגו' ובחרת בחיים למען תחיה אתה וזרעך . לאהבה את יי וגו' זעה איך האב פר דיר היינט גיגעבין דאס לעבן אונ גוטעס אונ דו זאלסט אוים קלייבן דאס לעבן כדי דו מיט דיינע קינדר זאלין לעבן אום צו ליבין גאט . עס איז קשה ער פאנגט אן מיט חיים אונ טוב (לעבין מיט גוטש) אונ פירט אוים נור ובחרת בחיים . נאר די מעשה איז דאס משה רבינו ע"ה מיינט אונז צו לערנן דער מיט צוויא ענינים וויכטיגע . ערשטינס מיר דארפין וויסין דאס מיר מענטשן זיינן נור אז בלינדע אין די סודות פון די הנהגה אונ אין די השגחה פון דעם בורא יתברך אויף דר וועלט . אונ דאס וואס אונז דוכט זיך אפשט אטובה קען זיין פר קערט חלילה איין רעה אונ פון איין רעה איין טובה . דרום בעטן מיר מלא משאלות לבנו לטובה דאס טייטש אונזערע בקשות זאלסטו ערפילן צו גוטין כלומר ווייל מיר אליין ווייסין גאר נישט אויב דאס וואס מיר ווינטשן זיך איז באמת מאקע גוט אזו . נאר איין זאך קענן מיר בעטין בייא הקב"ה זיכער היינו צו לעבן אום עוסק זיין אין דר תורה אונ צו דינען אים באהבה ויראה אזו וויא מיר זאגין אין דיא טעג פון עשרת ימי תשובה זכרנו לחיים וכו' למענך אלהים חיים דר מאן אונ שרייב אונז איין אין דעם ספר החיים (לעבענס בוך) פון דיינט וועגין דו לעבעדיגר גאט . עס איז גימיינט כדי מיר זאלין דיר קענען דינען . צווייטינס לערינט אונז משה צו ווייזין דאס אזו גוט וויא מען טראכט אונ

מען זארגט פר קינדר וועגין לערנען אונ יר שמים דאס גלייכין באדארף מען טראכטן אונ טאן אין די זעלביגע ענינים זיך זעלבסט אויך . ניט וויא דר נארעשר סדר עולם איז דאס וויא נור מען האט קינדר ווארפט מען שוין אראפ פון זיך גאנצין יאך פון דער תורה אונ מען טוט דעם יאך פון דאגת פרנסה טאג אונ נאכ . אונ אפילו דר קל שבקלים וויל אויך זיין זון זאל לערנען תורה אונ פרום זיין ווי רבינו אליין . ער גיט קינדר אין חדר אום זאל זייא מדריך זיין אין דעם דרך התורה והמצות (דאס איז זייער רעכט אונ שיין) אן זיך אליין פרגעסט מען גאר אין גאנצ מען מיינט אז מען איז שוין יוצא מיט וואס די קינדר לערנען אונ דאווענען . אונ באטראכט ניט דאס פון תורה ועבודת ה איז מען קיין מאל אין גאנצין לעבן ניט פ דר פון אין וואס פר אמדרגה מען איז . עס שטייט גישריבין מפורש אין שולחן יורה דעה הלכות תלמוד תורה . אונ מיר גילוסטין אזו פיל דאס אונזערע קינ זאלין לערנען אונ דאווענען מכל שכן דאס דר וואקסענע מענטשין זעלבסט זיינן מח אין אלעם וואס הקב"ה האט גיבאטין . ד זאגט דא משה רבינו ע"ה אין דעם נאמן הקב"ה ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב וגו' ובחרת בחיים היינו איך באזארג פר דיר הן דיין לעבין הן פר דיין גוטעס אבר דו קענ מיר ניט אן ווייזין וואס עס הייסט גוט נייערט דו קענסט נור בעטין פר דיין לעב . אבער באופן למען תחיה אתה וזרעך . לאהבה א יי' דאס הייסט אזוא גוט וויא דוא וויל אז דיינע קינדער זאלין לערנען אונ א וואס גוטעס הייסט טאן דאס גלי זאלסטו זעלבסט אויך דיא זעלביגע הי אונ טאן . כי הוא חייך ואורך ימיך ווארום ד איז אויך דיין לעבין אין דעם עולם דיינע לאנגע טעג לעולם הבא ליום שכ טוב וכולו ארוך :

## הפטרת נצבים

שוש אשיש ביהוה תגל נפשי באלהי כי הלבישני בג ישע מעיל צדקה יעטני עס טייטש דר נביא ישעי זאגט פרייען טוא איך מיך פרייען מיט דעם נאמ יהוה (דאס בעטייט אויף רחמים אונ טובו אויך מיין נפש איז לוסטיג מיטין נאמען אלה (דאס ווייזט אויף דין אונ שטראפונגען) דען ע האט מיר באקליידעט מיט הילפס קליידר. מי איין צדקה מאנטיל האט ער מיר איין גוויקיל גרונטיג צו פר שטיין דעם פשט פון דיזען פסו וועלין מיר ברייגגען איין משל . איין ארעמא וועלכער איז ארום גיגאנגען קלייבן נדבות איב דר וועלט האט ער שוין בדעה גיהאט אן הייב צו לעבין אונ זיך שיין אוים קליידין לייטין גלי כדי ער זאל האבין עפיס אצורה צווישין לייט רופט זיך אפ די ווייב צו אים גיין דו מוזט וויס דאס דו ביסט גאר ניט גלייך צו אלעמען ד די אלע איבעריגע לייטין לא די וואס זיי ט דאס קיין היזק ניט אדרבה דאס איז נאך גא פאר זיי אמעלה צום גישעפט ווען מען גייט גיטאן ארענטליך . אבער פאר דיר איז דא אדרבה אגרויסר חסרון ווארום דר עסק קבצנ בעשטייט דער עיקר מען זאל אוים זעהן ארע אונ שפל . דאן גיט מען דיר פאר רחמנות. א איצונד וועט מען זאגין אז דו ביסט שוין גיווא רייך וועסטו שוין מער קיין נדבות באקומען דר נמשל איז אנטקעגין די מדה פון ענוה א שפלות . דען וויא גרוים אונ רייך מען איז דא מוז מען אימער זיין בייא זיך זייער שפל . ווי איינגנטליך ועדליג נאך דעם מענטשינס מעשי נאך קומט אים קיין גוטעס ניט פון הקב"ה נ וויל ער איז ארחמן שפייזט ער אונז מצד מד רחמנות אונ פון נאטור רחמנות דער וועקט ז נור אויף אזעלכין וואס זעט אוים שפל אונ בראכין . וויא עס איז ידוע . אזו וויא עס א גישריבין אין תהלים לב נשבר ונדכה אלהים לא תב דר וועלכער ער איז בייא זיך צוא בראכין א איין גיבויגין פר אכטעט ניט השי"ת זיין תפ פר קערט אויף דעם וואס ער איז ביי זיך אתק אונ אבעל נאוה ווערט גיזאגט גבה עינים וגו' או לא אוכל דעם בעל נאוה קען איך ניט ליידין.מ גיפינען אין מסכת ברכות רבי חנינא בן דוס האט מתפלל גיוועזן פאר רבי יוחנן בן זכא אקראנקין זון אונ ער איז גיזונד גיווארין הא

רבי יוחנן בן זכאי גיזאגט ווען איך וואלט אפילו שטיין אגאנצין טאג איין גיבייגין מיט דיא קאפ צווישן די פים אונ מתפלל זיין וואלט מען אויף מיר קיין קוק גיטאן פון הימיל. פרעגט אים די וייב. איז דען דיין תלמיד רבי חנינא גרעסער פון דיר. ענטפערט ער ניין נייערט הוא דומה כעבד לפני המלך ואני דומה כשר לפני המלך עס טייטש ער איז גלייך וויא אקנעכט פר דעם מלך אונ איך בין גלייך אזו וויא איין פירשט פר דעם מלך כלומר ווייל ער איז אין איין קלענערע מדרגה אלס איך אין תורה דרום קען ער בייא זיך פועלן מער ענוה אונ שפלות בעת ער שטעלט זיך פר דעם מלך הקב״ה מתפלל זיין דרום הערט מען אים תיכף צו אין הימיל. אבער איך קען דאס בייא זיך אזו ווייט ניט פועלן צו האלטן זיך אזו נידעריג נייערט איך מיין אז איך בין חשוב ווי דיין שר בעת איך שטייא פאר דעם מלך הקב״ה דרום קען ניט מיין תפלה אזו גוט אן גינומען ווערין. נמצא דער עיקר באשטייט דאס יעדר אין זיין אופן מוז וויסין בייא זיך קלאר וויא גאר נישט מען איז אנטקעגן די גדלות אונ די טובות פון בורא יתברך אונ וואס נור מיר זיינען מקבל טובה פון אים איז דאס נור הוילע צדקה פון זיין מדת החסד ורחמים אונ ווען ער וואלט חלילה באנוטצין מיטן מדת הדין דאן קען דר גרעסטער צדיק ניט באשטיין אנטקעגין אים. דאס זאגט דער נביא ישעיה שוש אשיש בה׳ תגל נפשי באלהי ער מיינט אפילו אין דיא צייטין ווען מיר גייט גליקליך אונ איך האב זיך צו פרייען מיטן שם יהוה וואס בעטייט מדת הרחמים דאך אין דיא רעכטע שמחה דער מאן איך זיך אן דעם שם אלהים היינו מדת הדין אונ איך ווער דאן בייא זיך זעלבסט זייער שפל אונ קליין. זאגט ער ווייטער איין טעם אויף דעם כי הלבישני בגדי ישע דען אין די צייט ווען ער האט מיר אן גיקליידט מיט הילפס קליידר מעיל צדקה יעטני האט ער מיר אויך פון אויבין איין געהילעט מיט איין צדקה מאנטיל כלומר די גוטעס וואס ער טוט מיט מיר הייסט דאס ניר גלייך אז מען גיט איין ארימאן עפים איין נדבה צדקה אונ דער עני וואס וויל באקומען נדבות מוז זיך הערוים ווייזין זייער נידעריג. אונ אנעבעכיל כדי דאס מדת רחמנות זאל זיך דער וועקין אויף אים. וויא אויבין איז ערקלערט גיווארין.

נאך אפשט שוש אשיש וגו׳ מיט איין משל. איין אורח איז גיקומען צו פארין אין איין ארט האנדלען. האט ער גישיקט דעם משרת ער זאל אים ברייננגען יענע אונ יענע גיוויסע מיני שפייזין צום עסין פון איין גיוויסין גארקוך. מען האט אים אבר גינארט אונ גאר גיגעבין אנדרע פראסטע עסין וועלכע ער האט דער פון קיין הנאה גיהאט אונ עס האט אים נאך גאר זייער פאר שאט. ווידר האט ער דעם דאזיגן משרת גישיקט מיט איין אויסטוך איין קויפן פאר אים איינגע מיני זיידינס. האט דער קרעמער אים גאר איין גיפאקט באוויל צייג. ער איז דר מיט אוועק גיפארין אהיים פאר קויפט אונ ווידער גיקומען דארטין האנדלען. דאן האט ער אן גיזאגט דעם משרת ער זאל שוין מער ניט נעמן פאר אים עסין אין יענעם גארקוך נאר פון איין אנדר ארט. אבר סחורה האט ער אים גישיקט קויפין דוקא בייא דעם פריערדיגען קרעמער. דא פרעגט אים דער משרת ווען ביידע האבין דערנסט מאל גלייך משנה גיוועזן אלס דיין רצון איז גיוועזן נון ווארום האנדעלסטו ווייטער מיטין סוחר אונ דעם דאזיגן גארקוכניק ווילסטו שוין מער ניט קענען. ענטפערט אים דער סוחר איך וועל דיר ערקלערין. די כונה פון מיין עסין מיין איך נור דר הויפט איך זאל טאקע דר פון גוט הנאה האבן אונ ווען איך האב קיין הנאה גיהאט פון יענע עסין אונ האב נאך דעם מאגין אויך פאר דארבין ווארום זאל איך וועלן ווידער די זעלביגע ליידין דורך אים. אבר מיין כונה פון סחורה האנדלן איז נור כדי געלט צו פר דינען דער פון אונ ווען איך האב אן זייגע באוויי צייג מער פר דינט אלס פון זיידינס צייג אם כן ווארום זאל איך ניט וועלין ווייטער מיט דעם זעלביגן קרעמער האנדלען. דער ענין דער פון איז וויא דיא גמרא שרייבט אין מסכת ברכות חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה מען איז מחויב צו דאנקען און לויבין השי״ת אויף איין רעה ווי אויף אטובה. ווייל מיר דארפן גלויבן דאט דר רצון הבורא יתברך איז נור אונז גוטעס צו טאן מיט אלץ וואס מאכט זיך מיט אונז. אונ די רעה איז נור אז זריעה כדי דער פון זאל שפעטער ארוים וואקסין ישועות ונחמות אן אשיעור. אם כן וואס איז די נפקא מינה דער צדיק ציא גוט גילעבט שלעכט גילעבט אביא

דֶר עִיקַר תַּכְלִית דֶער פוּן וֶועט גוּט זַיין . אָבֶע[ר]
דֶר רָשָׁע וָואס גֵייט נָאךְ נָאךְ דִי תַּאֲוֹת עוֹלָ[ם]
הַזֶה עֶר טְרַאכְט גָאר נִיט וֶוענִין דֶעם עִיקַ[ר]
תַּכְלִית פוּן שְׁפֶּעטֶער עֶר מֵיינְט נוּר דֶר וַוייל[ע]
לֶעבִּין אַגוּטִין טָאג נוּן אַזוֹ אַיין לַייט וִוי קֶען זִ[יי]
אִים גָאר וֶועלִין דַאנְקֶען צוּא הַשִׁי״ת אוֹיף עֶפִּי[ס]
נִיט גוּטְקַייט . דָאס רֶעט דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה אִ[ן]
דֶעם נָאמֶען פוּן דִי אוּמָה יִשְׂרָאֵל שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בַּ[ה']
תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹהַי וגו׳ אִיךְ פְרַייא זִיךְ אוּנ דַאנְק הַשׁ[י״ת]
אוֹיף אַיין טוֹבָה וָואס דָאס קוּמְט פוּן שֵׁם יה[ו״ה]
וֶועלְכֶער בֶּעטַייט אוֹיף מִדַת הָרַחֲמִים . אוֹי[ךְ]
דַאנְק אִיךְ אִים מִיט שִׂמְחָה אוֹיף דָאס וָוא[ס]
דוּכְט זִיךְ מִיר אַז דָאס אִיז אַיין רָעָה אוּנ עֶ[ס]
נֶעמְט זִיךְ דָאס פוּן דִי בְּחִינַת אֱלֹהִים אוּנ דִ[ין]
זָאגְט יְשַׁעְיָה וַוייטֶער וּכְגַנָּה זֵרוּעֶיהָ תַצְמִיחַ כֵּן אֲדֹנָי יֱהֹ[וִה]
יַצְמִיחַ צְדָקָה וּתְהִלָּה עֶס הֵייסְט אַזוֹ גוּט דָאס עֶרְ[דִ]
לְסוֹף וַואקְסְט אַרוֹיס דִי לוֹין פַאר דִי אַמָאהְלִיגֶ[ע]
זְרִיעָה אוּנ מִיהֶע דָאס גְלַייכִין וֶועלִין דִי גַאנְצֶ[ע]
וֶועלְט אַמָאל זֶעהֶען דִי גוּטֶעם וֶועלְכֶע עֶס וֶוע[ט]
אַרוֹיס וַואקְסִין פַאר דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל בִּמְהֵרָ[ה]
בְּיָמֵינוּ אָמֵן :

# פרשת וילך

## (דרוש תשובה ותפלה)

צוּ לַייעֶנֶען דָאס אוֹיךְ דִי הַפְטָרָה דֶער פוּן אוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָ[ה]
שַׁבָּת תְּשׁוּבָה, אוּנ יוֹם כִּפּוּר .

וְהָיָה כִי תִמְצֶאןָ אוֹתוֹ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת וְעָנְ[תָה]
הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד דָאס טַייטְשׁ הקב״ה זָאגְ[ט]
צוּא מֹשֶׁה וֶוען דָאס פָאלְק וֶועט טְרֶעפִין פִּ[יל]
רָעוֹת אוּנ צָרוֹת מַחֲמַת זַייעֶרֶע זִינְד דַאן וֶוע[ט]
דִי דָאזִיגֶע שִׁירָה (הַיְינוּ דִי תּוֹרָה) עֵדוּת זָאגְ[ן]
פַר זַיי . אוּם צוּ פַר שְׁטֵיין דֶעם תֵּירוּץ דֶע[ם]
פוּן וֶועלִין מִיר מַקְדִים זַיין אַיין פָּסוּק אִין תְּהִלִּ[ים]
תָּבוֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתִי הַטֵּה אָזְנְךָ לְרִנָּתִי כִּי שָׂבְעָה בְרָעוֹת נַפְ[שִׁי]
וְחַיַּי לִשְׁאוֹל הִגִּיעוּ עֶס טַייטְשׁ דִיא אוּמָה יִשְׂרָאֵ[ל]
טַעֲנֶעט פַר הַשִׁי״ת . עֶס זָאל אָן קוּמֶען פַר דִ[יר]
מַיין תְּפִלָּה הָארְךְ זִיךְ אַיין מַיין גִיזַאנְג דֶ[ן]
מַיין נֶפֶשׁ אִיז זַאט גִיוָוארִן מִיט שְׁלֶעכְטִין אַ[ון]
מַיין לֶעבִּין הָאט גֶענְרַייכְט צוּם גְרוּב . נ[וּ]
שִׁיקְט זִיךְ דָא נִיט . וֶוען עֶס אִיז אִיר יוֹא אַ[זוֹ]
שְׁלֶעכְט וִויא זִיא זָאגְט דָא נוּן וָוארוּם זָ[אגְט]
זִינְגְט זִיא . אָבֵּר וֶועט עֶרְקְלֶערְט וֶוערִין דָ[אס]

דֶר פִּיוּט פוּן יָמִים נוֹרָאִים אָדָם יְסוֹדוֹ מֵעָפָר וְסוֹפוֹ
לֶעָפָר בְּנַפְשׁוֹ יָבִיא לַחְמוֹ דָאס הֵייסְט דֶער אָן פַאנְג
יְסוֹד פוּן מֶענְטְשִׁן אוֹיךְ זַיין סוֹף אִיז נוּר עֶרְד
אוּנ מִיט זַיין נֶפֶשׁ בְּרֵיינְגְט עֶר זַיין בְּרוֹיט .
דָאס אַלִין פַר שְׁטֵייט זִיךְ עַל דֶרֶךְ הַמּוּכָר מִיט
דְרַיי מְשָׁלִים . דֶר עֶרְשְׁטֶער מָשָׁל . אַיין אָרִימֶער
דָארְף מַאן הָאט גִיוואוֹינְט זֵייעָר וַוייט פוּן
אַדָאקְטֶער . וֶוען עֶר אִיז שְׁטַארְק קְרַאנְק
גִיוָוארִין הָאט עֶר נִיט גִיהַאט וֶוער עֶס זָאל
קוּקִין אוֹיף אִים אוּנ וֶוער עֶס זָאל אִים קוּרִירִין ;
אִין דֶעם אוֹפֶן הָאט עֶר גְלִיטִין אַיינִיגֶע צַייטִין
בִּיז וַואנֶען עֶר הָאט אָן גִיהַייבִּן פִילִין בַּיי זִיךְ
זֶעלְבְּסְט עֶטְוָואס וִויא אַיין בֶּעשֶׁערְקַייט . עֶר
הָאט זִיךְ אַלֵיין גִישְׁטַארְקְט אוּנ הָאט גִיוָואלְט
שׁוֹין אָן הֵייבִּין אַבִּיסִיל אַרוֹיס גֵיין . וִויא עֶר
הָאט זִיךְ גִינוּמֶען אָן טָאן זַיינֶע בְּגָדִים דַאן
הָאט עֶר זִיךְ פַאנַאנְדֶער גִיוַויינְט אוּנ זָאגְט
אִיצוּנְד פַר שְׁטֵייא אִיךְ וִויא קְרַאנְק אוּנ אָפְּ
גִיצֶערְט אִיךְ בִּין נָאךְ עַד הַיּוֹם דֶען דִי דָאזִיגֶע
קְלֵיידֶער וָואס פַר דֶעם זַיינֶען זַייא מִיר גִיוֶועזִין
רִיכְטִיג צוּ מַיין מָאס אוּנ אִיצְטֶער זֶעט וִויא
בְּרֵייט אוּנ לַאנְג זַייא זַיינֶען גִיוָוארִין אוֹיף מִיר
גָאר נִיט צוּ דֶער קֶענֶען אַז זַייא זַיינֶען אַמָאל
גִיוֶועזִן מַיינֶע קְלֵיידֶער . דֶער צְוַוייטֶער מָשָׁל .
אַרַייכֶער פָאטֶער הָאט דֶר הֶערְט פוּן זַיינֶעם אַזוֹן
וֶועלְכֶער עֶר הָאט גִיוואוֹינְט אִין אַיין אַנְדֶער
שְׁטָאט וַוייט פוּן אִים דָאס אִים גֵייט נִיט גוּט .
דַאן הָאט עֶר צוּ אִים אַרִיבֶּער גִישִׁיקְט זַיין
גִישֶׁעפְטְס פִירֶער אוּם עֶר זָאל דָארְטִין פַאר
זַאמֶען מִיט אִים רֵיידִין אוּנ גוּט בֶּעטְרַאכְטִין
מִיט וָואס נֵייטִיג עֶס אִיז אִים צוּ הֶעלְפִן . יֶענֶר
אִיז אַוֶועק גִיפָארִין אוּנ תֵּיכֶף גִיקוּמֶען צוּרִיק
מִיט אַיין קְלָארֶע יְדִיעָה דָאס דֶר דַלוּת פוּן זַיין
זוּן גְרֵייכְט בִּיז דֶעם לֶעצְטִין גְרַאד עֲנִיוּת .
פְרֶעגְט דֶער פָאטֶער פוּן וַואנֶען וַוייסְטוּ אַזוֹ
גְעוּוִים זַיין טְרוֹיעֶרְדִיגֶען שְׁטַאנְד בִּיסְטוּ דֶען
גִיוֶועזִן לַאנְג מִיט אִים צוּ זַאמֶען . עֶנְטְפֶערְט עֶר
נֵיין . נִיט אִים אוּנ נִיט זַיין הוֹיז הָאבּ אִיךְ אָן
גִיזֶעהֶען נֵייעֶרְט נִיט וַוייט פוּן אִים הָאבּ אִיךְ
בַּאגֶעגִינְט זַיינֶעם אַיין קְלֵיין קִינְד דָאס אִין

אין הענטיל האלט ער אשטיקיל ראזינקע ברויט אין דיא אנדערע הענטיל עטליכע בולבעס ער זינגט שפרינגט אונ פרייט זיך דר מיט וויא מיטן גרעסטין מאכל אין דר וועלט. דאס אליין איז שוין גינוג אין בעווייז וואסערע הונגער נויט אונ דחקות בייא דיין זון אין הויז ווערט גיליטין אונ וואצו ברויכסטו איין בעסערע ידיעה אלס דאס. דר דריטער משל. איין רייכער בעל עגלה אויף דר עלטר האט זיך מיישב גיוועזין עס איז שוין צייט אן הייבין צו זארגין וועגן די אייביגע וועלט. ער האט גישיקט רופין איין געוויסן למדן איין פרוש פון בית המדרש אונ מאכט מיט אים אפ עס זאל זיין בייא זייא ביידין אריכטיגע שותפות הן אין תורה הן אין סחורה. מען שרייבט זיך אפ אונ דר צו לאזט מאכן דער בעל עגלה איין פיינעם מאלצייט מען עסט מען טרינקט. נאכהער וויא דר אלטער איז גוט פריילך גיווארן. הייסט ער איינשפאנען די בריקע פערד אונ זאגט צום פרוש (דער לאנגענדיג אים דעם בייטש) גיכער זעטץ זיך אויפין קעלנע אונ פאר מיט די פאשעזירער וואו נייטיג איז. אונ וואס וועסטו טאן (פרעגט אים דר פרוש האלב דער שראקין). ענטפערט דר בעל עגלה איך וועל אוועק גיין זיטצין אין בית המדרש אויף דיין ארט דען מיר זיינען דאך שותפים אין אלין דינג. דער נמשל איז טיפע נייטיגע מוסר וועלכע זייא גיהערן צו די ענינים פון תשובה ותפלה בפרט אין די היילגע טעג פון די ימים נוראים. דען ווען מיר זאלין גוט בעטראכטין אונזערע בייזע מעשים אונ ווער רעט שוין וועגין שלעכטע מחשבות וועלכע איטליכער וויים בייא זיך היינו תאוה קנאה שנאה רכילות לשון הרע די עבירות וואס גיהערט אנטקעגן לייטן. אויך דיא הארבע עבירות מיט וועלכע מיר זיינען רעכטע מורדים אנטקעגין הש"י. דאס ווערענד אין די זעלביגע צייט אין די אייגינע מינוט וואס מיר זינדיגן דאמאלס גיט ער אונז אויף חיות אונ כח אונ דאך אין איין ווילע

ארום זייען מיר מהמת גיוואונהייט דאוונען אונ מיר בעטין מיט די זעלבינע פר שמוצטע מויל אויף פרנסה אונ הצלחה אויף אגוט יאר ווערענד מיר זיינען די זעלביגע זינדיגער וויא פר דעם. איז דען מיגליך דאס איין מענטש וואס ער האט שטארק פר דארבין אונ ווידר גשפעניגט אנטקעגן איין שר וועלכע ער האט אימער מיט אים גרויסע חסדים גיטאן אונ תיכף איידער ער האט נאך פאר ריכט זיינע מעשים אויך בעפאר נאך ער האט אים איבר גיבעטין וועט ער שוין קומען צו אים ווידער בעטין ער זאל אים נאך מער טובות טאן. דאס פר שטייט יעדער איינציגער אז עס איז נארעש אומפארשעמט. דרום פר שטייט זיך דאס דר עיקר תפלה וואס דאס איז גירעכינט בייא אונז אין דיא צייטין אן שטאט קרבנות איז נור גישטעלט גיווארין באופן עס זאל פר דעם זיין איין רעכטע תשובה. אונ וויל מיר זיינען זיך ניט אזו נוהג דרום טרעפט אפט אז מיר שרייען אונ דאך ווערין מיר ניט געענטפערט גלייך אז איין קרבן אן תשובה איז קיין פעולה ניט גיוועזין:

מיר גיפינען אין מלכים בשעת שלמה המלך ע"ה האט פארטיג גימאכט דעם בית המקדש אונ האט גיבעטין בייא השי"ת דאס ווער נור עס וועט קומען דארטין מתפלל זיין זאל ער אים ענטפרין. דאן האט ער אין זיין תפלה זיך אויס געדריקט מיט דעם לשון ושבו אליך והודו את שמך והתפללו והתחננו וגו' ואתה תשמע וגו' דאס טייטש ווען זייא וועלין פריער תשובה טאן אונ נאכהער מתפלל זיין דאן זאלסטו זייא ענטפערן. אויך שרייבט די גמרא אין מסכת ברכות חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת ומתפללים כו' היינו די פאר צייטיגע אמתע פרומע לייט פלעגין פריער פארין דאוונען איין שעה גוט זיך באטראכטין וועגין תשובה אונ נאכהער האבן זייא גידאווינט מיט כונה. ניט אזו וויא מיר לייטין לויפין אריין דאוונען אין שול אן איין שום הכנה צו תשובה די אויערין הערין ניט וואס די מויל זאגט. דר גוף שאקילט זיך

ביינט זיך אין שמונה עשרה אונ דר נפש דא
הייסט דר היילגר גידאנקן פארט גאר אר
בשעת מעשה האנדלען אונ שווינדעל
גשעפטין. אין רעכטין מיטין גישעפט דע
הערט ער פלוצלונג צוויא שטארקע קלעפ א
הארצין. עס איז גימיינט אין דיא ברכה פ
סלח לנו. ער ווייס אליין ניט פון וואנען עס א
אים גיקומן. וויל ביי אונז בעונותינו הרבי
איז גאר דר הויפט אין עבודת השם דער ג
דר חומר אונ די נשמה וואס איר עסק בדא
זיין אין די ענינים פון היילגע מחשבות כ
דאס צו פר ברויכן צו תורה ותפלה פר ברוי
מיר איר גאר אויף הבלים אין דיא פראסט
וועלטליכע שווינדלערייא איין היפך וויא ע
דארף זיין באמת אונ וויא עס איז גיוועזין פ
צייטין אין ארץ ישראל דאס דער גוף הא
גיאקערט די ערד. גיזייט. גישניטין תבואה
מען האט גילעבט ערליך אן שום שווינדל
אונ די מחשבה פון די נשמה האט מען פא
ברויכט נור צוא תורה ותפלה. דאס קלאג
זיך דער פייטן אדם יסודו מעפר וסופו לעפר דא
הייסט דר גוף וואס ער ווערט אן גירופין אד
וייל זיין גאנצר יסוד פון אן הייב ביז סוף א
נור דורך אויס ערד אונ דרום דארף ער אוי
ארבייטין אונ בעזארגין דא אין דעם ערדעש
אונ דעם פראסטין לעבין. אבער עס לאז
זיך גאר אויס איין היפך היינו ער לערינט א
דאווינט כלומערשט אונ בנפשו יביא לחמו זיינ
ברויט שאפט ער זיך גאר איין מיט זיין נפ
כלומר מיט מחשבות אונ שכל פון די נשמה
דאס הייסט דער בעל עגלה ווערט איין פרו
אונ דער פרוש אבעל עגלה:

אגב וועלין מיר דא ברייננגן די גיהויבענ
מוסר וועלכע דיא מסורה איז אונז מרמז א
דעם דאזיגען ענין פון תשובה אונ תפלה. ז
שרייבט אזו. דערווארט לחמנו גיפינט זיך א
תנ"ך פיר מאל. ערשטין אין פרשה שלח
תיראו את עם הארץ כי לחמנו הם. אויך אין יהושע
לחמנו חם הצטידנו אותו מבתינו ביום צאתנו. ווידע
שטייט אין איכה בנפשנו נביא לחמנו. אויך א

ישעיה איז גישריבין לחמנו נאכל ושמלתנו נלבש
רק יקרא שמך עלינו אסוף חרפתנו. דיא כוונה דער
פון וועט אונז ערקלערין איין משל. איין
גיוויסער בן יחיד פון איין שר האט אים
דאס גרויס וואוילטיגקייט אונ תענוגים אפ
גישטויסין דאס הארץ אונ פאר פירט אין
שלעכטין וועג ביז ער האט זיך אריין גילאזין
מיט פר דארבענע לייטין בעלי תאות וכדומה
אונ האט גיטאן מעשים תעתועים. דער
פאטר האט פון אים גיליטין גינוג צרות אונ
בזיונות אונ לסוף האט ער אים ארויס גיטריבן
פון זיך. דער זון האט זיך גינוג ארום
גיוואלגערט. גיליטין הונגער קעלט. ביז ער
איז גינייט גיוועזין זיך צו שטעלין דינען פאר
אקנעכט ביי אפראסטין פויער איינער פון זיין
פאטערס פאדאנעם פאר הוילע טרוקענע
ברויט דער צוא עטוואס אפראסטין בגד נאר
דעם לעבין צו דער האלטין אונ די לייב צוא
באדעקין. ער האט גידינט דיזען ערד
ארבייטער אצייט מיט יארין ריכטיג טרייא ער
האט פר געסין דעם כבוד פון פאטר מיט אלע
פערגניגין אונ איז אזוא ווייט איין גיוואוינט
גיווארן צו דיזען עלענדין לעבין דאס ער האט
שוין גימיינט אז דאס הייסט גוט אונ דאס איז
זיין הויפט תכלית אין דער וועלט. ויהי היום
עס האט זיך גיטראפין דאס זיין האר האט
גיהאט אויף זיך איין שווערין קראטינאל
משפט קעגין זיין שר. האט דער קנעכט דאס
הייסט דער בן יחיד זיך מיישב גיוועזן אונ
איז גיגאנגן גיקראכין בעטין אונ זיך משתדל
גיוועזין פון זיינעט וועגין ביז ער איז אן גיקומן
צום שר זעלבסט. ער איז אנידער גיפאלען
אונ אן גיפאנגען וויינען פר אים מיט בכיות
דאס ער זאל רחמנות האבין אויף זיין בעל
הבית וואס ער עסט זיין זאלץ אונ ברויט וועגן
ניט חלילה פר לירט ער גאר זיינע חיות דורך
דעם. ביי דיא ווערטער זיינע האט זיך זיין
פאטער דר שר ביטערליך פענאנדער גיוויינט
אונ אויס גישריען אויפין קול. מיין קינד.
מיין קינד. אז אח אונ וויא דאס דו זארגסט

וועגן אזעלכע ביטערע חיות אונ האסט שוין
קיין געפיל ניט אום צוא פאר שטיין ווען דוא
זאלסט ליבערשט בעסערן דיינע מעשים אונ
קערן זיך צו מיר מיט איין בקשה אז איך זאל
דיר צוריק צו נעמען אין מיין פאלעץ. וויא
גליקליך וואלסטו דאס געווארן אין איין ווייל
דען פר וועמען איז אן גיברייט מיינע גיטער
אונ גאר די אוצרות אז ניט פר דיר מיין איין
אייניציגער קינד. דער נמשל איז דאס. מיר
גיפינן דאס אין אן פאנג וויא די ישראל זיינן
פר טריבין גיווארין אין גלות בבל האבן זייא
שרעקליך גיוויינט אונ געיאמערט אויף דיא
קדושה אונ דיא ניהייבענע מדרגות וועלכע
זייא האבין פאר לארין צו ליב זייערע בייזע
מעשים. אזו וויא דער נביא יחזקאל זאגט
וזכרתם וגו' ונקוטותם בפניכם וגו' דארטין אין גלות
וועט אייך פלאגין אייער געוויסען ווען איר
וועט זיך דר מאנען אן די מעשים רעים וואס
איר האט גיטאן. אבר מיט דר צייט האבין
זייא גאר פר געסן זייער פר צייטיגין גאלדענם
מעמד אונ האבן גירעכינט פר איין גליק דאס
זייא זאלין פר בלייבין אויף אימער אין בבל.
אונ פיל פון זייא האבין שוין גאר ניט גיהאט
ברעה ארויס צו גיין בויען דעם בית שני בעת
דר מלך כורש האט זיי דאס ערלויבט. וויא
די מדרשים דר ציילין אונז. אויף יענע צייט
קלאגט ירמיה כי מי יחמול עליך ירושלים ומי ינוד לך
ער מיינט עס וועט זיין אזוא איין צייט דאס
אויף דיר היילגע שטאט ירושלים וועט זיך
שוין קיינר גאר ניט ערבארימן אונ קיין איינר
וועט דיר שוין מער בעדויערין דען מען וועט
דיר גאר פר געסין. אונ רעכענן דאס ווען מיר
זיינען שוין יוא רעכטע בירגער ביי די כשדים
טן וואס פעלט אונז מעהר אונ צוא וואס
ברויכין מיר ירושלים מיט אלע אירע
היילינקייטין וועלכע זייא זיינען שייך צוא דיא
נשמה. דרום אין זייערע אלע תפלות איז נור
דר הויפט ציל גיוועזן גיזונט אונ פרנסה. אונ
אין תפלות ראש השנה למשל ווען מען קומט
צו די ערטר החזירנו בתשובה שלמה. הרם קרן משיחך.

אדר ויעשו כלם אגודה אחת לעשות רצונך וגו' אבינו מלכנו
גלה כבוד מלכותך וגו' מלוך על כל העולם וגו' והופע בהדר
גאון וגו' וידע כל פעול וגו' אונ דאס גלייכין. דאס
הייסט דיא רעכטע פייערדיגע תפלות אונ
בקשות היינו דאס דיא רעכטע הייליגע
גלענצענדע ליכט פון אלהות זאל זיך אן הייבן
ארויס ווייזן אין דער וועלט דאס אפילו אלע
ווילדע געציין דינער זאלין אויך דר קענן וואס
גאט איז אויף דר וועלט אונ דר פון וועט זיך
אן פאנגען שליסין די גאולה. די אלע טייערע
תפלות לויפט מען דורך אונבעטראכטרהייט
נייערט צוא בספר חיים וגו' ופרנסה טובה. מלא אסמינו
שבע. מי יעני ומי יעשר וגו' וכדומה. אט דארטין
שרייעט מען מיט דבקות אונ מיט קולי קולות.
אזו וויא דר זוהר הקדוש בייזערט זיך אויף
דאס מיט דעם לשון צווחין ככלבין הב לן חיי הב לן
מזונא מען שרייעט צו דעם רבונו של עולם אזו
וויא הינט גיב אונז לעבין גיב אונז מזונות
וואס דאס איז גאר כלא אנטקעגין די עיקר
בקשות. בפרט מען וויים דאך וויא שווער
אונ מיט וועלכע אונרעכטיגע שווינדלין מען
בעקומט דאס אז ממש מען איז מטמא אונ
מען דר טרינקט דעם נפש צו ליב ברויט. אז
יחזקאל זאגט ככה יאכלו בני ישראל את לחמם טמא בגוים
וגו' דיא אידין וועלין עסין אין גלות אום ריינע
ברויט. עס איז גימיינט אזעלכע פרנסות
וועלכע זיינן דאס רוב פר בונדן מיט פראצענט
גזילה גניבה חילול שבת. פאלשע שבועות
פאלשע מאס אונ געוויכט. מיט די הקדמות
וועט זיך לייכט לאזין ערקלערן דר המשך פון
די פסוקים וועלכע די מסורה ברייגנט. היינו אל
תיראו את עם הארץ כי לחמנו הם כלומר דר רוח הקודש
טענת מיט די אומה ישראל האט קיין מורא ניט
פיליכט וועט אייך אין ארץ ישראל פעלן חיות
ווייל דיא גאנצע ברויט אייערע בעקומט איר
יעצט אין די לאנד דורך די כשדימשע הענט
ניין זה לחמנו חם הצטידנו אותו מבתינו ביום צאתנו עס
איז גימיינט וויא די מדרשים אויך די קבלה
ספרים שרייבין דאס אפילו דיא איצטיגע
ארימע ערנערונגן בעקומן מיר דאס אויך נור

צו ליב דעם זכות השפעה פון דיא וואַרעמ
לחם הפנים וואס פלעגט ליגין אויף דעם טי
אין בית המקדש און דעם דאזיגין זכות האב
מיר דא מיט געבראַכט פון יענעם טאג א
זינד מיר זיינען אַרויס געגאַנגען פון אונזר לאַנ
אין גלות אַריין . נון מכל שכן וויא גרויס א
דאַמאָלס דאַרטין גופא דיא השפעה געווען .
און ווידער בערעכינט אייך דאס בנפשנו נב
לחמנו דא אין גלות בבל בעקומט איר ברוי
דורך דעם וואס איר פאַרדאַרבט אייער נפש .
וויא אויבין שטייט מפורש . אם כן וואס א
דאס פאַר איין לעבן . דרום איז די עצה אַזו .
ווען נור איר זייט מתפלל בפרט אין דעם ע
רצון פון ימים נוראים זאלט איר אַזו טענ
פאַר השי"ת לחמנו נאכל ושמלתנו נלבש רק יקרא ש
עלינו אסוף חרפתנו מיר ווילין עסין און זיך קליי
מיט אַביא וואס נור עס זאל זיין אונזערע
אייגענע אָבער דר עיקר תחנונים אונזערע א
אויף גלות השכינה דאס דיין גרויסין הייליג
נאָמען זאל ווידער גירופן ווערן אויף אונז ב
אַלע זאלן דר קענען וואס גאט איז . דר מי
וועסטו פון אונז אַראָפ נעמען די חרפות בזיונ
וועלכע מיר האבן גיליטין ביז די צייטין :

נאך מער האבין מיר דאס רוב אַחסו
דאס וויא ווייט מיר זיינען פון היילינקייטין
אין תורה הן אין עבודה הן אין תפלה בבו
אפילו וואס עס הייסט גוטעס אין דער וועט
גוט צום לעבין ווייסין מיר אויך דער פון ג
ניט . אַז רבינו הקדוש דריקט זיך אויס מ
איין שפריך ווארט אין מסכת נדרים אבות
אמרו אונזערע עלטערן האבן גיזאגט אויף
מיר האבן פאַר געסין די גוטעס וואס מיר הא
אַמאל גיהאַט . און אונזר דור האט אין ד א
אויגין אויך ניט אָן גיזעהען קיין גוטש .
ביי אַלעם דעם וויא איינר פון אונז לערי ט
עטוואס און דאַוונט אַביסיל דאַן מיינט
שוין דאס הקב"ה כביכול איז שוין פון
רייך גיוואָרין ער ווירד ביי זיך איין ת
בדעתו גאָר אַן אשיעור און ווער רעט ש יין

גנעלט אויך . הגם ווער ווייס מיט וואָסערע
אונרעכט ער האט דאס באקומען אַזעלכער
ברענט גאָר די וועלט מיטין קוק . פאַר דיזען
בעל גאוה איז ווייניג גאָר די כבוד פון שטאָט
פון שול און פון בית המדרש . און ווייט גאָר
ניט דאס זיין תורה ותפלה אויך זיינע פוסטע
עשירות זיינען גירעכינט גאָר כלא אַנטקעגין
דעם ערך פון די פאַר צייטינע לייטין . דאס איז
גימיינט מיט דעם פסוק פון תהלים . תבא לפניך
תפלתי הטה אזנך לרנתי כי שבעה ברעות נפשי וחיי לשאול
הגיעו דאס הייסט דיא כנסת ישראל טענת
פאַר השי"ת אַזו . מיין תפלה דאַרף פאַר דיר אָן
קומען ווען דו זאלסט זיך גוט איין הערין דאס
מיין גיזאַנג און שמחה בעשטייט נור אין איין
שטיקיל ברויט מיט איין קאַרטאָפיל כלומר
אין אַביסיל תורה ותפלה און עפים פאַר מעגינס
כי שבעה וגו' דאס איז וייל מיין נשמה איז זאט
מיט בייזע עבירות און מיין גאַנצער לעבן פון
גוף איז פאַר פינסטערט און נידעריג ביז אין
גרוב אַריין . דרום וויא נור עטוואס בעסערס
דוכט זיך אַז דאס הייסט שוין גאָר די גוטעס
הן אין גוף הן אין נפש . אָבער באמת מיט
אַריינעם גידאַנקען בעטראַכטענדיג אויף אונזערע
מעשים איז לייכט צו דר זעהן וויא פאַר פלעקט
אין חטאים מיר זיינען אַז כמעט עס איז גאָר
איין בושה זיך צו שטעלין מתפלל זיין פאַר
הקב"ה בפרט אין דיא טעג פון ימים נוראים
וואס דאַמאָלס איז די הויפט צייט צו תשובה
און די תשובה ווערט דאַן לייכט אָן גינומען
ביי השי"ת אַזו וויא דיא הייליגע חכמים
דרשנן אויף דעם פסוק דרשו ה' בהמצאו וגו' דאס
טייטש פאָדערט אויף גאָט ב"ה אין די צייט
ווען ער ווערט גיפונען און איז נאָהענט צו
אייך . דאס איז גימיינט פון ראש השנה ביז
נאך יום כפור . דאס הייסט כביכול הקב"ה
וויל זיך מיט אונז זעהן און מיר זיינען זיך פון
אים מרחיק :

דרום שרייבן די בעלי קבלה אויך די מוסר
ספרים דאס אין יענע טעג זאל מען זאגן אין

אויב ער האט נאך דער צו עפים קאפי... אל דאוונען פאַר ברכו דעם קאפיטל אין תהלים

שיר

שיר המעלות ממעמקים קראתיך יי' וגו'. דעם טעם דער פון פאר שטייט זיך מיט איין משל. איין ארימאן דאס זיין הויפט חיות האט ער נור גיהאט פון איינעם איין גיוויסין גביר האט ער בייא דעם דאזיגען גביר גינגבת איין בגד אונ אן גיטאן אויף זיך. עס האט אים גידריקט דער הונגער דאס ער מוז דאך ווידער בעטין ביי דעם גביר צום לעבין. אבער ער קען זיך מיט אים ניט זעהען דען ער טראגט אויף זיך דעם גיגאנבתן בגד זיינעם. וואס האט ער גיטאן. ער האט זיך דער וואוסט די וועג אין וועלכע דר גביר וועט דארטין פארבייא גיין. דארטין בייא דעם וועג האט ער זיך פר בארגן אין איין הייל אונ גיקוקט. ווייא ער האט דר זעהן דעם גביר האט ער אן גיהייבן שרייען. אוי גוטער פריינד ערבארעם זיך אונ העלף מיר. רופט זיך יענער אפ קום ארויס צו מיר וועל איך דיר געבן וואס דיין פארלאנג איז. ענטפערט דר ארימאן. אוי איך שעם מיך צו ווייזין פר דיר דען איך בין דאס דר גנב וועלכר עס האט גינגבת פון דיר דאס קלייד אונ בין אין אים אן גיקליידעט עד היום. די כוונה רעט דיא אומה ישראל ממעמקים קראתיך יי' פון איין טיפען פאר בארגינעם ארט רוף איך צו דיר רבש"ע אדני שמעה בקולי תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני עס זאל גינוג זיין דאס וואס דוא הערסט דעם קול פון די תחנונים מיינע. אם עונות תשמר יה אדני מי יעמד דאס הייסט דען ווער קען זיך שטעלן אונ ווייזין זיך פר דיינע אויגן ווען מיר האבן נאך קיין רעכטע תשובה גטאן אונ גייען נאך עד היום אן גיקליידעט אין איין מלבוש פון הוילע עונות:

אונ אפילו ווען מיר זאגין פיל סליחות אונ פיוטים ותפלות אויך מיר קלאפין זיך אין הארצין בשעת מיר זאגין דיא ווידוים אשמנו בגדנו וגו' איז נור אז ישעיה הנביא האט גזאגט מצות אנשים מלמדה היינו ניט מיט איין ריכטיגע בעטראכטונג נאר מער ניט וייל מיר זיינן פון אייביג אן איין גיוואוינט צו טאן אזוא איין צערימאניע. אראיה דר צו איז דען מיר ווערן ניט בעסר אונ נאכהער טוען מיר די זעלבינע אז פר דעם. אונ דר קלאפין זיך על חטא זעט אוים גלייך וויא מען קלאפט איין זאק מעל אדער וואס עס איז אום מען זאל קענען דארטין מער איין פאקענען. אז ישעיה דריקט זיך אויס מיט די מליצה על מה תכו עוד תוסיפו סרה דאס הייסט איר שלאגט זיך נור דעריבער אין הארצין כדי איר זאלט נאכהער מער קענען זינדיגין. כלומר כדי עס זאל אייך ניט ליגין די אלטע חטאים אויף אייער גיוויסין אונ זאלט קענען נייע חטאים טאן. דרום האט מען מתקן גיווען דעם לעצטין אבינו מלכנו חננו ועננו כי אין בנו מעשים וגו' אונ דווקא שטילער הייד ווי עס איז גישריבין אין די ספרי מנהגים. דאס ווערט ערקלערט מיט איין משל. איינער איז גיקומן צו אסוחר האנדלן סחורה ער קלייבט אוים גינוג פון דיא בעסטע מינים ער האט גידונגען אונ בעדונגען די מקחים אונ הייסט איין פאקין. צום סוף אז ער דארף שוין אן הייבין צאלין פיל עס טרעפט אן דר אויסטוך האט ער אפ גירופין דעם סוחר אן אזייט אונ זאגט אים שטילער הייד אין אויער דאס ער האט איצונד קיין גראסין געלט ניט. על כן בעט ער דאס ער זאל אזו גוט זיין אונ טאן חסד מיט אים דאס ער זאל אים דער ווייל טרויען ביז וואנן ער וועט אפשר אמאל קענן בצאלין. דר נמשל איז. נאכהער ווי מיר האבן גיבעטן אין אבינו מלכנו אלדעם גוטש דיא בעסטע סארטין. זאגין מיר שטילער הייד מיט דעם לשון אבינו מלכנו כו' כי אין בנו מעשים עשה עמנו צדקה וחסד והושיענו כלומר רבונו של עולם קיין מעשים טובים האבין מיר ניט מיט וואס צו צאלן פר די גוטע סחורה וועלכע מיר ווילן דא האנדלן פון דיר נייערט מיר בעטן דו זאלסט מיט אונז טאן אצדקה אונ אחסד אונ העלף אונז איצטער אוים. פיליכט וועלן מיר אמאל פאר בעסערין דיא מעשים:

נאר אלין קשה וואורום זיינן מיר בייא זיך אזו פיל גינארט דאס מיר האלטין זיך דאס רוב פר זייער פרום אונ פיינע ארנטליכע לייט.

איז ווי די סופר ספרים שרייבין די סבה ווי ל
מיד זיינען ווייט פון תורה לשמה און ווען מ ר
האלטן לערנען מיט איין גוטן בעטראכט ג
ווי גיהעריג איז די אלע נייטיגע מדות וועל ע
אין איטלעכס וואָרט איז פאר וויקילט ד ן
וואלטין מיר דער זעהען אין איר וויא ז ן
אשפיגעל וואס פאר אצורה מיר האבין. כ ר
גיפינן אין נחמיה בשעת אידין זיינן גיקומ גן
פון גלות בבל און זייא האבין אויף געב ט
דעם צווייטין בית המקדש זיינן זייא גיווא ין
תקיף און פרייליך בייא זיך בגוף ונפש. שטי ט
גישריבין ויקראו בספר בתורת האלהים מפורש וגו' כי
בוכים העם כשמעם את דברי התורה היינו וויא כ גן
האט אום ראש השנה זייא פאר גילייענט די
תורה און גוט ריכטיג אלעם ערקלערט ז אן
האבין זיי זיך אלע שטארק פר נאנדער גיווי .ט
דען זייא האבין שוין באמערקט ווי נידע יג
זייא שטייען אין אלעם אטקעגין די דורות ון
ערשטין בית המקדש. און דר פון האבין ויי
זיך דער וועקט אין דינען היילינגען טאג ר ש
השנה צוא איין תשובה שלימה:

איצונד וועלין מיר זיך קערין צוריק ז א
דעם פסוק מיט וועלכין מיר האבן אן גיפא גן
אין אונזר סדרה. עס שטייט והיה כי תמצאן יתו
רעות רבות וצרות וענתה השירה הזאת לפניו לעד כי לא ת כח
מפי זרעו היינו גאט ברוך הוא זאגט. אין יא
שפעטערע צייטין ווען די ישראל וועט טר פן
פיל שלעכטעס צו דיא נשמה און פיל צ ות
צום גוף און דאך וועלין זייא אליין גאר יט
פילן זייער נידעריגע מדריגה. איז די עצה דר
צו דאס זייא זאלין לערנען און גוט בעטרא טן
דיא תורה הקדושה. און זייא אליין וועט ין
זיין איין עדות און איין ריכטיגער בע ייז
אויף אלע זייערע מעשים דאס דער פון ווי לין
זייא זיך דער וועקין צוא תשובה בפרט ום
ראש השנה וויא אין דיא צייטין פון בית שני
איז גיוועזן. בזכות זה וועלין מיר שוין ז בה
זיין צוא אשנת גאולה וישועה אז דיא ג רא
שרייבט אין מסכת יומא גדולה תשובה ש יאה
את הגאולה אמן:

# הפטרת וילך

## דאס הייסט דיא הפטרה פון שבת שובה:

שובה ישראל עד יי' אלהיך כי כשלת בעוניך. קחו עמכם דברים ושובו אל יי' אמרו אליו כל תשא עון וקח טוב ונשלמה פרים שפתינו דאס טייטש דו ישראל קער זיך ווידער ביז גאט דיין גאט דען דוא ביסט גישטרויכילט גיווארין מיט דיינע זינד. נעמט מיט אייך רייד און קערט זיך צו גאט זאגט צוא אים אלע זינד וועסטו פאר געבין און נעם אן גוטץ און דיא קרבנות פון אקסין וועלין מיר בעצאלין מיט דיא ליפין. דיא קשיא ווארום שטייט עד יי' (ביז גאט) און ניט אל יי' (צו גאט) אז ווייטר שטייט ושובו אל יי' און נאך פיל דקדוקים וואס דיא מפרשים פרעגן. אגב אין דעם ענין תשובה איז נייטיג צוא פאר שטיין מיט אשכל דעם מאמר פון סנהדרין במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד דאס הייסט דר בעל תשובה קען צו קומן צוא אזו אהויכע מדריגה וואו איין רעכטער צדיק וואס האט נימאלס גיזינדיגט קען דארטין ניט צוא קומען. בפרט וואס די גמרא שרייבט אויף דעם פסוק אין מסכת יומא גדולה תשובה שזדונות נעשו לו כזכיות דאס הייסט דורך תשובה ווערט פר קערט דיא עבירות אויף מצות. נון איז קשה דאכט זיך על פי שכל איז גאנץ גינוג ווען מען איז דעם בעל תשובה מוחל זיינע עבירות און ווארום זאל נאך דער זינדיגער פאר דינען מצות. דאס אלעם וועט רעכט ערקלערט ווערין מיט דרייא קלוגע משלים. איינער האט זיך אצייט יארין גיקריגט מיט א ווייב איבר סכסוכים און תביעות פון נדן וואס זיא האט אים ניט אזו ריכטיג איין גיצאלט צו דר חופה. אמאל האט זיך גימאכט דאס ער איז גיפערליך קראנק גיווארין און דאך האט ער דאן אויך ניט פאר געסין די תביעות זיינע. ער האט ניט גיטראכט וועגין אדאקטער און רפואות נייערט אימער אלץ זיך געקריגט מיט איר. רופט זיך אפ די ווייב צוא אים דוא שוטה איך וועל שפעטער מיט דיר גרינג דורך קומען און אלעם דיר נאך געבין אינ נוט ווערין מיט דיר אז דר שטייגער איז פון אפאר פאלק. אבער פריער זעה דר הויפט עוסק צו זיין מיט דאקטורים און רפואות דאס דו זאלסט בעסער ווערין פון דיין גיפערליכען קראנקייט וועלכער דו צערסט דורך אים פון מינוט און ווער ווייס

נאך וואס דר סוף קען ווערין חלילה פון דיר. דר צווייטער משל איז. איינער אקאנטאריסט האט גיהאלטין ביא זיך אין קאנטאר פון כמה יאר איין גישעפטס פירער זייער איין ארענטליכן געשיקטן מאן. ער איז גיוועזן שטארק צו פרידין פון אים. ויהי היום אין די זעלביגע שטאט האט זיך גימאכט דאס איינער אקאנטאריסט וועלכער ער האט אויך גיהאלטין אזו א גישעפט. וויא דר ערשטער האט גיבאנקראטירט אונ איז גיווארין אזו ווייט פר ארימט דאס ער האט געזוכט צוא שטעלין זיך פר אמיט ארבייטער אין אפרעמדין גישעפט. וויא יענער קאנטאריסט האט זיך דר וואוסט פון אים האט ער תיכף אים גישיקט בעטין צו זיך אונ האט אים צוא גינומען אין קאנטאר ארין פאר אהויפט גישעפטס פירער. ער האט מיט אים באדונגען דאפילט שכירות אלם דעם ערשטין. דאן איז דאס גיוועזן גרויס וואונדר ביא אלע לייטין וועלכע זייא האבין גיוואוסט וויא טרייא אויך וויא זייער ער ליבט זיין ערשטין דינער נון ווארום ברויכט ער דעם צווייטין. האט דער הער זייא אזו גיענטפערט. איך קען אנדערס ניט זאגין דאס מיין ערשטער טרייער דינער איז ביא מיר זייער חשוב ער פירט אוים אלעם וואס ער איז נור מחויב צוא טאן. דאך אבר הייסט ער נור איין דינער אונ ניט קיין הער זעלבסט. דאס הייסט ער האט קיין געפיהל ניט צו ארבייטין פר איין אנדערין מיט גרויס חשק אונ לוסט אונ קען זיך ניט מתחכם זיין אין איין עסק מיט נייע פלענער ווי דער שטייגער איז צוא טאן אין איין אייגענעם גישעפט. ער טוט נור וואס ער איז מחויב אונ וויא מען הייסט אים. ווייל ער איז אימער נור איין דינער אונ האט אין זיין לעבין קיין מאל ניט גיהאלטין אייגענע עסקים. דר נייער אבר וואס ער איז שוין גיפרובירט גיווארין ווי פר זיך זעלבסט גינוג צו טאן דאס עס איז אפט רעכט ניט צוא דער עסין אונ ניט צו דער שלאפין נור אוים צוא פירין איין אינטערעס מיט אייגענע חריצות ותחבולות אונ איצונד ווען דיזער מאן וועט מיר טרייא דינען אין דעם אופן אונ אלעס טאן פר מיר וויא פר זיך זעלבסט נון וויא זייער ווייט קען ער באלעבין אונ פאר ברייטערין מיין גישעפט. דער דריטער משל איז. אגביר פון אגרויסע שטאט האט גינומען פר זיין טאכטער אוואוילין חתן פון אקליין שטעטל איין גימיינעם בחור נייערט דר פאטר זיינער האט זיך מתחייב גיוועזן אים אוים צו קליידין צו דר חתונה כמנהג נגידים. זיין פאטר האט דאס מקיים גיוועזן אונ גיקומען מיט אים אויף דער חתונה. עס האט זיך אבר גיטראפין איין סבה דאס אין די אכסניא וואו זייא זיינען אריין גיפארין האט מען ארויס גיגאנבית דעם חתנס פעקיל מיט גאר די חתונה קליידר. דער מחותן דר גביר קומט צו זיי אויף קבלת פנים אונ גיפינט איין יללה איבער די גניבה. רופט זיך אפ דער גביר צו זיין מחותן. זארגט גאר נישט וועגין דעם. תיכף היים איך אונ עס וועט ווערין פארטיג אנדערע חתונה קליידער פר דעם חתן אויף מיין רעכענונג. עס איז אבער אונמעגליך גיוועזן אים צוא טרייסטין דען ער האט גיטענת. ווי גוט וואלט מיר גיוועזן אז איך וואלט בעסער אוים געבין מיין זו׳ מיט מיינע אייגינע פר הארעוועטע קליידר. אונ ווי ביטער איז מיר איצונד דאס איך מוז זעהן פון דיין האנט אוים דיין גוט הארץ די קליידר וויא מען שיינקט איינעם איין נדבה. האט זיך דער גביר פאנאנדר גילאכט אונ זאגט דו פר שטייסט גאר ניט ווי גוט עס איז דיר איצטער. דען דוא מיינסט אז דיינע קליידער וואלט מען גרינג צוא גינומען ביא דיר. ניין מיר וואלטין אפריער גיווים קלייד פר קלייד גוט איבער גיזעהען אויב עס איז גינייט גיווארין כמנהג נגידים מיט אלע מאדעס וויא עס פאסט פאר מיין כבוד. אונ עס וואלט גיווים ניט גיוועזן וויא נאך מיינע גבירות אונ מיין כבוד נאך. אונ וואלט אלזא זיי פר בראקירט אונ דו וואלסט גהאט גרוים שברות הלב אבר איצונד אז איך מאך דיר אפ פון מיין קעסטענע דאן וועט שוין קיינער פון אונז ניט האבין וואס צו ריידן אונ אלעס וועט רעכט זיין. דער ענין דר פון איז אזו וויא עס איז ידוע. דאס די מצות זיינען איין גיטיילט אין צווייא טייל. ערשטין וואס דער שכל איז מחייב דאס הייסט אלעם וואס גיהערט וויא אנטקעגין מענטשין זיך צו בעהאנדלען ארינטליך אום מען זאל ניט לעבין אלם ווילדע חיות. צווייטינם די מצות וועלכע זייא זיינען שייך נור אנטקעגין גאט ב״ה אין עבודת השם וכדומה. אונ דר כלל איז. תשובה מוז מען פריער זעהן דר עיקר צו טאן אויף דעם טייל עבירות וואס מען האט פר קרימט אנטקעגין

ליידי

לייטין אונ ערשט נאכהער ווערט אן גינומען
תשובה אויף דעם טייל חטאים וואס אנטקעג
השי"ת. אזו וויא דער נביא ישעיה זאגט רח
הזכו הסירו רוע מעלליכם וגו' אשרו חמוץ שפטו ית
וגו' לכו נא ונוכחה יאמר יי אם יהיו חטאיכם כשנים כש
ילבינו וגו'. דאס טייטש פריער ריינגט זיך
דיא בייזע מעשים וואס איר האט גיט
אנטקעגין אייערע חברים היינו נעמט זיך
פאר דעם בערויבטען ריכטעט גוט דעם ית
מיט דיא אלמנה. נאכהער וועט איר קומען מ
מיר זיך דורך ריידין אין דיא תשובה וואס
איז נוגע צוא מיר. דאן וועט איר זעהען דאס ו
אפילו אייערע זינד מעג זיין פאר פלעקט אזו
רויטע פאדים דאך וועלין זיי באלד וויים ווע
ווי שנייא. דאס הייסט אויף די עבירות וועל
עס איז שייך צוא מיר וועל איך אייך גרינג מו
זיין. אונ דאס איז די כונה פון אונזער הפטר
שובה ישראל עד יי וגו' פריער טוא תשובה אין
זאכין וואס עס איז נור שייך ביז דיין גאט ב"
כלומר אויף די עבירות אנטקעגין לייטין דען
דריין ביסטו גינוג גישטרויכילט גיווארן. נאכה
ושובו אל יי וגו' וועט איר זיך קערין צוא ג
ב"ה דאס הייסט תשובה טאן אויף דאס וו
מען האט פאר קרימט נור אנטקעגין אים. א
אליו כל תשא עון וקח טוב דאס טייטש זאגט צ
השי"ת אזו וויא דוא ביסט איין רחמן וועס
גיווים אלע זינד פאר געבן אונ אלעם אן נעמ
פאר גוטעס אונ גיך מכפר זיין. דען ד
הויפט שווועריקייט פון תשובה בעשטייט נ
אין דיא עולות וועלכע מען האט לייטין גיטא
דען פריער דארף מען זעהן גוט גיזונט צו ווע
בגוף אונ די סכסוכים פון נדן ווערט שוין ממי
רעכט. אזו וויא דיא גמרא שרייבט אין מס
יומא דיא עבירות וואס אנטקעגין הקב"ה
דער טאג יום כפור מיט תשובה מכפר אבער
עבירות שבין אדם לחבירו העלפט דאס א
גאר ניט ביז ער מוז דעם חבר באצאלין פר ז
עולה אונ דער צוא אים אויך איבער בעטין מ
גוטע רייד. איצונד וועלין רעכט ווערין ד
מאמרים וועלכע מיר האבין גיבראכט. דען
נביא ישעיה זאגט שובו לאשר העמיקו סרה בני יש
עס טייטש איר קינדער ישראל קערט זיך א
צוא דיא זאך וואס איר האט דאמיט זייער ט
אפ גיקערט פון הקב"ה. נון איז קשה וואס ד

מפרשים פרעגין עס דארף דאך אייגענטליך
שטיין אין פסוק מאשר וגו' (פון דיא זאך) אונ
גיט לאשר וגו' (צו די זאך) נאר די כונה איז אזו
וויא דיא ספרים פון תקוני תשובה שרייבין דאס
דיא תשובה מוז זיין תשובת המשקל (גיוואונינגע
תשובה) היינו אין דעם אופן אונ מיט די גרויס
התלהבות וואס דער בעל עבירה האט פאר
ברויכט צו דיא עבירה דאס קיין שום זאך איז
פאר אים גיט צוא שווער גיוועון נור אויס צוא
פירין זיין תאוה מיט דעם זעלביגין ערך אהבה
אונ לוסט זאל ער טאן מצות נאכהער אז ער
ווערט איין בעל תשובה. דאס איז גימיינט שובו
לאשר העמיקו סרה כלומר מיט דעם ערך תאוה אונ
אהבה וואס איר האט אפ גיקערט פון הקב"ה
מיט דעם דאזיגן ערך אהבה זאלט איר אויך זיך
בענוטצין צו עבודת הבורא יתברך. למשל ווען
איינר האט גישפילט גאנצענע נעכט אין קארטין
אונ איז גיוועזין אריין גילייגט אין דעם שפיל פר
טיפט מיט גרויס עמקות אונ חריצות ותחבולות
וויא גוט צוא מאכין דאס גלייכין זאל ער זיך
משתדל זיין אין תורה ומצות. דרום שטייט אין
פסוק לאשר העמיקו וגו' כלומר קערט אייך צו דעת
פריערדיגען ערך חשק אונ אהבה. נייערט פאר
קערט דאס צו גוטעס. נמצא דעם דאזיגן געפיל
קען נור האבן דר בעל תשובה אבער דער צדיק
גמור ווייל ער האט דאס קיין מאל ניט פר זוכט
דרום קען זיין עבודת הבורא ניט אזוא הויך
שטייגן. אונ דאהער זאגין רעכט די חכמים ז"ל
במקום שבעלי תשובה וכו' היינו צו דיא מדריגה וואו
הין דר בעל תשובה קומט צו דארטין קען דער
צדיק גמור ניט צוא קומען. דען דער גיוועזענער
קאנטאריסט ווייס נאכהער גוט צו דינען יענעם
גלייך אז ער האט אמאל גיטאן פר זיך זעלבסט.
אויך דורך דעם אופן עבודת השם מיט אזו איין
ריכטיגע גרויסע אהבה ווערט רעכט פר קערט די
עבירות צו מצות. אזו וויא די חכמים ז"ל זאגין
גדולה תשובה שזדונות נעשו לו כזכיות בפרט אז אפילו
דער גרעסטער צדיק איז ניט אין שטאנד צוא
טאן איין מצוה מיט אלע פרטים אונ דקדוקים
ריכטיג אזו וויא עס דארף צו זיין. אז שלמה
המלך ע"ה שרייבט אין קהלת כי אדם אין צדיק בארץ
אשר יעשה טוב ולא יחטא (חטא הייסט איין פעלער)
דאס הייסט אין דר גאנצע וועלט גיפינט זיך ניט
איינר וואס ער זאל טאן ריכטיג דאס גוטעס אן

אשום פעלער. ווידר שטייט אין תהלים וסביביו נשערה מאד מיט זיינע היילינגע צדיקים וועלכע זייא שטייען נאהענט ארום אים פירט זיך הקב"ה זייער שטרענגע אונ איז מדקדק מיט זייא אויף איין האר. אונ וויא ער קומט צוא בית דין של מעלה מיט זיין צעמעדאן תורה אונ מצות אונ זייא נעמען בעטראכטין איטליכע מצוה אונ יעדער מאל לערנן בעזונדער דאן גיפינען זייא דארין פעלערין גינוג. אבר דר בעל תשובה וואס ער טרויערט אונ וויינט אויף זיינע מעשים רעים אונ אויף דיא צייט יארין וועלכע ער האט פאר לארין אונ פאר בראכט אויף הבלים אונ הקב"ה דער גבירישער מחותן דר בארימט זיך אויף אים אונ מיט זיינע פיל חסדים גיט ער אים איין נדבה פון זיין האנט שיינע גוטע נייע בגדים פון תורה ומצות. עס איז גימיינט דאס זיינע עבירות פאר קערט ער אים צו מצות. נון ווי קען שוין זיך דר וועגן איינר פון בית דין של מעלה ארוים צו ריידן עטוואס איין חסרון אויף זייא. ניין אלעס ווערט אן גינומן פר גוטעם אונ דרום קומט דער בעל תשובה גראד צו צו איין הויכע מדריגה גיכער פר דעם צדיק גמור. ריכטיג וויא אונזר מאמר במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד:

אונ ווען דר ענין פון תשובה איז יוא אזו וויכטיג נון וויא זעהר נייטיג איז זיך צו דר וועקן דער צו מיט אלע מיני עצות ותחבולות בפרט ימים נוראים ראש השנה אונ עשרת ימי תשובה אונ מכל שכן יום כפור דאס דאמאלס איז דיא רעכטע צייט דר צו אזו וויא די גמרא שרייבט אין מסכת יומא דער ווארט השטן באטרעפט דרייא הונדערט פיר אונ זעכציג דאס איז מיט איין טאג ווייניגער אלס די טעג פון יאר. עס ווייזט אז דעם טאג יום כפור האט דר שטן אונ דער יצר הרע קיין רשות ניט. וויא מיר בעטין אין פיוט מסטין בכבל אסור דעם שטן ומקטרג שמיד צו מיט קייטין. דעם טעם דר פון קען מען פאר שטיין מיט איין משל. איין עשיר האט גיהאט אזון אגרויסן שכור עס איז דר צו קיין עצה ניט גיוועזן וויא אים אפ האלטין דר פון דרום האט דר פאטער באשטעלט איין בעשטימטן משרת פר אים דאס לכל הפחות וויא ער וועט אים דר זעהען וואלגערענדיג זיך אין אבלאטע זאל ער אים צו נעמען אונ ברייננגען אהיים אים ארום וואשין אונ אוועק לייגין שלאפין. דער משרת האט אזו גיטאן אונ תיכף וויא דר זון פלעגט זיך אויס ניכטערין פלעגט דר משרת אים ווידער דר לאנגען משקה אונ דר זון האט ווידער גיטאן די זעלביגע ביז ער האט קיין מאל קיין צייט גיהאט זיך ריכטיג אויס צוא ניכטערין. האט איינער אחכם גיגעבין איין עצה מען זאל אדרבה אים ניט ארום וואשין אונ אזו אים אוועק לייגין פאר שמוצטער הייד אונ נאכהער אים איין ווייליע אפ היטין פון בראנפין כדי ער זאל צייט האבין איין ווייליע זיך צו בעטראכטין וויא מאוס דאס איז אונ דאס וועט זיין אפעולה ער זאל אוועק ווארפין די מדה רעה. דער נמשל איז. מיר זיינן אגאנץ יאר וויא פאר שכורתע פון דיא תאות היצר הרע אונ דרום פילן מיר גאר אליין ניט וויא מאוס פאר שמוצט מיר זיינען אין עבירות וחטאים. איטליכר איז בייא זיך ריין אונ שיין. דרום האט הקב"ה אויף אונז רחמנות גיהאט אונ צו גינומן דעם שטן דאס איז דער יצר הרע לכל הפחות איין טאג אין יאהר אום מיר זאלין עטוואס צייט האבין זיך אויס צו ניכטערין פון דאס וואס דער שטן פר טומילט אונז דיא קאפ אגאנץ יאר אונ פר בלענדעט אונז דיא אויגין. דאן דר זעהען מיר באלד וויא פר אומריינגט מיר זיינן מיט אלערלייא מעשים רעים אונ מיר קערין זיך דר פון צו תשובה באמת:

אונ וויא זייער דארפין מיר זיין גיהיט דאמאלס אין די אלע תפלות עס זאל זיין ריכטיג בכונה. מען זאל ניט מיינען נור די ענינים וואס עס איז שייך צום גוף נייערט צו דיא היילינגע ענינים פון נפש. בדמיון איינר האט פר בלאנדזעט אין איין מדבר פול מיט חיות רעות. ער האט מיט זיך גיהאט אביקס מיט פולווער. פון ווייטן האט ער דער זעהען פיל חיות האט ער גינומען שיסין אויף זייא ביז עס איז כמעט אויס גיגאנגן די פולווער. לסוף אז ער איז צו גיקומן נאהענט האט ער דר זעהן אז דאס איז גאר פוסטע בוימר אונ זיין שיסין איז גאר קיין פעולה ניט גיוועזן. נון וויא זייער איז ער שוין גיהיט גיוועזן מיט די ביסעלע פולווער וואס אים איז נאך גיבליבן צו פר ברויכן זייא אויף דאס וואס גאנץ נייטיג איז. דאס גלייכן געהען מיר איצט אום אזו וויא אין אוויסטין מדבר אונ אונזערע גיווער וואס איז אונז גיבליבן וועלכע דאס איז נור תפלות בכונה בענוטצין מיר אגאנץ יאהר אויף ענינים וואס

איז נוגע צום גוף. אויף פרנסה אויף עשיר[illegible] וכדומה. לכל הפחות דארפן מיר די לעצטע ביכ[illegible] פילווער דאס הייסט די עטליכע תפלות פון ד[illegible] היילינע ימים נוראים זאלין זיי בענוצין אויף ד[illegible] עקר דאס הייסט אויף די ענינים וואס איז נו[illegible] צום נפש. אונ דרום זאל מען גיהיט זיין מכו[illegible] צוא זיין אין ובכן תן פחדך וגו' מלוך על כל העולם [illegible] בכבודך וגו' אונ אזו ווייטער דר עיקר אויף גל[illegible] השכינה אונ אויף כבוד התורה הקדושה וו[illegible] נור דער זכות איז אונז גיבליבין. ווי מיר זאנ[illegible] ואין שיור רק התורה הזאת אונ איצונד איז ז[illegible] בעונותינו הרבים זייער נידעריג גיווארין ביי[illegible] אונז. ווייניג קוקין אויף די תורה הקדושה א[illegible] אטייל זיינען נאך ארדבה איר מבזה בעו"ה. וואס דאס איז איין גרם דאס די אומות העול[illegible] האלטין איר אויך ניט בכבוד. אזו וויא מ[illegible] גיפינען אויך בעת חורבן בית המקדש דאס ד[illegible] האבין די פעלקר פאר שוועכט די הייליגקייט פון בית המקדש נור צוא ליב דעם ווייל אטיי[illegible] פון אידין האבין דאמאלסט שוין פארהער פא[illegible] שוועכט דיא הייליגקייט דורך זייערע מעשי[illegible] רעים. אז ירמיה קלאגט אין איכה ידו פרש צר [illegible] כל מחמדיה כי ראתה גוים באו מקדשה אשר צויתה לא יבו[illegible] בקהל לך עס טייטש דרום האט דער באליידיג[illegible] אוים גישפרייט זיין האנט אויף אלע גילוסטיג[illegible] היילינע זאכן ווייל ער האט גיזעהען די ישרא[illegible] גופא זיינען ארייין אין בית המקדש אונ גיטא[illegible] אזעלכע זאכן וועלכע זיי זיינן פר באטין גיווא[illegible] פון הקב"ה דאס אין דר אידישע פאר זאמלו[illegible] זאל עס ניט גישעהען ווערין (דען גוים איז ד[illegible] גימיינט די ישראל אזו וויא עס שטייט גוי וק[illegible] גוים יהיה ממך) אונ כדי עס בעסר צו פאר שטי[illegible] וועלן מיר ברייננען איין משל. אין איין שטא[illegible] האט זיך גיפונען איין סגי נהור וואס ער איז גיווי[illegible] אגנב מפורסם. אונ אז מען האט אים גיפרעג[illegible] וויא אזו פארט האסטו קיין מורא ניט צו גנב[illegible] אונ פילייכט זעהט דיר איינער בעת דו נעמכ[illegible] צו וואס בפרט אז אלע קענען דיר פר איין גנב[illegible] ענטפערט ער טאקע איבר דעם טעם וואס א[illegible] קענען מיר פאר אגנב דרום איז מיר לייכט [illegible] גנבנן. דען וויא איך טרעט ארייין אין אשט[illegible] אונ עס דער זעהט מיר דר קלענסטער קינד ז[illegible] ווערט גלייך איין גישרייא היט אייך היט אי[illegible] ווארום דר בלינדער גנב איז דא אריין גיגאנג[illegible]

דאן דיר איך גאר נישט אונ גייא זיך תיכף ארויס פון דארטן. אבר ווען איך קום ארייין אין אשטוב אונ עס איז שטיל דא פאר שטייא איך אז קיין איינער איז דא ניטא. אונ נעם שוין אן אשום מורא וואס נור איך קען. דאס גלייכין איז דא. דען עס איז אקשיא אויף דעם נבוזראדן אדער טיטוס הרשע וועלכע זייא האבין גיטאן כל המעשים רעים אין בית המקדש וויא אזו פארט האבן זייא קיין מורא ניט גיהאט פאר דעם שרעקליכען היילינען כבוד השכינה וואס האט גירוהעט אין בית המקדש. בפרט וויא עס איז דאס דאמאלס באוואוסט גיוועזין אין דר גאנצר וועלט. דער תירוץ איז אבר ווייל זייא האבין גיוואוסט אונ גוט פאר שטאנען פון דיא מעשים רעים וועלכע אידין האבין זיך דארטין שוין אפריער בענאנגן אונ מען האט זייא פארשוויגין פון הימיל. דאס איז איין בעווייז אז די שכינה האט שוין פון דארטין אפ גיטראטן. אזו וויא די חכמים דרשנן אויף דעם פסוק פון משלי כי אין האיש בביתו הלך בדרך למרחוק דאהער מוז מען זיך באשליסין צו באהעפטין זיך אן די תורה אונ צו היטין איר מיט גרוים אכטונג אונ גרוים כבוד. דען זיא איז אונזר רעכטער מליץ אונ דר שתדלן אין הימיל. אזוא וויא עס שטייט ואין שיור רק התורה הזאת בפרט זייער גיהיט זיין מיט אונזערע קינדר אום צו ערציהן זייא אין תורה אונ עבודת השי"ת ווארום צו ליב זייערע תורה ותפלה וואס גייט ארוים פון זייערע ריינע מיילער ווייל זייא האבן נאך קיין חטא פר זוכט אזו וויא די גמרא רופט עס אן הבל פה שאין בו חטא וועט אונזרע תורה ותפלה אויך פר גוט אן גינומען ווערין. אונ דיא תורה וועט זיין איין מליץ אונ איין שתדלן פר אונז צום יום הדין אין הימיל בכדי מיר זאלין גיענטפערט ווערין מיט איין שנת ברכה וישועה במהרה בימינו אמן:

## פרשת האזינו

צור ילדך תשי ותשכח אל מחוללך דאס טייטש דער באשעפער האט דיר גמאכט גיבארין שוואך אונ דוא האסט גיטאן פר געסין גאט ב"ה דיין באשעפר. דעם פשט פון דיזען פסוק ווערט ערקלערט מיט אמשל. איינער האט גיהאלטין ביין אן זעצין דאן האט ער זיך

אפריער

אפריער מיישב געוועזן מיט זיינעם אגוטן פריינד וויא אזוי ער זאל זיך נוהג זיין מיט זיינע בעלי חובות כדי פטור צו ווערין פון זיי אונ פון אלע זייערע תביעות. האט איהם יענר איין עצה געגעבן דאס ער זאל זיך מאכין פר משוגע. ער האט אים טאקע געפאלגט. אונ וויא די בעלי חובות זיינן צו זאמען געלאפן מיט גרוים לארים אונ זיינן געקומען איטליכר מאנען וואס עס קומט פון אים. דא האט דר אנזעצער אן גיהויבן צו פייפין אויף גיטאנצט אונ גישפרונגען אונ דר צו גימאכט אלערליי משוגענע תנועות וועלכע עס קען נור געבין. נון וואס, ען מען טאן מיט אזעלכין וואס ער איז אזו נייט צו מישט. בקיצור עס האט אים געהאלטן מיט די פאלשע תחבולה זיך ארוים צו מאכין פון זייא אלעמען אונ זייערע געלט איז ביי אים געבליבן. בהמשך הזמן האט דר דאזיגער אן זעטצר געליען אגמילות חסד אויף איניגע טעג ביי דעם זעלביגין יועץ זיין גוטער פריינד. לסוף אז ער איז געקומען אפ נעמען זיין הלוואה פון אים האט ער אן גיפאנגן שפילין די משוגענע ראלע אנטקעגין אים גליך אז נאנטקעגין יענע בעלי חובות אום ארוים צו מאכין זיך פון אים אויך. דאן האט דר יועץ גיהאפט אשטעקין אונ האט אים גינומן שלאגין מיט גרוים כעס אונ זאגט. דו אום פערשעמטער מענטש איז דען רעכט אז דאס די זעלביגע עצה וועלכע איך אליין האב דיר געראטהעט פון דיין טובה וועגין אנטקעגין אנדערע לייטן זאלסטו איר איצונד פערברויכין אנטקעגין מיר זעלבסט כדי דער מיט מיר שאדין צו טאן. דר נמשל איז וויא עס איז ידוע דאס על פי שכל דארף זיך איין מענטשין ניט ווערין האנדלען אונ גאר ניט גישעפטיגין אין דר וועלט בפרט מויערין הייזער אונ מאכין אזעלכע וויכטיגע מויערין אדער נעמען אנייב אונ פערפלאנצין דורות ווען מען ווייס דאך קלאר אז אמענטש מוז שטארבין אונ אלעס וועט בלייבן פר אנדערע אונ פיליכט נאך פר זיין ווייבס מאן וועלכע זייא ווערין הנאה האבין פון זיין הארעוואניע אונ ביידע ווערין זיך פרייען מיט זיין טויט. נאר אבער ווען אמענטש וואלט אימער אזו דיינקען וועגין דעם טויט אונ נאר עוסק זיין בתורה ומצות דאן וואלט דיא וועלט גיהאט אונטער געגאנגען אונ דר רצון הבורא יתברך איז דאך עס זאל דווקא יוא זיין אוועלט. אז דר פסוק זאגט אין ישעיה לא תוהו בראה לשבת יצרה דרום האט דר בורא יתברך אריין געגעבן איטליכין אין זיין אופן דעם נאטור פון שכחה (פאר געסין) ממילא האט די וועלט מיט דיא תורה אקיום. וואס טוען מיר זינדיגע מענטשין אבער. מיר פר ברויכין נאר די תחבולה פון פר געסין אנטקעגין הקב"ה. כלומר מיר טוען מעשים רעים אונ מיר פר געסין אן השי"ת דעם היילינגן קלוגן יועץ כביכול מיט זיין תורה ומצות. נון קען דען זיין אגרעסערע עולה אז דאס איז. מיט דיא כוונה שטראפט משה רבינו ע"ה דאס פאלק ישראל אונ זאגט צור ילדך תשי היינו הקב"ה האט דיר געמאכט גיבארין מיט דעם שוואכין נאטור פון שכחת פון דיין טובה וועגין כדי דו זאלסט זיך דער מיט בענוטצין אויף וואס נייטיג איז. וויא מיר האבין פריער געשריבין. ותשכח אל מחוללך אונ דו פערברויכסט עס נאר כדי דאמיט צו פר געסין גאט ב"ה. דאהער איז דער גוטער פריינד כביכול געווארן אין כעס אז עס שטייט ווייטער. וירא יי' וינאץ מכעס וגו':

הם קנאוני בלא אל כעסוני בהבליהם ואני אקניאם בלא עם וגו'. עס טייטש זייא האבין מיר דר צארינט מיט דאס וואס ניט גאט איז. זיי האבין מיר דר צארינט מיט זייערע נארעשקייטין דר פר וועל איך זייא אויך ערצארענן מיט אזעלכע וואס זיינען קיין פאלק ניט. דעם פירוש דר פון פר שטייט מען מיט אמשל. אין אשטאט האט גיוואוינט אנגביר אגרויסער נדבן דר רב פלעגט פון אים בעקומען רעכטע מתנות צוא יעדער רגל. דער זעלביגער רב האט גיהאט איין דר וואקסענע טאכטער אונ יענער גביר אזון האט ער זיך מיישב געוועזן אונ גישיקט

איין

איין שדכן צום גביר דאס ער וויל טאן מי
אים אשידוך. דעם גביר איז עס גיפעל
גיווארין אונ דר שידוך איז גישלאסן גיוואו
צווישין זייא. דאן איז דר רב גיווארין מל
שמחה בפרט ער האט זיך גירעכינט געווי
וועט ער האבין איצונד הכנסה פון זיין מחות
דעם גביר כהנה וכהנה מער אז פר דעם. נא
דר חתונה האט זיך גמאכט אמחלוקת צווי
די יונגע פאר פאלק אונ דאס איז שוין גיוו
אסבה דאס אויך די גרויסע מחותנים זיינ
גיווארן צווישן זיך גרויסע שונאים. נאטירל
האט דר רב שוין קיין רגל געלט אונ קיין ש
הכנסה ניט גיהאט פון אים. דאן האט די
רב אן גיהויבין בעדויערין די פאריגט צייט
אונ זאגט הלואי וואלט איך ליבערשט ק
מחותן גיווארין מיטין גביר. אונ איצונד
די וואס איך בעקום קיין שום מתנה ניט פ
אים איז ער נאך מיר גיווארן איין שונא אוי
דר נמשל איז איין טיפער מוסר. דען מ
געפינען אין דר תורה גישריבן אגרויסע טי
מצות וועלכע זיי זיינען כמעט וויא איבער
ווייל מיר וואלטין זיי קענען אליין מיטין ש
פר שטיין אז עס באדארף אזו זיין. כדמ
דאס וואס עס שטייט גישריבין מען זאל ני
עסין די אלערלייא שקצים אונ אומוירדי
אכילות. אדער די מצות וועלכע אנבעלאנ
צו מדות דהיינו מען זאל ניט גנבנען גזלנ
קיין רציחה ברויכין קיין פאלשע מאסין א
געוויכט קיינעם קיין עולה ניט טאן וכדומ
איז דאך קשה וואצו האט אונז דיא תו
גידארפט דאריבער אן זאגין. אלא דאס א
נור כדי מיר זאלין מער שכר בעקומען דר
ווען מיר וועלין די דאזיגע מצות מקיים זיי
אז די גמרא שרייבט אין מסכת עבודת כוכב
גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה דר וו
ער איז גיבאטן גיווארן צו טאן מצות אונ ט
האט מער שכר פר דעם דאזיגין וועלכער
טוט מצות פון זיך אליין ניט גיבאטענערהיי
אונ דאס איז דר פשט פון דעם מאמר וו
מיר זאגין נאך פרקי אבות רצה הקב"ה לזכות

ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות כ' כלומר ווייל
הקב"ה האט גיוואלט מזכה זיין די ישראל מיט
פיל שכר דריבער האט ער גישריבין אין דר
תורה פיל מצות וועלכע מיר אליין וואלטין
קענען פון זיך זעלבסט פר שטיין די זעלביגע
צו טאן. דאס איז די מעלה דר פון. אנטקעגן
איז אבער דא אין דריין איין חסרון דאס דר
יצר הרע האט מער שליטה אן צו ריידין עובר
צו זיין די גיבאטינע מצות. אבער דר וואס
איז ניט קיין מחויב צו טאן די מצוה אונ ער
טוט איר יוא. אויף אים איז זיך דר יצר הרע
ניט אזו מתגבר אונ האט ־ יין שליטה ניט אן
צו ריידין אים אויף פר קערט. אונ דרום
זעהט מען כמה וכמה עבירות רחמנא לצלן
וואס מען ווערט נכשל אין זיי הגם זיי זיינען
געגין נאטור אונ געגין דעם גראדין שכל אזו
צו טאן. דאס גלייכין זעהט מען פיל מצות
דאכט זיך אויף דעם אופן אין פרייע וועלטליכע
זאכין וואלטין זייא גיוועז גאר גרינג צו טאן.
צום בייא שפיל בייא שיין וועטער צייט עסין
טרינקען אין אגוטע שיינע סוכה אדער גיין
דאווענען בצבור וכדומה. נאר ווייל דאס איז
אמצוה זאך ווילט זיך שוין ניט מקיים זיין.
אזו וויא דר ילקוט ישעיה טייטשט דעם פסוק
ולא אותי קראת יעקב כי יגעת בי ישראל היינו הקב"ה
זאגט צו דיא ישראל הלואי וואלט איך זיך
ליבערשט ניט גילאזט ערקענען צו דיר דאס
הייסט קיין מחותן ניט גיווארין מיט דיר דורך
מתן תורה אונ וואלסט בעסר גיבליבין אין
דיין נידעריגע מדרגה וועלכע זיא הייסט
בחינת יעקב. דען וויא דוא ביסט נאך מתן
תורה דר הויבין גיווארין אונ ארויף גיקומען
אויף די מדרגה פון בחינת ישראל זא גלייך
ווערסטו מיד פון מיינע מצות אונ איך כביכול
פר ליר מיינע הכנסה. שרייבט דער ילקוט
ווייטער כולא יומא טרי ולא לעי עביד עבידתיה ולא לעי
צלי ולעי עס טייטש דר מענטש האנדילט אגאנצן
טאג אונ איז גאר ניט מיד. ער ארבייטעט אונ
איז גאר ניט מיד. וויא עס קומט אבער צום
דאווענען ווערט ער שוין מיד. אונ ווייל די מדת

פון דעם בורא יתברך אים צו שטראפן מדה
כנגד מדה דריבער זאגט השם יתברך דא
הם קנאוני בלא אל דאס טייטש זיי האבן מיר דר
צארינט מיט אזעלכע מיני מעשים רעים
וועלכע אויסער דיא פאר באטונג פון גאט
ברוך הוא איז לייכט צו פאר שטיין דאס
זייא זיינען זייער אונרעכט . כעסוני בהבליהם
דען זיי האבן מיר דער צארינט מיט זייער
ווילדען נארישען געטצין דינסט וואש דאס
איז נאר געגין דעם מענשליכן פר שטאנד .
ואני אקניאם בלא עם דאהער וועל איך זייא אויך
ערצארענען אונ בריינגען אויף זיי פורעניות
דורך אזעלכע ווילדע טיראנישע מענטשין
וואש זיינען נאר ניט גרעכינט פאר איין
פאלק . בגוי נבל אכעיסם דורך איין שאלק
האפטיגע פאלק זא וויא דיא פעלקער
בשעת חורבן וכדומה וועלכע זייערע
אכזריות איז אויך נגד השכל . מיט אזעלכע
בייזע לייטין וועל איך זייא ערצארענען :

שימו לבבכם לכל וגו׳ דברי התורה הזאת . כי לא
דבר רק הוא מכם כי הוא חייכם ובדבר הזה תאריכו ימים
וגו׳ . עס טייטש משה עליו השלום זאגט צו
דיא ישראל נעמט זיך גוט אריין אין זיגען
די תורה אונ זאגט אן אייערע קינדער דאס
אלעס מקיים צו זיין דען עס איז קיין לערע
זאך פון אייך נייערט דאס איז אייער לעבין
אויך דאדורך וועט איר לאנג לעבן . דיא
מפרשים פרעגין אויף דעם וואס דער פסוק
איז אזו פיל מאריך אין לשון לא דבר רק וגו׳
אונ הוא חייכם וגו׳ אויך ווידער תאריכו ימים וגו׳
בפרט פון דיא רייד זעהט עפים אוים וויא
מען זאגט צוא איינעם וועלכער ער ארבייט
אומזיסט אין איין פרעמדין גישעפט .
הער צו דו זאלסט וויסין זיין דיין מיהע וועט
ניט זיין אומזיסט דוא וועסט עפים אויך
געניסן דאפון דוא וועסט דאפון האבין
נאר דיינע חיות דוא וועסט גליקליך ווערן
דאפון אויף אייביג . נון איז קשה ווארום
איז מען אים ניט מגלה תיכף אין אנפאנג

אז דאס איז פאר אים איין גליק דאן וואלט
מען דאך געהאט דאמיט פאר שפארט דיא
ערשטע צווייא הבטחות . דער פסוק וועט
אבער זייער לייכט פאר שטענדליך ווערין
מיט איין קורצין משל . איין סוחר האט
ארויס גישיקט זיינעם משולח אום ער זאל
ארום פארין איין מאנען איין גרויסן פאר
מעגינס חובות וועלכע ער האט פאר בארגט
די קרעמער זיינע קונדן אלע ערליכע לייטן .
פאר דעם פארין בעט דער משולח ביי דעם
פרינציפאל זיינעם אויף רייזע הוצאות .
האט ער אן גהויבן לאכין אונ זאגט צוא
אים שוטה דוא פארשט דאך אפ נעמען
מיט דיין האנט אזו איין גרויסן קאפיטאל
נון וועסטו דאך קענען דאפון נעמן הוצאות
פיל דיר וועט פאדערין אונ וואצו ברויכסטו
איצונד מיינע געלט אויף הוצאות . דער
ענין דער פון איז אזו . עס איז פאר האנדן
מצות וועלכע זייא זיינען אונפערשטענדיג
אונ זעהן אוים כמעט וויא איין לערער ענין
חלילה . דהיינו דיא מצוה פון פרה אדומה
וכדומה . נון פאר שטייט זיך מן הסתם
ליגט דערין פערוויקילטע סודות דאס דער
מענשליכער שכל איז ניט אומשטאנד דאס
משיג צו זיין . אויך האבין מיר מצות וואס
דער גראדער שכל איז אויך מחייב אז עס
דארף אזו זיין אונ אנדערש ניט . דאך מוזן
מיר גלויבן באמונה שלמה אז ניט מיט דאס
אליין וואס מיר פאר שטייען איז שוין גינוג
ערקלערט דיא דאזיגע מצות השכליות
נייערט אויסר אונזערע טעמים ליגט אין זיי
אויך פאר בארגין טיפע כוונות אונ סודי
סודות אן אשעור וועלכע זיינען נוגע צוא
דיא עולמות העליונים וויא דיא מקובלים
שרייבן דער פון באריכות . מיר גיפינן דיא
גמרא שרייבט אין מסכת ברכות האומר על
קן צפור יגיעו רחמיך כו׳ ווען איינר זאגט אין זיין
תפלה צו הקב״ה מיט דעם נוסח . היינו אזו
גוט דאס דוא האסט רחמנות גיהאט אויף

די פויגלען אין נעסט און האסט געשר[יבי]ן אין דיין תורה דאס דיא מוטער זאל מ[ע]ן פרייא לאזין און די קינדער צוא נעמ[ע]ן דאס גלייכין האב איך רחמנות אויף און[ז] . הייסט מען אים דאס אויף הערין זאג[ע]ן ווייל נאך זיין דעה נאך קומט אויס ד[ע]ר טעם פון דיא מצוה שלוח הקן איז נ[ו]ר מצד רחמנות פון השי"ת און באמת דא[ר]ף דאך זיין גירעכינט ביי אונז אלע מצו[ו]ת פון דער תורה וויא איין גזרה און איין [ח]ק גאר אן אשום טעם. נון איז קשה ה[א]ט דען יענער פאר קרימט ווען ער האט צ[ו]א געשריבין צו הקב"ה דיא מדה פון רחמנ[ו]ת און דאמיט ערקלערט איין טעם אויף ד[י]א מצוה. אלא זאגט דער רמב"ן דאס איז ד[ע]ר מיין פון דיזען מאמר ווייל עס פאסט ניט [צ]ו זאגן דאש דר . עקר מצוה איז געגעבן גוו[אר]ן נור מחמת השי"ת האט רחמנות אויף ד[י]א פויגלען נייערט עס איז פאר וויקילט דע[ר]ין כמה וכמה טיפע הייליגע כוונות. און ווי[י]ל דער מענטש זאגט דאס אין זיין תפ[יל]ה בצבור געווים מיינט ער אז נור דאס איז [ד]יי כוונה דער פון און העכער ניט דאה[ע]ר הייסט מען אים שווייגין. און דאש [א]יז אויך דער פשט פון דעם מאמר אין מס[כ]ת ברכות מהו דתימא דינא שלמא בעלמא הוא קא משמ[ע] לן דדינא נמי היינו תורה עס טייטש איך וואלט וועלין מיינען דאס משפטין איין דין ת[ור]ה הייסט דאש נור שלום גימאכט צווי[ש]ין לייטין אויף דער וועלט. כלומר און [ז]יין הויכע כוונות נסתרות איז ניטא אין די מ[צו]ה קא משמע לן כו' דרום לאזט אונז די גמרא [ה]א הערין אז אדין אפילו וועגן געלט זא[..]ין ליגט אויך דעריין באהאלטין הימיל[ש]ע סודות גלייך אז אנדערע פאר בארגענע מ[צו]ת פון דער תורה וועלכע מיר ווייסין ניט [צ]וא זאגן אויף זייא קיין טעמים. איצונד [קע]נען מיר זיך שוין קערין צוא דעם פסוק [פ]ון אונזער סדרה שימו לבבכם וגו' היינו משה ר[בי]נו עליו השלום זאגט בעטראכט גוט די מצ[ו]ת און דיא חשיבות פון די תורה הקדושה. ערשטן כי לא דבר רק הוא מכם דאס גייט אויף דעם חלק המצות וואס איז ווייט פון שכל זאל מען ניט מיינען אז דאש איז איין לערע זאך חלילה. און דאש ווערט גיטאן גלאט אין דער וועלט אריין און עס ברייננגט קיין נוטצין ניט פאר אונז חס ושלום. זאג איך אייך ניין. דיזע זיינען גיווים זייער גיהייבענע אינטערעסן און דורך זייא ווערט גיצויגן קדושה און השפעה אין אלע עולמות ביז אויף דיזין עולם התחתון. אויך כי הוא חייכם דען דאס איז אייער לעבין. עס איז גימיינט דער חלק המצות וועלכער עס איז שייך צו דיא וועלט. למשל וויא מען זאל זיך בעניין איינער אנטקעגין דעם אנדערן וואס דאש זעהט מען שוין ארויש בחוש וויא ווייט נוטציג זיי זיינען דא פאר אונז און אן זייא איז אונמעגליך דאש וועלטליכען לעבן דורך צוא פירען. דאס הייסט דער ווייל[ע] אראפ גינומן אויף הוצאות פון דעם גרויסן קאפיטאל תורה ומצות וואס השם יתברך האט אונז דא אראפ גישיקט צוא זאמען צוא קלייבין. זאגט משה ווייטער ובדבר הזה תאריכו ימים כלומר דיינקט ניט דאס די מצות השכליות זייגען נור צוא אייך גיגעבן גיווארין צוא ליב דיא הנאה און נוטצין וועלכע איר פילט און מער ניט זאג איך אייך ניין זיי בערירין גאנץ ווייט. והראיה ובדבר וגו' דורך דיא דאזיגע מצות ווערט איר אויך זוכה זיין צוא דעם שכר פון דיא לאנגע טעג דאס הייסט דיא טעג פון עולם הבא:

# הפטרת האזינו

וידבר דוד וגו' יצילני מאויבי עז משונאי כי אמצו ממני תוי' דוד ע"ה זאגט. גאט ב"ה וועט מיר מציל זיין פון מיין שטארקין פיינד. פון מיינע שונאים ווען זייא זיינען שטארקער פאר מיר. עס איז נייטיג צוא פאר שטיין ווארום זאגט ער יצילני (ער וועט מיר שפעטער מציל זיין) און ניט מצילני (ער איז מיר איצונד מציל

מציל) . אויך איז אקשיא ווען הקב"ה וויל אים העלפין נון צוא וואס מאכט עס אוים אנטקעגען דיא גבורה פון הקב"ה כביכול אויב זיינע שונאים זיינען שוואכע אדער שטארקע . אם כן וואצו דארף ער דער מאנען דיא ווערטער עז אמצו . דאס אלץ ווערט פאר ענטפערט ווערין מיט איין משל · ביי איינעם אררייכין מאן איז אקינד קראנק גיווארין · דער דאקטער האט אים אצייט גיקורירט אונ דאס קינד איז נאך אלץ ניט גיזונד גיווארין אז דער פאטער האט גיפרעגט דעם דאקטער דיא סבה דער פון האט ער אים אזו גיענטפערט . זאלסט וויסין זיין אז פון זיין איצטיגע קראנקהייט האב איך אים שוין לאנג אוים גיהיילט . אבער איך האב אין אים דער שפירט אזו אמין אינגערליכען פאר בארגענעם געפערליכען חלאת וואס עס מוז זיך דאס ארוים ווייזין ביי אים אויף דער עלטער . דער חלאת פאדערט דאס דער קראנקער זאל האבין גינוג שטארקע קרעפטין פון נאטור אויך פאדערט איין גרויסין פאר מעגינס אויף קוראציע אונ ווייל וויא גיוואוינליך אויף דער עלטער ווערט דער מענטש שוואך אין גיזונד אויך פילייכט ארעם אין מעמד אויך דאהער האב איך מיט אזעלכע געווייסע מיטלען דער וועקט אין אים איצונד יענעם חלאת אונ וויא ער איז איצטער ביי זיינע יונגע פעסטע קרעפטין אונ דוא ביסט ביי דיין פולען רייכין פערמעגינס איז איצטער דיא ביליגסטע צייט דאס איך זאל אים אוים היילין זיין חלאת ביז גרונד אונ ער וועט שוין דורך דעם גיהיילט ווערין אויף זיין גאנצין לעבין . דיזען מין חלאת קוריר איך אים יעצט אונ דרום פאר ציהט זיך דאס אזו לאנג . דער נמשל דער פון איז אזו . מיר זעהען דאס דיא היילינע אבות ע"ה האבין גיליטין צרות אין גלות אן אשעור צום ביי אשפיל אברהם אבינו איז גיפרובירט גיווארין מיט דיא צעהען שווערע נסיונות . דאס גלייכין יצחק יעקב האבין אויך גיהאט אויף זיך גינוג צרות . נון איז דען אסברה צוא מיינען אויף אזעלכע צדיקים גמורים דאס זייא זיינען חלילה גישטראפט גיווארין צוא ליב זייערע אייגענע מעשים . גיוויס ניט נור דיא מעשה איז וויא דיא חכמים זכרונם לברכה זאגין אין מדרש . דער בורא יתברך האט אין תחלת איין גיזעהען דאס דיא שפעטערע דורות וועלין מוזין ליידין צרות איבער צרות רחמנא לצלן אונ דר זכות פון מעשים טובים צו ברייננן אגאולה וישועה וועט זייא דאמאלס פעלין דרום האט ער גיבראכט דעם ארט צרות אין דיא צייטין פון דיא אבות אונ זייא מיט זייער וויכטיגען זכות האבין זייא שוין דאמאלס אוים גיגראבין איין קוועלע פון ישועה אויף דורי דורות . וויא דיא חכמים דריקין דאס אוים אין קורצע ווערטער מעשה אבות סמן לבנים ומעשה אבות ירשו בנים עס הייסט אלעס וואס עס האט זיך געפאסירט מיט דיא אבות איז דאס נור גיוועזין פון אסמן ווענין דאס אין דעם זעלביגען ארט וועט זיך אויך אמאל שפעטער אזו פאסירין מיט זייערע קינדער . אונ דיא ישועה וואס זייא האבין דאן אוים געווירקט איז דאס גיבליבין איין ירושה פאר זייערע קינדער. וויא מיר זאגין אין תפלה עזרת אבותינו אתה הוא מעולם מגן ומושיע לבניהם אחריהם בכל דור ודור כלומר ווייל דוא הקב"ה ביסט גיוועזין אהילף צוא דיא עלטערין אונזערע דאמיט ביסטו שוין איין שיטצער אונ איין העלפער גיווארין צו זייערע קינדער אין דיא שפעטערע דורות . דיא זעלביגע זאגט דא דוד המלך יצילני מאויבי עז וגו' ווען השם יתברך וויל מיר מציל זיין אויף שפעטער פון דיא פיינט וואס וועלין זיין צוא שטארק אנטקעגין דעם ערך פון מיין קליינעם זכות יקדמוני ביום אידי דאן ברייננט ער דאס אונגליק פריער . אונ אזויא זאגט ער סוף קאפיטל ועושה חסד וגו' ולזרעו עד עולם דער חסד וואס ער טוט מיט זיין גזאלבטען קיניג דוד איז דאס אפעולה פאר זיינע קינדער אויף אייביג :

# פרשת ברכה

וזאת הברכה וגו' יי מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן וגו' אש דת למו היינו משה עליו השלום זאגט דאס הקדוש ברוך הוא האט אן גיבאטין דיא תורה דיא בני שעיר אויך דיא ישמעאלים אונ זייא האבין איר

ניט געוואלט אן נעמען אונ די קינדר ישר ל
האבין יוא מקבל גוועזן די תורה. דר ילק ט
שרייבט רבי אליעזר פרעגט וואס פר אשו ר
האבין דען געהאט יענע פעלקער דא ט
הקדוש ברוך הוא האט זייא ניט געוואל ט
נעבין דיא תורה. אלא עס קומט או ס
וויא דער פסוק זאגט אין תהלים מגיד דב יו
ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל לא עשה כן לכל גוי ומשפט ים
בל ידעום עס טייטש זיינע גוטע געזעטצע א נ
ריכטע האט ער אויש געזאגט צוא אי ן
אבער ניט צוא יענע פעלקער. ווייל זיי א
האבין ניט געוואלט אן נעמן דיא תורה.
עס איז איין קשיא אין אן פאנג זאגט ר י
אליעזר אז השי"ת האט זייא ניט גוואל ט
געבין דיא תורה אונ לסוף פירט ער אוי ז
דאס זייא האבן גאר ניט געוואלט איר צו ג
נעמן. בפרט וויא עס שטייט פריער האט
דאך טאקי גאט ברוך הוא זייא אן געבאט ן
דיא תורה אונ זיי האבן ניט געוואלט. ד
תירוץ איז רעכט מיט אמשל. צוא איינע ם
אגעוויסן קרעמער אין קראם איז געקומ ן
אסוחר קויפין סחורה. האט דער קרעמ ע
אימער אים געוויזן פראסטע סחורה ניט נא ך
זיין גוטס נאך. אויך האט ער בייא אי
אויס געבעטין טייערע מקחים ביז וואנ ן
יענר איז ארויס געגאנגן אונ ניט גיקויפט.
נאכהער איז אריין אנאנדר סוחר. פר אי
האט ער שוין ארויס געוויזן דיא א ג
פיינשטע סחורה אונ האט אויש געבעט ן
נור די לעצטע בילינע פרייזין. דיזען סו ר
איז דאס תיכף געפעלינ געווארין אונ ד
געשעפט איז געשלאסן געווארין
קרעמערס דינער איז דאס זייער קש ה
געווארן. ער פרעגט בייא דעם בעל הבי ת
ער זאל אים זאגן דעם אונטר שייד פ ן
דעם ערשטין ביז דעם צווייטין סוחר.
ענטפערט אים דר בעל הבית איך וועל ד ר
קלערין. זייא ביידע גלייך מיינען צ א
לען בייא מיר אויף אקאנטע אונ נ ט
אבר דער ערשטער סו ר

איז קיין בטוח ניט דאהר האב איך לכתחלת
געמאכט דאס אים זאל ניט געפעלינ ווערין
מיינע סחורה בכדי ער זאל בייא מיר ניט
וועלין האנדלען. דאנגעגין אבר דיזען
צווייטין סוחר אים קען איך פר איין בראווין
אונ ערליכען מאן סיידין וואס עס אן
בעלאנגט צוא אסבה רחמנא לצלן דאס
קען מען דאך פאר דעם גרעסטין גבירעשין
בטוח אויך ניט ערב זיין נון מיט אזו איין
קונד ווילט זיך האנדלען אונ דרום האב איך
אים געוויזן דיא בעסטע סחורה מיט דיא
לעצטע מקחים אום ער זאל טאקי באמת
קויפן בייא מיר אונ איך זאל פון אים אפט
לייזין. דער נמשל דאפון איז וויא מיר געפינן
אין גמרא ומדרש אז די יענע פעלקר האבן
געפרעגט וואס שטייט געשריבין אין דער
תורה האט הקב"ה זיי געענטפערט לא תרצח
(מען טאר קיין רציחה בו"זיכין) לא תנאף (קיין
זנות טרייבן) אונ דער עונש דער פון איז
זייער גרויש דאס הייסט געוויזן אזעלכע
מיני ארטיקולען ומיני מקחים וועלכע נאך
זייער נאטירליכען גוטש נאך בעדארף זייא
געווים ניט געפעלינ זיין. די כוונה זיינע איז
געוועזן בכדי זייא זאלין טאקע ניט האנדלען
די תורה הקדושה ווייל ער האט גוט געקענט
יענע ערשטע אומות דאס זייא זיינען קיין
בטוחים ניט מקיים צוא זיין די תורה ומצות
אונ וועלין צום סוף בלייבן אן זעטצער דרום
האט ער ליבערסט אין תחלת ניט געוואלט
מאכין מיט זייא קיין געשעפטין. פאר דיא
ישראל אבער האט דער בורא יתברך
ערקלערט אונ מגלה געוועזן די אלע נוטציגע
ענינים אונ די חכמה אויף די סודות וועלכע
עס איז צו לערנען פון דער תורה אויף דעם
שכר פון תורה ומצות גאר אן אשעור כדי
זייא זאלין וועלין מקבל זיין דיא תורה
הקדושה ווייל ער קען זייא פאר רעכטע
בטוחים. איצונד ווערט שוין רעכט דער
ילקוט דאס הקב"ה האט זייא ניט געוואלט
געבן די תורה כלומר ער האט זייא כבוין

גיוויזין

גיוויזין אזעלכע זאכין וואש זייא וועט ניט גיפעלין אום זייא זאלין ניט וועלין דיא גאנצע תורה . ווייל ער האט גיוואוסט אז לסוף וועלין זייא איר ניט מקיים זיין . אונ דאס איז דער מיין פון ילקוט דאס יענע אומות האבן ניט פאר לאנגט די תורה . אבער אין דעם פאל אז זייא וואלטין יוא מקיים גיוועזן . דאן וואלט הקב"ה זיי וועלין באמת געבין . אונ אזו איז דער פירוש פון פסוק מגיד דבריו ליעקב וגו' פאר דיא ישראל האט ער מגלה גיוועזן אלע גוטש פון דער תורה אום זייא זאלין איין שטימען אויף קבלת התורה לא עשה כן לכל גוי וגו' אבער צו יענע אומות העולם האט ער ניט אזו גטאן נייערט ער האט זייא תיכף פאר גילייענט לא תרצח לא תנאף כדי זייא זאלן אדרבה ניט וועלין איין שטימען אויף קבלת התורה וויא אויבן איז ערקלערט גיווארן :

אף חובב עמים כל קדושיו בידך עס טייטש אויך דיא פעלקער ליבט הקב"ה אונ אלע זיינע הייליגע זיינען אין דיין האנט . דער מדרש שרייבט דער פסוק לערינט אונז דאס הקב"ה האט דאמאלסט געליבט די ישראל דאס ער האט ניט געליבט קיין אומה ולשון פון יענע פעלקער . דאס ווערט דער קלערט מיט צווייא משלים . איין דוכס איז ארויש גיפארין פון זיין טייערין פאלעץ וועלכין ער האט אים בעוואוינט אין אנעוויסע שטאט אונ איז אריין גיגאנגען וואוינען אין אזייטיגען דארף . דיא אלע דארף לייטע גיוואוינליך זיינען גוועזן פראסט פון נאטור אונ אונוויסענדע מענטשין . ער האט קיין שום מגע ומשא ניט גיהאט מיט זייא אויסער איינעם איין קרעמער האט ער דארטין גיפונען וואש ער האט גיקענט מיט אים ריידין . מיט דיזען מאן פלעגט ער אפט זיך אונטער האלטין אונ אלע זיינע גשעפטין פלעגט אויך גיטאן ווערין דורך אים כדי נור ער זאל פון אים פאר דינען . אמאל האט דער קרעמער גיזעהן דאש דיזער דוכס מאכט אויך גישעפטין מיט די דארף לייטע אונ גיט זייא אויך גינוג צוא פאר דינען וויא ווייט מעגליך איז אונ ווייל ער ווייס דאך דאס דער דוכס ליבט זייא ניט על כן איז דאס ביי אים גיוועזן אגרויסר וואונדר . דער קלוגער דוכס האט פאר שטאנען זיין בעוואונדערונג אונ זאגט צוא אים . ליבער פריינד זאלסט וויסין זיין אז איך מיין עס נור פון דיין טובה וועגין ווארום אז זייא וועלין האבן פיל געלט מיט וואש צו קויפין סחורה ממילא וועט דיר אלעס אן קומן דען דו ביסט דאך היער דר איינציגער קרעמער . דער צווייטער משל איז . ביי איין פאטר זיינן אויש גישטארבין פיל פון זיינע קינדר רחמנא לצלן אונ נור איינציגע זיינען אים איבער גיבליבין . צו דיא עטליכע קינדר זיינע האט ער צו טיילט פאר זיין לעבין אגרויסין טייל פון זיין פאר מעגינם אונ פון זיינע נחלאות . אויך איז ביי אים גיוועזן איין גפירט דאש איין מאהל אין יאר אין איין בעשטימטין טאג פלעגין דיזע קינדער אלע מוזין ביי אים אין שטוב צו נויף קומן אויף איין מאלצייט אונ זיך משמח גיוועזן מיט זייא . נאכהער האט ער יעדערן בזונדער בעשיינקט מיט רעכטע מתנות . אמאל האט זיך גטראפן דאש אין יענם בשטימטען טאג זיינן זייא ניט צוא זאמען גיקומן צום פאטער אלע באנאנד אויף איין מאל נייערט איינציג ווייס . דאן האט ער שטארק פאר איביל גיהאט אויף דיא קינדער אונ אז זיי האבין אים גיפרעגט וואש מאכט אים אויס צי צו זאמען אדער איינציג ווים אביא זיי גיפינן זיך דאך ביי אים אויף זיין מאלצייט האט ער זייא אזוא גיענטפערט . איר דארפט וויסין דאס מיין גרוישע ליבשאפט צו אייך אויך מיין גרוישע שמחה ווען איך דער זעה אייך איז מחמת צווייא ערלייא טעמים . ערשטין וויא נור איין גיוואוינליכר פאטר ליבט זיינע קינדער . צווייטינם ווייל איר זייט איין אויסנאם ביי מיר . דאס הייסט

פון פיל זייט איר נור קוים עטליכע גיבליבן
און די שמחה קען איך נור פילן דווקא ו[illegible]ען
איר קומט אלע צו זאמען צו מיר און ז[illegible]יך
זעהע מיט די אויגן דאס נור איר זייט ב[illegible]א
מיר גיבליבן און מער קינדער האב איך ני[illegible]
ניט אזו אבער ווען איר קומט צוא [illegible]יר
איינציג וויים דאן דוכט זיך מיר אז איך ה[illegible]ב
נאך און נאך קינדער אייער גלייכן דא[illegible]גר
איז שוין די אהבה און דיא שמחה ניט [illegible]זו
פערפול און וויכטיג ביי מיר. דיא מע[illegible]ה
דאפון איז אזו וויא דער מדרש דרשי[illegible]ט
אויף דעם פסוק בראשית ברא וגו׳ דאש ד[illegible]גר
הויפט בריאה איז נור גיוועזן צוא ליב ד[illegible]א
ישראל דען זייא ווערין גרופן מיטן נאמ[illegible]ען
ראשית אז דער פסוק זאגט קדש ישראל לה׳ רא[illegible]ית
תבואתה. נון איז קשה פון דעם מאמר א[illegible]ף
דאס וואס דיא חכמים דרשינען אויף ד[illegible]ם
טעם פון דעם נאמען הר סיני ווייל פון ב[illegible]ג
סיני (דאס הייסט פון דיא צייט זינט י[illegible]ע
היידין האבין ניט גיוואלט מקבל זיין ד[illegible]א
תורה) האט אויף זייא אראפ גינידערט [illegible]ין
שנאה. נוא איז דאך דער משמעות [illegible]ון
דיזען מאמר אז ביז די צייט פון מתן תו[illegible]ה
האט ער דיא היידין יוא גיליבט גלייך אז [illegible]די
ישראל. אם כן ווארום איז דער עיקר ברי[illegible]ה
גיוועזן נור צו ליב זייא און ניט צו ליב ד[illegible]א
געצין דינער אויך. גם וועלין מיר [illegible]א
ברייגנען וואס דיא קדמונים קלערין ה[illegible]נו
ווען השי״ת האט דאך אין אנהייב גוואו[illegible]ט
אז יענע געטצין דינער וועלין ניט אן נעמ[illegible]ען
דיא תורה אם כן ווארום האט ער [illegible]יך
דאמאלסט ביי זייא גיבעטין אז זייא זא[illegible]ין
דיא תורה יוא אן נעמן אזו וויא דר מד[illegible]ש
שרייבט אויף דעם פסוק וזרח משעיר למו וגו׳ .
אלא דער תירוץ איז ער האט זייא [illegible]ין
אנפאנגס בכיוון צו גיטיילט איין חלק אה[illegible]ה
בכדי אין די צייט אז ער וועט זיי אן ב[illegible]טן
דיא תורה און זייא וועלין איר פעראכ[illegible]ין
און ניט וועלין אן נעמן און די ישראל ו[illegible]לן
יוא אן נעמן דאן וועט ער צו ליב דעם זי[illegible]גר

חלק אהבה אויך איבער געבן צוא דיא
ישראל און זיין ליבשאפט צוא ישראל וועט
זיך שטארקן מחמת ער וועט זעהן דאש
קיין אנדערע קינדער איז אים מעהר דאמאלס
ניט גיבליבן אויסער זייא. וויא שלמה ע״ה
זאגט אין שיר השירים ודגלו עלי אהבה. עס
טייטש זינט הקב״ה האט זייא אלעמן פאר
זאמילט צוא מתן תורה און האט זיך דער
וואוסט דאס אויסער דאס פאלק ישראל
האט ער מעהר קיין פריינד ניט צו דר תורה.
דאן האט זיך זיין ליבשאפט פאר מעהרט
צו זיי. איצונד ווערט שוין רעכט. היינו משה
רבינו ע״ה זאגט ה׳ מסיני בא וזרח וגו׳ אף חובב
עמים כל קדושיו בידך דאס הייסט דרום האט
הקב״ה ארום גיטראגן דיא תורה צו יענע
פעלקער. כדי אז דיא קדושה אויך דיא
ליבשאפט פון יענע פעלקר זאל אריין קומען
אין דיא האנד פון ישראל. און דאש איז
דער פשט פון מדרש מלמד שחבב הקב״ה את ישראל
מה שלא חבב כו׳ כלומר ווייל דאן האט ער אויף
גיהערט ליבען יענע היידין האט זיך פאר
מעהרט זיין ליבשאפט צוא דיא ישראל :

ומשה בן מאה ועשרים שנה במותו. ויבכו בני ישראל וגו׳
ויהושע בן נון מלא רוח חכמה וגו׳ ולא קם נביא עוד וגו׳.

עס טייטש משה רבינו ע״ה איז אלט גיוועזין
בשעת ער איז גישטארבן הונדערט און
צוואנציג יאהר. און דאך האט אים
גאר נישט גיפעלט פון זיין ראיה און פון
אלע זיינע קרעפטין און דיא ישראל האבין
נאך אים גיוויינט דרייסיג טעג. און יהושע
איז פול גיוועזן מיט איין גייסט פון חכמה
און אלע האבין אים צוא גיהערט אבר אזו
איין נביא וויא משה איז שוין מער ניט
גיוועזין. די קדמונים פרעגין אקשיא ווארום
איז די תורה מפסיק אין מיטין מיט יהושע. עס
באדארף אייגענטליך אזו שטיין ויתמו ימי בכי
אבל משה ולא קם נביא וגו׳ און נאכהער צום סוף
תורה זאל שטיין דר פסוק ויהושע בן נון מלא וגו׳.
דאס ווערט רעכט מיט אמשל· ביי איינעם
איז צו בראכין גיווארין א טייערער לאמפ

דיא

האט ער אפ געקויפט איין אנדערען . דאך האט ער זיך זייער מצער גיוועזן אויף יענעם לאמפ ער זאגט אזו אמת איך האב שוין איין אנדערין אויף זיין שטעלע . אבר מען מוז דאך אלע נאכט אים אן גיסין מיט קארעשן . ניט אזו אבר דעם ערשטין לאמפ וואש איז צו בראכין גווארין ער האט אין זיך גיהאט אזו אוואונדערליכע סגולה דאש די קארעשן וועלכע מען האט אין אים אן גינאסין דעם ערשטין מאל איז שוין גיוועזן גינוג אויף אלע מאל. עס האט אימער גיברענט אונ קיין מאל ניט אויש גינאנגען . נון אזו איין בערימטע זאך וואס עס איז ניטא זיין גלייכן וויא אזו קען מען דאס גאר פאר געסין דעם שאדין דער פון על כן איז מיין צער גרויס אן אשיעור . דיא כוונה זאגט אונז דיא תורה ומשה בן מאה וגו׳ לא כהתה וגו׳ כלומר הגם ער איז שוין גיווארין גאנץ אלט פון דעסט וועגין האט ער נאך גיהאט אלע זיינע חושים אין גאנצין . הן וואש עס איז שייך אין רוחניות הן אין גשמיות אלעם גאר וויא אין אנהייב. אם כן וואלט ער אין דעם אופן גיקענט אייביג אזו פערבלייבין אום בעלויכטין אונ שיינען פיר דיא ישראל אונ איצונד וויא ער איז גישטארבין איז איין שאדין פאר אידין אן אשיעור . נור אבער זייא האבן ניט משיג גיוועזין וויא גרויש דער היזיק איז דען ויבכו וגו׳ שלשים יום ויתמו וגו׳ . עס טייטש זייא האבין גיטרויערט אויף אים נור דרייסיג טעג אונ דאמיט האט זיך שוין גיענדיגט דר טרויער פון משה רבינו ע״ה ויהושע בן נון מלא ורוח חכמה וגו׳ דאש הייסט ווייל זייא האבין גרעכינט דאס זיין תלמיד יהושע איז פול מיט רוח נבואה אונ חכמה אונ דאהער איז ער גינוג פיר איין ממלא מקומו צוא זיין אן שטאט דעם רבין זיינעם . זאגט אבער דיא תורה נאר ולא קם נביא וגו׳ אזו איין נביא וויא משה ע״ה וועלכער האט שטענדיג פר שיינט דעם כלל ישראל מיט דאס העכשטע מדרגה פון נבואה דאס הקב״ה כביכול האט מיט אים גירעט פנים אל פנים אויך איין גרויסער בעל מופת האט זיך שוין מער זיין גלייכן ניט געפונען . נייערט אין די צייט אז מיר וועלן זוכה זיין צוא דיא גאולה שלמה . אזו וויא דער נביא מיכה זאגט אין דעם נאמען פון השי״ת כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות דאמאלסט וועל איך ווידר בעווייזין וואונדר דורך מיינע נביאים וויא אין דיא צייטין פון יציאת מצרים. אויך איז גשריבן אויף יענע צייט אין ישעיה קול צופיך נשאו קול יחדו ירננו כי עין בעין יראו בשוב ה׳ ציון עס טייטש אלע נביאים וועלין מיט איין הייכין שטים זינגען . כלומר זייא וועלין דא משיג זיין די גיהייבענע מדרגה פון נבואה. דען זייא וועלין דער זעהען הקב״ה כביכול אויג אין אויג . דאס איז גימיינט די בחינה פון פנים אל פנים . בשעת ער וועט זיך ווידר קערן צוא ציון במהרה בימינו וכן יהי רצון אמן :

# הפטרה וזאת הברכה

דאס ווירד גילייענט אום שמחת תורה :

ויהי אחרי מות משה וגו׳ משה עבדי מת ועתה קום וגו׳ רק חזק ואמץ וגו׳ ככל התורה וגו׳ הייננ נאך משה׳ס טויט האט גאט ב״ה גיזאגט צוא יהושע בן נון דער משרת פון משה אזו. מיין קנעכט משה איז גישטארבין . איצונד גייא אונ פיר אריין דיא ישראל אין ארץ ישראל וואו הין נור דוא וועסט אריין טרעטין וועסטו באגליקין . אבער היט זייער אונ זייער דיא תורה ריכטיג וויא מיין קנעכט משה האט דיר גיבאטין . דיא מדרשים קלערין דאס דיא ווערטער משה עבדי מת מיין קנעכט משה איז גישטארבן איז וויא איבעריג. אויך פרעגין דיא מפרשים וואצו דער מאנט דא דער פסוק אז יהושע איז גיוועזן משה׳ס משרת. אונ וואריום ווערט פינף מאהל איבער גיחזרט אין דיזען קאפיטל דיא ווערטער משה עבד ה׳ דאס הייסט אז משה רבינו ע״ה איז גיוועזין דער קנעכט פון הקב״ה . דאס אלעם וועט פאר ענטפערט ווערין מיט איין משל . איינער האט זיך גיקויפט זייער שיינע צייג אויף איין בגד . מיט איין מאל איז דער

בגד געווארין פול לעבער אונ צוא פאלי
געווארין שטיקער ווייס. איז ער גיקומע
צום קרעמער שרייען ווארום האט ער אי
פאר קויפט פערלעגענע סחורה. אבער דע
דאזיגער קרעמער האט גיוואוסט וויא זיך צ
פאר ענטפערין אונ אויף יעדער לעביל האט
ער גיהאט גינוג תירוצים. דאס האט ע
גיזאגט איז איין גוואלד ריס. אונ דארט
איז אברען וכדומה ביז וואנען יענער הא
אים בעוויזין אז דאס איז געווארין ני
אנדערש נור מחמת. דיא סחורה איז גיוועז
אלטע פאר לעגענע. דאן האט שוין דער סוח
אליין גימוזט אים מודה זיין אז ער איז שולד
אונ דיא סבה ליגט נור אין זיינע שוואכ
סחורה. דער ענין דער פון איז וויא דע
בוזרי שרייבט דאס עס איז פאראן פ
ערלייא מיתות. מיר וועלין דא ריידין נ
וועגין צווייא ערלייא. היינו ערשטין ווע
איין גאנץ אלטער מאן לעבט זיך אוים זיי
יארין אונ שטארבט אויף זיין בעט בשל
דאס הייסט מיתה טבעית (געשטארבין מי
נאטור). צווייטין איז פאר האנדין מי
מקרית עס איז גימיינט אויב מען שטארב
חלילה פון אצופאל דאס הייסט זיך ד
טרונקען וכו' נפאלין, זיך פערקילט אונ ד
גלייכין. נון וויא דער סדר עולם איז ווע
אמענטש מעהר צוא בראכען ווען ער ד
זעהט דעם צווייטען מין טויט. ווייל עס
איין מיתה משונה אבער ביים דעם א
דיינקער דארף דער מוסר זיין פאר קער
דען וואו עס איז אסבה קען מען ביי
טראכטין איך וועל זיין פארזיכטיג אונ
וועט דאס ניט טרעפין. אבער ווען
גרייז גראער מענטש וואס האט אוים גילע
זיינע יאהרן אונ שטארבט אויפין בעט אן
אשום סבה וויא עס קומט נור דיא צייט
האט מען שוין בוודאי קיין תירוצים צוא
וויא נצול צו ווערין דער פון דען איטלי
זעהט קלאהר דעם טויט פאר דיא אוי
וויא דוד המלך ע"ה האט גיזאגט אין ד
הימים כצל ימינו על הארץ ואין מקוה או
לעבין אויף דער וועלט איז נור וויא אש
אז עס איז קיין האפענונג נצול צוא ווע

פון טויט. אין דעם זינען זאגט קהלת טוב
ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה דאס טייטש
עס איז גלייכער צוא גיין אין איין הויז פון
איין אבל איידער צו גיין אויף איין מאלצייט.
אבער וועלכין אבל איז גימיינט זאגט ער
ווייטער באשר הוא סוף כל האדם דווקא ווען
יענער מת איז גישטארבין נאטירליך מיט
דער צייט וויא עס איז דאס גיוויינליכער
סוף פון דאס רוב מענטשין. והחי יתן אל לבו.
חי איז גימיינט גיזונט אונ פריש כלומר ווייל
פון אזו איין אופן שטארבין מוז איין גיזונטער
אונ אפארזיכטיגער מענטש אויך זיך דער
מאנען אן טויט אונ זיך אראפ נעמען אמוסר
דער פון. איצונד וועלין מיר זיך קערין
צוא אונזער הפטרה. דען סוף סדרה וזאת
הברכה איז גישריבין ומשה בן מאה ועשרים שנה
במותו לא כהתה עינו ולא נס לחה. היינו חאטש
ביז הונדערט צוואנציג יאהר איז משה ע"ה
גיוועזין גאר גיזונד אין אללעם סייא בגוף סייא
בנפש דאך איז ער פארט געשטארבין וויא
עס איז גיקומען דיא צייט דרום זאגט דא
הקב"ה צוא יהושע משה עבדי מת וגו' כלומר
ווען מיין קנעכט משה וואס ער איז גיוועזין
דר גרעסטער אין אלע מעלות אויך גיזונד
אונ שטארק ביז זיין סוף לעבין. אונ דאס
דיא אלע פינף חומשים פון דער תורה ווערין
גירופין אויף זיין נאמען אז עס איז גישריבין אין
ספר מלאכי זכרו תורת משה עבדי. אויך שטייט דא
אין הפטרה ככל התורה אשר צוך משה עבדי אונ בייא
אללעם דעם איז ער ניט נצול גיווארין פון דעם
יום המיתה. מכל שכן דו יהושע וואס דו ביסט
נור גיוועזין זיינער אמשרת אונ אפשיטא שוין
די אלע איבעריגע לייטין וויא זייער בדארפען
זיך שרעקין פאר דעם יום המיתה. אונ דרום
זאלסטו יהושע זעהען דער עיקר פערברייגגען
דיין לעבין אין תורה ומצות דאדורך וועסטו
גליקליך זיין בעולם הזה ובעולם הבא דס גלייכן
דער כלל ישראל ווען זייא וועלין זיך קערין צו
תורה ומצות אונ תשובה אז דער פסוק זאגט
רק חזק וגו' לעשות ככל התורה וגו' כי אז תצליח את דרכך
ואז תשכיל. תצליח איז גימיינט אויף דער וועלט. אונ
ואז תשכיל (דאן וועסטו גליקליך זיין) מיינט מען
אויף יענער וועלט: